STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08342

DI NAYE IIDISHE SHUL

Yaakov Levin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

די נײַע אידישע שול

כרעסטאָמאַטיע

צווייטער טייל

(דריטע אויפלאַגע)

ניו-יאָרק, 1920.

פאַרלאַג „אידישע שול“

הויפּט-פאַרקויף ביי

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

52-50 עלדרידזש סטריט

Copyright 1919
by
JACOB L. LEVIN

אינהאַלט.

זייט

פאָררעדע — — — — — — III—IV

מעשות, פאַבלען און אגדות.

1) דריי מאָל אַ שפּרונג — אגדה 1
2) דער באָקסער־בוים — אגדה 2
3) די קעניגין און דער געלערנ־טער — — — — — אגדה 2
4) דעם זיידענס טאַביק־פּושקע (ליד)—לאה קאַפּילאָוויטש 4
5) דער קאָפּ און דאָס היטעל אנעקדאָט 5
6) הלל און שמאַי — — אגדה 6
7) די גאַנז אויף איין פוס — — אנעקדאָט 7
8) די גריל און די מוראַשקע (פאַ־בעל, פון קרילאָוו) — — — נ. יערוסאַלימטשיק 8
9) פוילקייט און פלייסיגקייט — 9
10) אַ קלוגער משפט — פון תנך 9
11) רבי און דאָס קעלבעל—אגדה 11
12) ריינקייט — — — אגדה 12
13) געזונט אָפּהיטען — — — — 12
14) דער פרעמדער (ליד) — — — מאַני לייב 13
15) צוויי ברידער — — — אגדה 16
16) דריי קלוגע עצות—נאָך גיבש 18
17) צוויי מלאכים — — יקנה״ז 19
18) גוטס טאָן און העלפען — — 21
19) דער צויבערמאַן (ליד)— יהואָש 22
20) דער מורין און זיין פיינד — פון טאָלסטאָי 23
21) נקמה נעמען — — — — 24
22) דער מלך און דער נביא — פון תנך 25
23) דער שלעכטער קעניג — — — ל. מילער 27
24) דער משכון — נאָך פ. שילער 30
25) שבת־שירה פייגעלעך — — פון מדרש 33
26) דער הונט און דער וואָלף (פאַ־בעל) — נ. יערוסאַלימטשיק 34
27) דער קאַנאַריק (ליד) — — — מ. ראָזענפעלד 35
28) אַלבערטס פסק — ז. ליבין 36

זייט

29) אַן אומזיסטער חשד — — — ל. קאָברין 38
30) ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט — — ז. ליבין 41
31) די מוטער צום קינד (ליד) — א. רייזען 44
32) פאַרלאָרען דעם בעל־הבית — ז. ליבין 45

חיות און פלאַנצען.

33) מיין קעצעלע (ליד) — — ד. איינהאָרן 49
34) דער הונט, די קאַץ און די מויז — — — ב. באָטווינניק 50
35) די קאַץ און דער קובער (פאַ־בעל, פון קרילאָוו) — — — נ. יערוסאַלימטשיק 55
36) ראַבטשיק — — שלום־עליכם 55
37) צוויי הינט (פאַבעל, פון קרי־לאָוו) נ. יערוסאַלימטשיק 55
38) לבן הארמי — מ. סטאַווסקי 57
39) מתושלח — — שלום־עליכם 58
40) דאָס פערד און דער קעמעל (פאַ־בעל) — נ. יערוסאַלימטשיק 62
41) דאָס קעלבעל — ז. פייערבערג 63
42) מיין קיהעלע (ליד)—א. כהן 65
43) פון חומש — — — — — — 66
44) די בין און די שעפּס — — פון א. לעסינג 66
45) דער פוקס און די וויינטרויבען (פאַבעל, פון קרילאָוו) — — מ. ריוועסמאַן 67
46) דער אַלטער וואָלף — — — נאָך א. לעסינג 68
47) דער לייב און דער העלפאַנד — ד. פינסקי 70
48) צוויי מייז (פאַבעל, פון קרי־לאָוו) נ. יערוסאַלימטשיק 73
49) די וועווערקעס—ש. הורוויטש 73
50) די ראַבע הון — ש. הורוויטש 76
51) די גאַנז און דער האָז (פאַבעל) נ. יערוסאַלימטשיק 78

52) אויפ'ן הויף — — — — — — — —
נאָך נ. בירנבוים 79
53) דער אינדיק און די אינדיטש־
קע — — — שלום־עליכם 79
54) דער וואָראָבייטשיק — — —
נאָך ממו"ם 80
55) דאָס פייגעלע — שלום־עליכם 81
56) דער אָדלער (ליד) — — —
מ. ראָזענפעלד 82
57) דער משפט — י. אָפּאָטאָשו 83
58) אין געיעג (ליד) — — —
ה. רויזענבלאַט 86
59) דער ערשטער אַרויספליה פון
די בינען — — — — — — — 87
60) די בין (ליד) — — יהואש 88
61) די בין און די רויז — —
נאָך שוויף 89
62) האָרנים און שפּין — — אגדה 90
64) קאָרן־שוועסטערלעך (ליד) —
ד. איינהאָרן 91
65) דער גאָרטען — שלום־עליכם 92
66) מיין גאָרטען (ליד) — — —
ח. נ. ביאַליק 94

דאָס יאָר.

67) פון חומש — — — — — — — 95
68) פרייטאָג פאַרנאַכט — ש. אש 95
69) פרייטאָג צו נאַכט — — — —
ש. י. אבראַמאָוויץ 96
70) שבת־ליכט (ליד)—פון היינע 97
71) אויף די הויכע בערג — —
א. רייזען 98
72) שבת בין השמשות (ליד) —
י. אדלער 99
73) הבדלה (ליד) — — א. רייזען 99
74) שבת צו נאַכט — — — — —
ש. י. אבראַמאָוויץ 100
75) דער איד און דער לייב —
פאָלקס־מעשה 101
76) דאָס אָנקומען פון ווינטער —
ד. איגנאַטאָוו 103
77) פעטער שנייער (ליד) — —
ד. איינהאָרן 104
78) חנוכה — נאָך פּ. האַלפּערן 105
79) חנוכה־ליכט (ליד) — — —
א. רייזען 107
80) חנוכה־געלט — שלום־עליכם 108

זייט

81) אין שניי (ליד)—מאַני לייב 110
82) דער ווינטער (ליד) — — —
מ. וואַרשאַווסקי 112
83) די מגילה פון אסתר—פון תנך 113
84) צו דער מגילה—מ. ספּעקטאָר 120
85) שלח־מנות (ליד)—א. ראָזעט 121
86) צו דער סעודה—שלום־עליכם 122
87) פורים־לידער — פאָלקס־לידער 125
88) לעצטע שניי־פליטערלעך (ליד)
ה. רויזענבלאַט 126
89) פריהלינג (ליד) — — יהואש 126
90) גרוסען (ליד)—משה טייטש 126
91) פסח — — — — — פון חומש 127
92) ערב־פסח — — שלום־עליכם 127
93) דער סדר — — ש. אנ—סקי 129
94) אַ יתום'ס סדר—מ. ספּעקטאָר 130
95) דער מאַי (ליד) — — — — —
מ. ראָזענפעלד 133
96) אַ מאַי־פּאַרטיי — — ש. אש 133
97) לג־בעומר סעודה — — — —
שלום־עליכם 135
98) לג־בעומר (ליד) — — — — —
א. י. גראָדזענסקי 138
99) שבועות — — — — פון חומש 138
100) גרינס אויף שבועות — —
שלום־עליכם 138
101) מתן־תורה — — פון חומש 143
102) זונען־אונטערגאַנג (ליד) —
יהואש 145
103) מאַמע, מאַמעלע מיינע — —
י. קרעפּליאַק 145
104) סוף זומער (ליד) — — —
ה. רויזענבלאַט 147
105) סוכות — — — — פון חומש 148
106) די סוכה — — שלום־עליכם 148
107) אין סוכה (ליד)—א. רייזען 152
108) די פאָן — — שלום־עליכם 153
109) שמחת־תורה (ליד) — — — —
מ. וואַרשאַווסקי 157
110) הערבסט־ליד — ד. טשאַרני 158

פון שול און חדר.

111) און וואו בין איך? — —
פון י. שטיינבערג 159
112) תורה איז די בעסטע סחורה—
אגדה 160
113) הלל'ס ליבע צו תורה—אגדה 161

זייט

114) דער האָן און די פּערל (פּאַבעל) — — — — יהואש 162
115) רחל און עקיבא — — אגדה 162
116) דער ערשטער טאָג אין סקול ש. אַש 164
117) אין חדר (ליד) —י. אַדלער 166
118) אַ חדר־מעשה —— ש. פרוג 166
119) דער אלף־בית (ליד) — — מ. וואַרשאַווסקי 167
120) דער ערשטער טאָג אין נייעם חדר — — — שלום־עליכם 168
121) איך בין שוין אַ גרויסער — ז. פייערבערג 169
122) אין אָוונט אין חדר — — ז.פייערבערג 170
123) פון חדר ביינאַכט — — — ז. פייערבערג 171
124) אין אָוונט אין דערהיים ז. פייערבערג 172
125) אין אָוונט (ליד) — — — מאַני לייב 174
126) אַן אומזיסטער פּאַטש — — י. ל. פּרץ 174
127) אין דער פריה — — — — לאה קאַפּילאָוויטש 175
128) די דורכגעהער און די הינט (פּאַבעל) פּ. קאַפּלאַן, פון קרילאָוו— — — — — — — 176

זייט

129) אַ ביסעל שטרוי — אגדה 177
130) אַלכּסנדר מוקדון — אגדה 177
131) אַנטקעגען מיין פענסטער (ליד) — — אַב. וויקטאָר 179
132) חנוכה (ליד) — — — — — ש. י. לאַנדינסקי 179
133) דער מלך־ווינטער (ליד) — יהואש 180
134) צוויי ברידער (ליד) — — אַב. וויקטאָר 182
135) ערב פּסח (ליד)— — — — — ש. י. לאַנדינסקי 183
136) אַ זומער־פריהמאָרגען (ליד) אַב. וויקטאָר 183
137) דער וואָלף און די פּאַסטובער (פּאַבעל) — נ. יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו — — 184
138) די מאַלפּע (פּאַבעל) — — פּ. קאַפּלאַן, פון קרילאָוו 184
139) די פּאַרשטעמפּטע שמחה (ליד) (פון די „גרינינקע ביימעלעך.“) דוד'ל, נאָך זשוקאָווסקי 185
140) בערעלע — — שלום־עליכם 188
141) רעטעניזשען: עבאַ, שפּיגעל, ציין, נאָדעל, שאָטען, ווינט, שטערן, זייגער, אויג — — 194

פאָררעדע.

דאָס בוך „די נײַע אידישע שול“ צווייטער טייל איז באַשטימט פאַר קינדער פון אַכט ביז צעהן יאָר, וואָס האָבען שוין וויניגסטענס אין משך פון אַ יאָר אָדער אַנדערהאַלבען געלערנט אידיש און זיינען שוין גוט באַקאַנט מיט׳ן עצם פראַצעס פון לייענען אידיש (אויך דעם העברייאישען עלעמענט). קינדער, וואָס זיינען גוט דורכגעגאַנגען דעם ערשטען טייל פון דער „נייער אידישער שול“, קאָנען צוטרעטען לייענען אַט דאָס צווייטע בוך.

דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט מעהר אָדער וויניגער אין איינקלאַנג מיט דער פּראָגראַם, וואָס ווערט איצט אויסגעאַרבייט פאַר די אידישע פאָלקס־שולען און באַזונדער פאַר די נײַע אידישע שולען, וואָס עס האָט איצט געגומען גרינדען דער „אַרבייטער רינג“. דער מאַטעריאַל — כמעט אינגאַנצען אָריגינעלער, פון די בעסטע אידישע שרייבער, נאָר אין אַן אונבאַדייטענדער מאָס גענומען פון אַנדערע שפּראַכען — איז איינגעטיילט אין פיער גרויסע אַפּטיילונגען:

1) **מעשות, פאַבלען און אגדות.** זיי קאָנען אַן און פאַר זיך פאַרשאַפען די קינדער גרויס פאַרגעניגען מיט זייער שענעם אינהאַלט; זיי דאַרפען אָבער אויך דיענען אַלס מאַטעריאַל צו אַנטוויקלען דאָס עטישע געפיהל פון די קינדער און איינצואָרצלען אין זיי גוטע מידות. די „ווערטער פון חכמים“ און פראַגמענטען פון חומש אינאיינעם מיט די אנטשפּרעכענדע שפּריכווערטער, וואָס זיינען צוגעגעבען דערביי, קאָנען פיעל אַרויסהעלפען אין דעם. די אַפּטיילונג אנטהאַלט נאָך אויסער דעם מעשות פונם לעבען פון אַמעריקאַנער אידישע קינדער.

2) **חיות און פלאַנצען.** די מעשות, פאַבלען און לידער פון אַט דער אַפּטיילונג, כמעט אָהן אויסנאַם אָריגינעלע און קינסטלערישע, דאַרפען באַקאַנט מאַכען די קינדער מיט פאַרשיידענע זייטען פונ׳ם לעבען פון די חיות, געבען די קינדער די נויטיגע ווערטער, דעם טייל פון דער אידישער שפּראַך, וועלכע האָט צו טאָן מיט דער לעבעדיגער נאַטור אויסער׳ן מענשען. די קינסטלערישקייט פון די מעשות קאָן אָבער אַליין שוין דיענען צו אַנטוויקלען ביי די קינדער דאָס געפיהל פון שענקייט און באַזונדערס — פון שפּראַך שענקייט.

3) **דאָס יאָר.** די אַפּטיילונג האָט די אויפגאַבע דורך קינסטלערישע דערצעהלונגען באַקאַנט מאַכען די קינדער מיט דעם, ווי די אידען, און באַזונדערס די אידישע קינדער אַליין, פלעגען פאַרברענגען די הויפּט־אידישע ימים טובים נאָך גאָר ניט לאַנג און וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט אין אָט די פייערליכע טעג. עס אַנטהאַלט אויך עטליכע גרעסערע מעשות, וואָס האָבען אַ שייכות צו פאַרשיידענע טיילען פון יאָר און אַ רייה לידער וועגען די צייטען פון יאָר.

4) **פון שול און חדר.** אַנטהאַלט מעשות וועגען לערנען בכלל, וועגען פּאַבליק־סקול און וועגען דעם חדר, ווי ער איז געווען אין די אַלטע היימען, מיט די פאַרשיידענע העכסט פּאָעטישע און שענע זייטען זיינע. צום סוף פון דער אַפּטיילונג זיינען נאָך פאַרהאַן אַ פּאָר זאַכען פון לעבען אין הויז און עטליכע לידער ספּעציעל צום זינגען.

אין יעדער אַפּטיילונג איז דער מאַטעריאַל אויסגעשטעלט פון לייכטע און קירצערע מעשות צו שווערערע און לענגערע. דער לערער דאַרף דעריבער ניט דורכגעהן צוערשט אינגאַנצען איין אַפּטיילונג און דערנאָך נעמען זיך פאַר דער צווייטער א. א. וו., נאָר לערנען איינציַיטיג זאַכען פון פאַרשיידענע אַפּטיילונגען: צוערשט, לאָמיר זאָגען, עטליכע זאַכען פון דער ערשטער אַפּטיילונג, דערנאָך איין גרופּע זאַכען (לאָמיר זאָגען וועגען דער קאַץ) פון דער צווייטער, דערנאָך אַ פּאָר פון דער פערטער און דערנאָך ווידער פון דער ערשטער א. א. וו. די מעשות וועגען די ימים־טובים איז, פאַרשטעהט זיך, בעסער צו לערנען יעדעס מאָל קורץ פאַר יעדען אַנטשפּרעכענדען יום־טוב אָדער

באַלד נאָך איהם. די מעשות וועגן חדר קאָן מען לאָזען אויפ'ן סוף פון יאָר, ווייל זייער אינהאַלט איז גאַנץ ווייט און דעריבער שווער פאַר דעם אידישען קינד אין אַמעריקע.

דער מאַטעריאַל פונ'ם בוך איז אויסגערעכענט אויף אַ יאָר פאַר אַ שול, וואו די קינדער לערנען ווייניגסטענס 5 שעה אַ וואָך אידיש. ער באַשטעהט הויפּטזעכליך ניט פון פראַגמענטען, נאָר פון מעהר אָדער ווייניגער גאַנצע זאַכען. אייניגע פון די לענגערע און שווערערע זאַכען קאָן דער לערער דורכלייענען פאַר די קינדער אין קלאַס. אויב ער האָט ניט די מעגליכקייט דורכצוגעהן מיט זיי דעם גאַנצען מאַטעריאַל אין משך פון אַ יאָר.

אין בוך זיינען פאַראַן פיעל לידער; און עס איז ווינשענסווערט, אַז די קינדער זאָלען אַ גרויסע צאָהל פון די לידער און אויך פון די פאַבלען אויסלערנען אויף אויסווענדיג.

צום סוף פונ'ם בוך געהט נאָך אַן אָפּטיילונג: איבערדערצעהלונגען, פראַגען און אויפזאַצען. די אָפּטיילונג קאָן אויף פיעל פאַרלייכטערן דעם לערער זיין אויפגאַבע צו שאַפען מאַטעריאַל פאַר שמועסען מיט די קינדער און פאַר שריפטליכע אַרבייטען. עס איז ניט קיין מוז צו פאָדערן פון די קינדער, זיי זאָלען געבען שריפטליכע ענטפערס אויף אַלע פראַגען, וואָס זיינען פאַראַן אין אַ פּאַראַגראַף: דער לערער קאָן יעדעס מאָל אָנווייזען, אויף וועלכע פון די פראַגען די קינדער דאַרפען ענטפערן. פאַר איינגערע קינדער קאָנען זיין גענוג די פראַגען פון איין פּאַראַגראַף און נאָך ווייניגער פאַר איין מאָל שריפטליכע אַרבייט; גרעסערע קינדער קאָן מען אויפגעבען צוויי פּאַראַגראַפען מיט פראַגען אויף אַמאָל און אפילו מעהר.

אין אָט דער לעצטער אָפּטיילונג און אויך אין זעהר פיעל ערטער איבער'ן גאַנצען בוך זיינען פאַראַן בילדער. עס איז ווינשעסווערט און נויטיג, אַז די לערער זאָלען פיהרען שמועסען מיט די קינדער וועגען דעם, וואָס זיי זעהען אויף די בילדער; עס איז אויך ווינשענסווערט, אַז נאָך אַזאַ שמועס זאָלען די קינדער אָנשרייבען, וואָס זיי זעהען אויף די בילדער. ביי די בילדער פון די אידישע שרייבער קאָן דער לערער איבערגעבען די קינדער זעהר און זעהר קורץ זייער לעבענסבאַשרייבונג.

די העברייאישע ווערטער זיינען אינ'ם גאַנצען בוך צעצויגען (געספּייסט), כדי אָנצודייטען די קינדער, אַז דאָס זיינען ווערטער פון העברייאישער אָפּשטאַמונג. צום סוף פון בוך ווערען די אַלע ווערטער געבראַכט (לויט'ן אלף־בית) מיט נקודות, און די קינדער קאָנען יעדעס מאָל דאָס וואָרט אויסגעפינען און דורכלעזען.

גאָר צום סוף פונ'ם בוך ווערען אויך געבראַכט די שווערערע ווערטער, וואָס געהען אַריין אין בוך, מיט געהעריגע אויסטייטשונגען.

ביים אויסלייגען האָב איך זיך געהאַלטען שטרענג אן די כללים פון דער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע. אין אייניגע פאַלען, וואו קיין כללים זיינען נאָך ניט פאַרעפענטליכט געוואָרען, האָב איך די אָרטאָגראַפיע אַ ביסעל פאַראיינפאַכט לויט דעם גייסט, וואָס הערשט אין דער קאָמיסיע בנוגע אָט די פאַלען.

איך בין פאָראויס דאַנקבאַר פאַר יעדער אויפריכטיגער קריטיק אויפ'ן בוך און פאַר יעדער זאַכליכער אנווייזונג און וועל זעהן אין די ווייטערדיגע אויפלאַגען די פעהלערן צו פאַרבעסערן.

איך באַנוץ זיך אויך מיט דער געלעגענהייט אויסצודריקען מיין טיפסטען דאַנק די לערער פון די בראָנקסער שלום־עליכם פאָלקס־שולען נומ. 1 און נומ. 3, די קאָלעגען פ. האַלמסטאַק און ל. לעהרער, פאַר זייער הילף אין דער אַרבייט ביים איבערקוקען דעם מאַטעריאַל פונ'ם בוך און פאַר זייערע זעהר און זעהר זאַכליכע און וויכטיגע אָנווייזונגען און עצות סיי בנוגע דעם גאַנצען בוך, סיי בנוגע איינצעלנע זאַכען.

ניו יאָרק, דעצעמבער 1918.

י. לעווין.

מעשות, פאבלען און אגדות.

דריי מאל א שפרונג.

א איד איז אמאל געקומען אין א פרעמדער שטאט. פארפארט ער אין א גאסטהויז. געפינט ער דאס הויז פול געפאקט מיט געסט, וואס זיצען דארט אין ענגשאפט. זעצט ער זיך אויך.

אפגעגעסען און אפגעטרונקען, וויל ער דארט בלייבען איבערנעכ־טיגען. די געסט אבער האט דאס, ווייזט אוים, ניט געשמעקט. רופט זיך אפ איינער פון די געסט צו איהם:

— ליבער פריינד! ביי אונז איז שוין אזוי אפגעמאכט, אז מען נעמט ניט צו קיין גאסט אויף נאכטלעגער, ביז ער טוט ניט דריי מאל א שפרונג פונ'ם טיש צו דער טיר.

— רעכט! — זאגט דער איד: — איך ווייס אבער ניט, ווי מען טוט דאס. זאל איינער פון אייך דאס מיר פריהער באווייזען, וועל איך איהם נאכטאן.

הייבט זיך אויף דער גאסט, גיט איין שפרונג — און ער איז שוין אין מיטען צימער; א צווייטען שפרונג — און ער איז ביי דער טיר; א דריטען שפרונג — און ער איז פון יענער זייט טיר.

כאפט דער איד און פארשליסט די טיר און זאגט דערביי מיט א שמייכעל:

— וואס עס האט געזאלט זיין מיר, זאל אויסגעהן צו דיר.

א נ ד ה.

ווערטער פון חכמים.

דער אידישער חכם הלל האט אמאל דערזעהן, ווי א קאפ שווימט אויפ'ן וואסער. האט ער געזאגט: „ווייל דו האסט דערטרונקען, האט מען דיך דערטרונקען; און דער סוף פון די, וואס האבען דיך דערטרונקען, וועט זיין, אז מען וועט זיי דערטרינקען“. (פרק)

ווער עס גראבט א גרוב פאר אן אנדערען, פאלט אין איהר אליין אריין. (משלי)

דער באָקסער־בוים.

אַמאָל איז אַ אידישער געלערנטער געפאָרען רײַטענדיג אויף זײַן אײזעל אין וועג. דערזעהט ער — אַן אַלטער מאַן שטעהט און פלאַנצט אַ באָקסער־בוים.

פרעגט ער איהם:

— אין וויפיעל יאָר ארום וועט דער בוים געבען פרוכט?

— אין זיבעציג יאָר ארום, — האָט דער מאַן געענטפערט.

האָט דער געלערנטער געלאַכט:

— איז עס דען מעגליך, אַז דו זאָלסט לעבען נאָך זיבעציג יאָר? גלויבסטו, אַז דו וועסט נאָך דערלעבען צו עסען פרוכט פון דעם בוים?

האָט איהם דער פלאַנצער געענטפערט:

— איך האָב געפונען באָקסער אויף דער וועלט. און אַזוי ווי מײַנע עלטערן האָבען געפלאַנצט באָקסער־בײמער פאַר מיר, אַזוי פלאַנץ איך באָקסער־בײמער פאַר מײַנע קינדער.

א ג ד ה.

ווערטער פון חכמים.

טו אַנדערע אַזוי, ווי דו וואָלסט וועלען, מען זאָל דיר טאָן.

(תלמוד).

ליב דעם אַנדערען ווי זיך אַליין!

(חומש).

די קעניגין און דער געלערנטער.

אַ קעניגין האָט אַמאָל פאַרלאָרען אַ בריליאַנט. האָט זי געלאָזט אויסרופען איבער'ן גאַנצען לאַנד:

— ווער עס וועט געפינען דעם בריליאַנט און אומקערען איהם אין פארלויף פון דרײַסיג טעג, וועט באַקומען אַ רײַכע מ ת נ ה. און ווער עס וועט אײנער אומקערען דעם בריליאַנט נאָך די דרײַסיג טעג, וועט מען איהם טויטען.

אַ אידישער געלערנטער האָט געפונען דעם בריליאַנט און האָט איהם אומגעקערט נאָך די דרײַסיג טעג.

פרעגט איהם די קעניגין:

— ביסטו ניט געוועזען דאַ אין לאַנד?

— איך בין יאָ געוועזען, — האָט דער געלערנטער געענטפערט.

— האָסט אַ פ ש ר ניט געהערט, וואָס איך האָב אויסגערופען?

— איך האָב יאָ געהערט. דו האָסט געלאָזט וויסען, אַז ווער עס וועט אומקערען דעם ברילִיאַנט פאַר די דרײַסיג טעג וועט באַקומען אַ מ ת נ ה; און וועט אײַנער איהם אומקערען נאָך די דרײַסיג טעג, וועט מען יענעם טױטען.

— הײַנט פאַרוואָס קערסטו איהם אום איצט, נאָך די דרײַסיג טעג? — האָט די קעניגין געפרעגט: — איצט דאַרף מען דיך דאָך טױטען!

— איך האָב געוואָלט באַווײַזען, — האָט דער געלערנטער געענטפערט, — אַז איך קער אום די א ב ד ה נים אויס מ ו ר א פאַר'ן טויט, אויך נים צוליב דער מ ת נ ה, נאָר דערפאַר, וואָס עס איז נים עהרליך צו האַלטען פרעמד גוטס.

די קעניגין האָט געלויבט דעם געלערנטען פאַר זײַן עהרליכקײַט און מוט. זי האָט איהם געגעבען רײַכע מ ת נ ו ת און אָפּגעלאָזט ב ש ל ו ם אַהײַם.

א ג ד ה.

פ ו ן ח ו מ ש.

דו טאָרסט נים צוקוקען, ווי דײַן פרײַנדס אָקס אָדער שעפּס בלאָנזשעט אַרום, און מאַכען זיך, ווי דו זעהסט נים. דו מוזט זײַ צוריקקערען צו דײַן פרײַנד. און אויב דײַן פרײַנד איז ווײַט פון דיר, אָדער דו קענסט איהם נאָרנים, זאָלסטו זײַ אַרײַננעמען צו זיך אין הויז און האַלטען, ביז דער פרײַנד וועט זײַ פאָדערן; וועסטו זײַ איהם דעמאָלט צוריקקערען. און אַזוי זאָלסטו טאָן מיט יעדען פאַרלוסט פון דײַן פרײַנד, וואָס דו וועסט געפינען.

ווען דו וועסט באַגעגענען דעם אָקס אָדער דעם אײזעל פון דײַן פײַנד אַרומבלאָנזשען, מוזטו זײַ איהם צוריקקערען.

אַז מען היט אָפּ פרעמדס, קומט מען צו אײגענס.

(שפּריכוואָרט).

דעם זיידענס טאַביק־פּושקע.

— זיידע, ווייז דיין טאַביק־פּושקע,
איך וויל אויך אַ שמעק.
„געה, דו ביסט אַ שטיפער", — זאָגט ער,
און ער געהט אַוועק.

טראַכט איך: אַז דער זיידע ט'שלאָפען,
קיינער וועט ניט זיין,
וועל איך אויף די שפּיצען פינגער
אין זיין שטוב אַריין,

אויסזוכען די פּושקע טאַביק
אין זיין לאַנגען ראָק,
אָנמעסטען די גרויסע ברילען,
אומגעהן מיט זיין שטאָק.

טאַביק וועל איך קענען שמעקען,
וויפיעל נאָר איך וויל;
וועל איך אויסזעהן, ווי אַ זיידע,
אוי, אַ שענע שפּיל!

שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפען!
בין איך באַלד ביים טיר,
שפּאַן אַריין צו איהם אין קאַמער,
ס'הערט זיך ניט קיין ריר.

כאַפּ איך זיידעס ראָק פון בעטעל,
זוך די טאַביק אויס,
נעם דעם שטעקען און די ברילען
און איך געה אַרויס.

שטעל איך זיך אַנטקעגען שפּיגעל
אין דעם זיידענס ראָק,
מיט די ברילען אויף די אויגען,
אין מיין האַנט דעם שטאָק.

וויל איך עפענען די פּושקע,
קען איך ניט, ס'איז שווער;
ריים איך זי מיט אַלע כּוחות,
דרייה זי הין און הער.

ביז עס רײַסט זיך אויף דאָס דעקעל
מיט אַ גרויסען פּראַל;
פליהט אין נאָז און אין די אויגען
טאַביק — ביטער־גאַל!

— האַפּטשי! האַפּטשי! זײַדע, זײַדע!
גיכער, קום אַהער!
האַפּטשי! אוי, די אויגען, זײַדע!
כ'וועל ניט טאָן דאָס מעהר!

קומט דער זײַדע שנעל צו לויפען:
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?"
— אוי, ס'איז ביטער אין די אויגען,
ביטער דאָ אין נאָז!

„זעהסט? — זאָגט ער, — וועסט נאַשען טאַביק,
אַז דער זײַדע שלאָפט?"
כ'ווײַס, איך בין געווען אַ שלעכטער,
האָט מיך גאָט געשטראָפט...

לאה קאַפּילאָוויטש.

דער קאָפּ און דאָס היטעל.

דער מענש איז אין דער א מ ת'ן אַ וואונדערבאַרע מאַשין — האָט איין פויער געזאָגט צום צווייטען. — אַלץ אין איהם איז אויפ'ן אָרט און אַלץ איז נויטיג: די הענט זײַנע טוען פאַרשײַדענע אַרבײַט; די פיס שטעהען, געהען און לויפען; די נאָז אָטעמט; דאָס מויל עסט און רעדט; די צײַן קײַען; דער האַלז שלינגט; די אויגען זעהען; די אויערן הערען. איין זאַך אָבער פאַרשטעה איך ניט: צו וואָס נוצט דער קאָפּ? דער קאָפּ טוט דאָך גאָר קיין אַרבײַט ניט. אויף וואָס איז דער מענש באַשאַפען געוואָרען מיט אַ קאָפּ?

— נאַר אײנער! — האָט איהם דער צווײטער פויער געענטפערט. — וואָס וואונדערסטו זיך? דער מענש מוז דאָך האָבען אַ קאָפּ. ווען ניט — אויף וואָס וואָלט ער געטראָגען דאָס היטעל?

אַנעקדאָט.

רעטעניש.

1) וועלכע באַשעפעניש געהט אום אויף פיער פיס אינדערפריה, אויף צוויי — בײַטאָג און אויף דרײַ — פאַרנאַכט?

הלל און שמאי.

אמאל זיינען געווען צוויי אידישע געלערנטע, צוויי גרויסע באַוואוסטע חכמים. איינער פון זיי האט געהייסען הלל, דער אנדערער — שמאי.

די צוויי גרויסע לייט האבען זיך שטארק אונטערשיידט איינער פונ׳ם אנדערען. שמאי איז געווען א שטרענגער און א בייזער, הלל — א מילדער און א גוטער.

איינמאל קומט צו שמאי׳ן א מאן, א געצענדיענער, און זאגט:

— איך בין גרייט צו ווערען א איד, אויב דו וועסט מיך אויסלערנען אייער גאנצע תורה פאר דער צייט, וואס איך וועל שטעהן אויף איין פוס.

איז שמאי אין כעס געווארען, האט געכאפט א שטעקען און ארויסגעטריבען דעם מאן.

געהט דער מאן אוועק צו הלל׳ן און זאגט איהם אויך דאס־זעלביגע:

— איך בין גרייט צו ווערען א איד, אויב דו וועסט מיך אויסלערנען אייער גאנצע תורה פאר דער צייט, וואס איך וועל שטעהן אויף איין פוס.

זאגט הלל:

— גוט, מיין זוהן! „וואס דיר איז נישט ליב, זאלסטו נישט טאן דעם אנדערען" — דאס איז דער עיקר, די הויפט־מצוה פון אונזער תורה; דאס איבעריגע גיט נאר בעסער צו פארשטעהן אט די מצוה. און ווילסטו, געה לערן, וועסטו וויסען.

דער מאן איז געגאנגען און געווארען א איד. ער האט אנגעהויבען לערנען און איז געווארען איינער פון די געלערנטסטע מענשען ביי די אידען.

האבען קלוגע לייט געזאגט: „שמאי׳ס כעס האט פארטריבען א מענשען פון דער תורה, און הלל׳ס מילדקייט האט איהם צוגעצויגען".

אגדה.

ווערטער פון חכמים.

דער כעס איז א נאר. (שפריכווארט).

האב ליב דעם אנדערען ווי זיך אליין! (חומש).

אייל זיך ניט אין כ ע ס צו ווערען: צאָרן רוהט אין שוים פון נאַראָנים. (קוהלת).

די ת ו ר ה האָט קיין גרונט. (שפריכווארט).

ה ל ל זאָגט: האָב ליב מענשען און דערנעהענטער זיי צום לערנען. ער פלעגט אויך זאָגען: אויב איך אַליין בין ניט פאַר זיך, טאָ ווער איז פאַר מיר? און ווען איך אַליין בין נאָר פאַר זיך, וואָס בין איך? און אויב ניט איצט — ווען דען? (פון פרק).

די גאַנז אויף איין פוס.

אמאָל איז אַ קינד געזעסען מיט זיין פאָטער ביים מיטאָג. מען האָט דערלאַנגט געבראָטען־פלייש מיט די פיסלעך פון דער גאַנז.

דערווייל האָט זיך דער פאָטער פארקוקט. האָט דאָס קינד גענומען אַ פיסעל און עס אויפגעגעסען.

דער פאָטער האָט זיך אומגעקוקט, זעהט ער, אַז ס'איז דאָ נאָר איין פיסעל. פרעגט ער דאָס קינד:

— דו האָסט אויפגעגעסען אַ פיסעל?

— ניין טאַטע, — ענטפערט דאָס קינד, — די גאַנז האָט געהאַט נאָר איין פוס.

— סטייטש, — זאָגט דער פאָטער, — וואו האָסטו געזעהן אַ גאַנז מיט איין פוס?

— קום צום טייך, — זאָגט דאָס קינד, — וועל איך דיר ווייזען אַ ס ך גענז, וואָס האָבען נאָר איין פוס.

נאָכ'ן עסען איז דער פאָטער מיט'ן קינד געגאַנגען צום טייך, און דאָס קינד האָט דעם פאָטער געוויזען, ווי אַ גאַנז איז געשטאַנען אויף איין פוס. דער אַנדער פוס איהרער האָט זיך ניט ארויסגעזעהן.

— זעהסטו, טאַטע! אָט איז אַ גאַנז מיט איין פוס.

— האָסט אַ ט ע ו ת, — האָט דער פאָטער געזאָגט און אַ טריב געטאָן די גאַנז. די גאַנז האָט אַראָפּגעלאָזען דעם אַנדער פוס.

— ע, — זאָגט דאָס קינד, — האָסט דאָך די גאַנז מיט דער האַנט אַ טריב געטאָן. ווען דו וואָלסט ביים טיש אויך אַ טריב געטאָן מיט דער האַנט, וואָלט ביי יענער גאַנז אויך געוואָרען צוויי פיסלעך.

אנעקדאָט.

די גריל און די מוראַשקע.

אונזער שפּרינגערין די גריל
אָפּגעזונגען האָט אַ זומער,
ביז דער ווינטער פול מיט קומער
איז זיך אָנגעקומען שטיל.
אָפּגעשטאָרבען וואַלד און פעלד;
ס'האָט זיך שוין די צייַט געפעהלט,
ווען בייַ יעדען גרינעם בלאַט
האָט זי גרייטע קעסט געהאַט.
אַלץ אַוועק איז וויַט אַהינטער,
און דער קאַלטער בייזער ווינטער
ברענגט דעם הונגער באַלד
צוטראָגען.

זינגט שוין אונזער גריל ניט מעהר.
נאָר עס קאָן דען זינגען ווער
אויף אַ הונגעריגען מאָגען?
און צו דער מוראַשקע שטיל
פויזעט נעבעך אונזער גריל.
— לאָז מיך, פריינד, ביי דיר
פאַרבלייבען,
מעהרער קרעפטען אָנצוקלייבען;
ביז דעם ליבען פריהלינג בלויז
גיב מיר עסען אין דיין הויז.
— פריינד, איך קוק דיך עפּעס אָן:
זומער וואָס האָסטו געטאָן?
ענטפערט יענע מיט פאַראַכט:
— ווער האָט דאָס פון דעם געטראַכט?
אין די גרינע גראָזען דאָ
פלעג איך לידער יעדע שעה
זינגען לוסטיג... און פון פרייד
האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייהט.
— אַ?... — דער זומער אין זיין גלאַנץ
איז אַוועק נאָר אין געזאַנגען...
— האָסט געזונגען? גאָט צו דאַנקען!
איצט, זיי מוחל, געה אַ טאַנץ.

נ. יערושאַלימטשיק.

פוילקייט און פלייסיגקייט.

געה, פוילער, צו דער מוראַשקע, זעה, ווי זי פיהרט זיך, און לערן זיך אָפּ: זי גרייט אום זומער צו איהר שפּייז און זאַמעלט עסענוואַרג אין שניט־צייט. (משלי).

אַז מען גרייט זיך אָן אין דער יוגענד, האָט מען אויף דער עלטער. (שפּריכוואָרט).

איבער פוילקייט פאַלט איין דער באַלקען און דורך ליידיג געהן רעגענט אַריין אין הויז. (קוהלת).

ווי עסיג צו די ציין און ווי רויך צו די אויגען, אַזוי איז דער פוילער צו דעם, וואָס שאַפט זיך מיט איהם. (משלי).

אָרימקייט און פוילקייט זיינען צוויי לייבליכע שוועסטער. (שפּריכוואָרט).

פוילקייט געהט אַזוי לאַנגזאַם, אַז די אָרימקייט דעריאָגט זי גלייך. (שפּריכוואָרט).

די וואָס זייהען מיט טרערען, וועלען שניידען מיט געזאַנג. (תהלים).

זיבען יאָר האָט דער הונגער אַרומגעשפּאַצירט איבער דער וועלט און דעם שוועל פונ'ם פלייסיגען האָט ער ניט אַריבערגעטראָטען. (תלמוד).

ווען דו עסט פון דער אַרבייט פון דיינע אייגענע הענט, איז אַזוי גוט און וואויל צו דיר.

ווער עס האָט פיינט מ ת נ ו ת, יענער וועט לעבען. (משלי).

ווער עס איז געצוואונגען צו זיצען ביי פרעמדע טישען, איז זיין לעבען קיין לעבען ניט. (בן סירא).

אַ קלוגער מ ש פ ט.

אַמאָל איז ביי די אידען געווען אַ קעניג, האָט ער געהייסען ש ל מ ה. זיינען צום קעניג ש ל מ ה איינמאָל געקומען צוויי פרויען און האָבען זיך געשטעלט פאַר איהם; און איינע פון די פרויען האָט געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיין האַר, הער מיך אויס. איך און אָט די פרוי וואוינען אין איין הויז. האָב איך געבוירען אַ קינד, און אין דריי טעג אַרום האָט זי אויך געבוירען אַ קינד. און מיר זיינען געווען ביידע צוזאַמען, און אויסער אונז ביידען איז קיינער ניט געווען אין שטוב. איז דאָס קינד פון אָט דער פרוי געשטאָרבען ביינאַכט, ווייל זי האָט זיך אויף איהם אַרויפגעלייגט. איז זי אויפגעשטאַנען ביינאַכט, האָט צוגענומען מיין קינד ביי מיר, ווען איך בין געשלאָפען, און האָט עס

אַוועקגעלײגט צו זיך, און איהר טויט קינד האָט זי אַוועקגעלײגט צו מיר. ווען איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפריה אַנזויגען מײַן קינד, זעה איך — ערשט עס איז טויט. האָב איך זיך אין איהם אײַנגעקוקט, ערשט עס איז ניט מײַן קינד.

האָט די צווײטע פרוי געזאָגט:

— נײן, דער לעבעדיגער איז מײַן זוהן, און דער טויטער — דײַן זוהן.

און די ערשטע זאָגט:

— נײן, דײַנער איז דער טויטער און מײַנער — דער לעבעדיגער.

האָט דער קעניג געזאָגט:

— די פרוי זאָגט: מײַן זוהן איז דער לעבעדיגער און דײַנער איז דער טויטער; און די אַנדער פרוי זאָגט אויך דאָס זעלביגע. ברענגט אַ שווערד!

האָט מען געבראַכט אַ שווערד. האָט דער קעניג געזאָגט צו זײַנעם אַ דיענער:

— צעשנײַד דאָס לעבעדיגע קינד אויף דער העלפט און גיב אײן העלפט צו אײן פרוי און די אַנדער העלפט צו דער צווײטער.

האָט געזאָגט די פרוי, וואָס איהר זוהן איז דער לעבעדיגער, ווײַל זי האָט רחמנות געקראָגען אויף איהר קינד:

— איך בעט דיך, מײַן האַר, גיב איהר אָפּ דאָס קינד, נאָר ניט טײט איהם.

און די צווײטע פרוי זאָגט:

— נישט מיר, נישט דיר. צעשנײַד!

האָט דער קעניג געזאָגט: שנײַד ניט! גיב איבער דאָס לעבעדיגע קינד דער ערשטער פרוי, זי איז זײַן מוטער.

פון תנ״ך.

דער אמת קומט אַרויס ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער.

רבי און דאָס קעלבעל.

ביי אידען איז אמאָל געווען אַ גרויסער מאַן מיט׳ן נאָמען ר ב י. איינמאָל האָט מען אין גאַס פאַרביי ר ב י׳ן דורכגעפיהרט אַ קעל־בעל צו דער ש ח י ט ה. רייסט זיך דאָס קעלבעל אויס און לויפט צו צו ר ב י׳ן. עס שטעקט אריין דעם קאָפ אונטער דער פאָלע פון זיין מאַנטעל און לאָזט אַרויס אַ וויינענדיגען ברום, ווי איינער זאָגט: „ראַ־טעווע מיך!“

רופט זיך אָן ר ב י:

— קעלבעלע, געה דיר דיין וועג; אויף דעם ביסטו געבאָרען גע־וואָרען.

— ער האָט גאָר קיין ר ח מ נ ו ת ניט אויף לעבעדיגע באַשעפ־פענישען! — האָט מען פון הימעל אויסגערופען — זאָל ער דערפאַר אַליין אַ ביסעל י ס ו ר י ם ליידען!

און ר ב י איז באַלד קראַנק געוואָרען!

אין אַ צייט אַרום מאַכט זיך, אַז ר ב י׳ס דיענסט האָט קערענדיג די שטוב געוואָלט אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס קליינע מייזע־לעך. דערזעהט עס ר ב י. רופט ער זיך אָן: „לאָז זיי צורוה! עס איז אַ ר ח מ נ ו ת אויף אַלע באַשעפענישען“.

האָט מען פון הימעל אויסגערופען:

— ער האָט ר ח מ נ ו ת, דאַרף מען אויף איהם אויך ר ח מ נ ו ת האָבען.

און ר ב י איז באַלד גענעזען געוואָרען פון זיין קרענק.

א ג ד ה.

ווערטער פון ח כ מ י ם.

ווען דו וועסט זעהן, ווי דער אייזעל פון דיין פיינד פאַלט אונטער זיין לאַסט, טאָרסטו זיך ניט אָפּזאָגען פון צו העלפען איהם. דו מוזט איהם העלפען! (חומש).

ווער עס וויל, מען זאָל אויף איהם ר ח מ נ ו ת האָבען, מוז ר ח מ נ ו ת האָבען אויף אַנדערע. (בן סירא).

האָט ר ח מ נ ו ת אַפילו אויף אַ פליג. (שפריכוואָרט).

אידען זיינען ר ח מ נ י ם ב נ י ר ח מ נ י ם.

(שפריכוואָרט).

ריינקייט.

הלל הזקן פלעגט נאָך זײַן דרשה געהן שפּאַצירען צו־זאַמען מיט זײַנע תלמידים.

ביים אָפּשייד האָבען איהם די תלמידים אַ פרעג געטאָן: „רבי, וואוהין איילסטו זיך?“

ענטפערט ער: „אַ מצוה טאָן“.

— „וואָס פאַר אַ מצוה?“

— אָרומוואַשען זיך.

— אַט דאָס רופסטו מצוה? — האָבען די תלמידים גע־פרעגט?

— געוויס — האָט הלל געענטפערט. — האָט איהר געזעהן די קעניגליכע בילדער, אויסגעשטעלט אין די טעאַטערס און צירקען? אויף זיי איז באַשטימט אַ באַזונדער אויפזעהער, וואָס וואַשט זיי און פוצט זיי. הײַנט וויפיעל מעהר מוז מען ריין האַלטען דעם אָפּבילד פון גאָט — דעם מענשען!

אגדה.

געזונט אַפּהיטען.

בעסער צו זײַן אָרים און געזונט, איידער קראַנק און רײַך.

(בן סירא).

קיין רײַכקײַט קאָן זיך ניט פאַרגלײַכען מיט אַ געזונט לעבען.

(בן סירא).

ווער עס עסט מיט אַ מאָס, איז זײַן שלאָף זיס, און אין דער פריה שטעהט ער אויף אַ פרייהליכער.

(בן סירא).

שטאָפּ זיך ניט איבער מיט נאַשערײַען. פון פיעל עסען האָט מען נאָכדעם פיעל שמערצען: דער סוף פון איבערזעטיגקײַט איז בויכ־וויהטאָג.

(בן סירא).

מען מעג עסען, אָבער ניט פרעסען. (שפּריכוואָרט).

וואָס „צו“ איז אומגעזונט. (שפּריכוואָרט).

אויך פון צופיעל לאַכען טוט וויה דאָס האַרץ. (בן סירא).

אַז מען עסט, טאָר מען ניט רעדען! (תלמוד).

פון אַ שיכור אין דער יוגענד ווערט אַן אָרימאַן אויף דער עלטער.

(שפּריכוואָרט).

וואַש זיך ריין, וועסטו זיין געזונט און שען.

דער פרעמדער.

קאַלט און פינסטער איז די נאַכט.
טיר און טויער צוגעמאַכט.
פענסטער בלינדע אָהן אַ שײַן
שטאַרען אין דער נאַכט אַרײַן.
קאַלט און פינסטער, קאַלט און שפעט.
שלאָפט זיך יעדער אין זײַן בעט.
שלאָפען שלאָפט נאָר ניט דער ווינט
און די בילענדיגע הינט.
און דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט.
און מיט וואַקלענדיגע טריט,
און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פאַרגאַרטעלט מיט אַ שטריק,
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.
זעהט ער ווײַט אַ פּאַלאַץ שטעהן,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ געהן.
ביז עס קרײַהט דער ערשטער האָן
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:
סטוק־סטוק־סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!
איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...
— סטוק־סטוק! פרעמדער, געה אַוועק,
אונזער קלײנעם קינד ניט וועק;
זאַט און וואַרים אין ליו־ליו
שלאָפט זיך אונזער קינד אין רוה...
בײגט דער פרעמדער אײַן דעם קאָפּ,
קערט זיך פון דעם פּאַלאַץ אָפּ.
זעהט ער ווײַט אַ שטיבעל שטעהן,
לאָזט ער זיך צום שטיבעל געהן.
ביז עס קרײַהט דער ערשטער האָן
קלאַפּט ער אין דעם שטיבעל אָן:
סטוק־סטוק־סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!
איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...
און דער פרעמדער וואַרט ניט פיעל,

עמיץ שאַרט זיך אין דער שטיל
ביי דער טיר און ביי דעם שלאָס.
קומט אַרויס דער בעל־הבית:
— פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.
און דער פרעמדער בייגט זיך איין,
קריכט אין שטיבעל קוים אַריין,
קומט אַריין און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,
און ער זאָגט אַרויסעט גלייך:
— נו, אַ פינסטערניש ביי אייך!
ענטפערט איהם דער בעל־הבית:
— קויפען נאַפט ניטאָ פאַר וואָס.
— ווי־וויוואו איז ביי'ך און קאַלט,
ממש ווי אין מיטען וואַלד.
ענטפערט איהם דער בעל־הבית:
— קויפען האָלץ ניטאָ פאַר וואָס.
— הייסט עס, ס'איז ניט פריילעך דאָ.
און קיין ברויט איז אויך ניטאָ?
ענטפערט איהם דער בעל־הבית:
— קויפען ברויט ניטאָ פאַר וואָס.
אָך און ווייה צו מיינע זינד,
אַז מיין הונגעריגעס קינד
האָט געוויינט פאַרשמאַכטערהייט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקעל ברויט!"
און אָהן כוחות ליעגט עס שטיל
איצטער אויפ'ן האַרטען דיל...
קראַצט דער פרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפ'ן דיל אַראָפּ,
שפּרייט זיין אַלטע טאָרבע אויס
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:
— אַז ס'איז פינסטער דאָ און קאַלט
ממש ווי אין מיטען וואַלד,
אַז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לייג איך מיר זיך אָט־אָ־דאָ...
איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָן אַ קרייה.
ווי עס קרייהט אַזוי דער האָן,
צינדט די לאָמפּ אַליין זיך אָן;

און דער אויוועז — גוט און פײַן —
הײַצט מיט האָלץ אַלײַן זיך אײַן;
און עס ווערט אַלײַן דער טיש
פול מיט טעלער, פלייש און פיש,
און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.
און דער פרעמדער — אָט געווען,
אָט געוועז און אָט געזעהן —
פלוצלונג טוט אַ זאָג, און לאַכט:
— בעל־הבית, אַ גוטע נאַכט!
און ער פליהט, ווי ער איז גרוים,
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרוים.
— אָ, אָ, נסים, אָדער וואָס?
טראַכט בײַ זיך דער בעל־הבית.
נאָר ער זעהט: דער אויוועז ברענט,
און די לאָמפּ באַלײַכט די ווענט,
און דער טיש אַ פולער שטעהט
מיט מאכלים צוגעגרייט.
טראַכט דער בעל־הבית ניט פיעל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פון דיל.
וואַשען זיי זיך, עסען פרום,
זעצען זיך ביים טיש אַרום,
עסען זיי און לויבען גאָט
פאַר זײַן חסד און גענאָד.
און אין דרויסען פײַפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ ווײַנט דאָס קינד.
לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מען זוכט אַ לאָמפּ אַרום.
זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קײַן לאָמפּ איז אַלץ ניטאָ.
און אַלץ שטאַרקער ווײַנט דאָס קינד,
און אין דרויסען פײַפט דער ווינט.
און עס בילען בייז די הינט.
נאָר דעם פרעמדען אַרט עס ניט.
און מיט וואַקלענדיגע טריט,
מיט דער טאַרבע אויף די הענט
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.
שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט, אין ווײַטען וועג.

מאני לייב.

פון חומש.

ווען דײַן ברודער וועט פאַראָרימט ווערען און זײַן געפאַלען, זאָלסטו איהם שטיצען—מעג ער זײַן אַ פרעמדגעבאָרענער אָדער אַן אײַנגעזעסענער; און זאָל ער לעבען מיט דיר! דו מוזט איהם העלפען! און זאָל עס דיר ניט פאַרדריסען, וואָס דו גיסט איהם!

און ווען דו וועסט עפענען דײַן האַנט פאַר איהם, זאָלסטו איהם לײַען גענוג, ער זאָל האָבען אויף אַלץ, וואָס איהם פעהלט. ברײַט זאָלסטו עפענען דײַן האַנט פאַר דײַן ברודער, פאַר די אָרימע און נויטבאַדערפטיגע פון לאַנד.

ווען איהר וועט אָראָפּשנײַדען אײַער ת ב ו א ה, זאָלט איהר ניט שנײַדען ביז'ן ברעג פון פעלד און ניט אויפקלײַבען די אײנצעלנע אָראָפּגעפאַלענע זאַנגען. און איהר זאָלט ניט אַראָפּנעמען די קלענערע ווײַנטרויבען פון אײַער ווײַנגאָרטען און ניט אָראָפּקלײַבען די אײנצעלנע טרויבען: איהר זאָלט דאָס איבערלאָזען פאַר דעם אָרימאַן און פאַר דעם פרעמדגעבאָרענעם!

צווײ ברידער.

אַמאָל זײַנען געווען צווײ ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט ניט קײן ווײַב, ניט קײן קינדער; דער אינגערער האָט געהאַט אַ ווײַב מיט קלײנע קינדערלעך. זײ זײַנען בײדע געווען אָרימע ערדאַרבײַטער און האָבען געהאַט נאָר אײן שטיקעל ערד, וואָס דער פאָטער האָט זײ איבערגעלאָזען ב י ר ו ש ה. די ברידער האָבען ניט געוואָלט צעטײלען צווישען זיך זײער י ר ו ש ה, ווײַל זײ האָבען ליב געהאַט אײנער דעם אַנדערען. זײ פלעגען באַאַרבײַטען די ערד צוזאַמען און פלעגען דערנאָך צעטײלען זיך מיט די גאַרבען גלײַך אויף גלײַך און יעדער פון זײ פלעגט אָוועקלײגען די קופּעס גאַרבען לעבען זײַן געצעלט.

אײנמאָל איז דער עלטערער ברודער, באַלד נאָכ'ן אָפּשנײַדען די ת ב ו א ה, געלעגען בײַנאַכט אויף זײַן געלעגער און ניט געקאָנט אײַנשלאָפען. ער האָט געטראַכט וועגען זײַן ברודער: „ער האָט אַ פרוי מיט קינדער און דאַרף זײ געבען עסען און מאַכען פאַר זײ אַ קלײד און אַ שוך. אָבער איך בין מיר אײן מענש אויף דער וועלט; וואָס דאַרף איך? — אָפּעסען, און גאָר! פאַר וועמען האָב איך צו זאָרגען? הײַנט ווי אַזוי נעם איך דאָס פון דער ת ב ו א ה אַזאַ ח ל ק, ווי מײַן ברודער? דאָס איז ניט קײן י ו ש ר!“

און ער איז אויפגעשטאַנען אַרום האַלבע נאַכט פון זײַן געלעגער און האָט אין דער שטיל איבערגעלייגט אַ טייל פון זײַנע גאַרבען אין דעם ברודערס קופּע. און ווען ער האָט אָפּגעטאָן זײַן אַרבײַט, האָט ער זיך אוועקגעלייגט און איז גלײַך זיס אײַנגעשלאָפן.

די זעלבע נאַכט האָט אויך דער אינגערער ברודער ניט געקאָנט אײַנ־שלאָפן. ער איז געלעגן און האָט געטראַכט וועגן זײַן עלטערן ברו־דער: „אַ ר ח מ נ ו ת אויף איהם. ער איז נעבעך עלענד. איך האָב אַ ווײַב מיט קינדערלעך, זאָלען לעבען און געזונט זײַן; אויף דער עלטער וועלען מײַנע קינדער מיך אויסהאַלטען. אָבער וואָס וועט מיט איהם זײַן אויף דער עלטער? הײַנט ווי אַזוי טיילען מיר דאָס די ת ב ו א ה פון פעלד גלײַך אויף גלײַך? דאָס איז ניט קײן י ו ש ר. ער דאַרף באַקומען אַ גרעסערען ח ל ק!"

און נאָך גאַנץ פריה, פאַרטאָג, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט שטי־לערהייט איבערגעלייגט אַ טייל פון זײַנע גאַרבען אין דעם ברודערס קופּע. נאָכדעם האָט ער זיך צוריק געלייגט און איז באַלד אײַנגעשלאָפן.

אויף מאָרגען זעהען די ברידער, אַז זייערע קופּעס זײַנען בײדע גלײַך; האָבען זײ זיך געוואונדערט, נאָר געשוויגען.

די אַנדער נאַכט האָבען די ברידער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס נעכ־טען. און אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען זײ דערזעהן, אַז זייערע קופּעס זײַנען ווידער גלײַך. האָבען זײ זיך נאָך מעהר געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבען אײנער צום אַנדערען גע־טראָגען זייערע גאַרבען, האָבען זײ זיך באַגעגענט אין מיטען וועג. זײ זײַנען געפאַלען אײנער דעם אַנדערען אויפ'ן האַלז און מיט טרערען אין די אויגען גענומען קושען און האַלזען זיך.

אגדה.

ווערטער פון חכמים.

ווי גוט און אַנגענעם עס איז, ווען ברידער לעבען פרײַנד־ליך צוזאַמען!

(משלי).

זאָלסט ניט פײַנט האָבען דײַן ברודער אפילו אין האַרצען!

(פון חומש).

וואו ליבשאַפט איז קײן ענגשאַפט.

(שפּריכוואָרט).

דריי קלוגע עצות.

אַ רייכער מאַן האָט געשפּאַצירט אין זיין גאָרטען און האָט דערזעהן אַ פייגעלע, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ. ער האָט באַפרייט דאָס פייגעלע פון נעץ און גענומען עס אין האַנט. פּלוצלונג האָט דאָס פייגעלע אָנגעהויבען צו רעדען צו איהם אויף אַ מענשליכער שפּראַך:

— לאָז מיך אָפּ, מענש! שען בין איך ניט; זינגען קאָן איך ניט, און צום עסען טויג איך ניט. דו וועסט פון מיר קיין שום נוצען ניט האָבען. און וועסטו מיך באַפרייען, וועל איך דיר געבען דריי נוצליכע ע צ ו ת.

דער מענש האָט איינגעשטימט, און דאָס פייגעלע האָט געזאָגט:

„ניט קימער זיך וועגען דעם, וואָס עס איז שוין פאַרביי.

באַגער ניט דאָס, וואָס דו קאָנסט ניט דערגרייכען.

און גלויב ניט אין דעם, וואָס עס קאָן ניט זיין“.

דעם מענשען זיינען געפעלען געוואָרען די ע צ ו ת פון׳ם פייגעלע און ער האָט עס אָפּגעלאָזען. דאָס פייגעלע איז אַרויפגעפלויגען אויף דעם נאָהענטסטען בוים און האָט זיך פריידליך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט דער מענש געפרעגט.

— איך לאַך פון דיר. — האָט דאָס פייגעלע געענטפערט. — ווען דו וואָלסט געווען קליגער, וואָלסטו געוואָרען דער רייכסטער מענש אויף דער וועלט.

— ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט ווערען? — האָט דער מענש פאַרוואונדערט געפרעגט.

— גאַנץ פּ ש ו ט; דו האָסט מיך געדאַרפט פאַרהאַלטען און ניט פריילאָזען. זיי וויסען, ש ו ט ה, אַז איך טראָג אין זיך אַ דימענט, די גרייס ווי אַ הינערש איי.

דער מענש איז געשטאַנען צעמישט פאַר פאַרדראָס, און ווען ער איז אַ ביסעל צו זיך געקומען, האָט ער אָנגעהויבען איינצושמועסען דאָס פייגעלע, עס זאָל זיך צוריקקערען צו איהם.

טייער פייגעלע! — האָט ער געזאָגט — דאָס גליק ליעגט גאָרניט אין דער פרייהייט. באַלד וועט קומען דער קאַלטער ווינטער, און דו וועסט אין ערגעץ ניט געפינען קיין קערענדעל, ניט קריגען קיין טראָפּען וואַסער. קום בעסער צו מיר און דו וועסט פאַרברענגען די צייט אין וואַרימקייט און פאַרגעניגען.

דאָס פייגעלע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט און האָט געענטפערט:

— דו האָסט מיך באַפרייט פאַר מיינע גוטע ע צ ו ת, און דו האָסט זיי גלייך פאַרגעסען. דערמאָן זיך, וואָס האָב איך דיר געזאָגט: ערשטענס — קימער זיך ניט וועגען דעם, וואָס עס איז שוין פאַרביי. און דיר פאַרדריסט שוין, וואָס דו האָסט מיך אָפּגעלאָזען. צווייטענס — ניט

באַגער דאָס, וואָס דו קאָנסט ניט דערגרײַכען. און דו ווילסט, איך זאָל צוריקגעהן צו קנעכטשאַפט, צום טויט. ענדליך — ניט גלויב אין דעם, וואָס עס קאָן ניט זײַן. און דו, נאַרישער מענש, האָסט מיר גלײַך גע־גלויבט, אַז איך טראָג אין זיך אַ דימענט, די גרייס ווי אַ הינערש איי, ווען איך אינגאַנצען בין צוויי מאָל קלענער פון אַזאַ'ן איי.

ביי די ווערטער האָט זיך דאָס פֿייגעלע אויפגעהויבען און איז אַוועק־געפלויגען.

נאָך גיבש.

אַ נאַר גלויבט אין יעדער זאַך, אַ קלוגער פאַרשט פריהער אוים.

(משלי).

צוויי מלאכים.

צוויי מלאכים — דער מלאך פון טויט און דער מלאך פון שלאָף — האָבען זיך איינמאָל פאַרנאַכט צוזאַמענגעטראָפען אויף אַ הויכען באַרג הינטער אַ שטאָט. דער מלאך פון טויט איז געפלויגען אין שטאָט נעמען אַ נשמה פון אַ קראַנק אינגעלע, וואָס די דאָק־טוירים האָבען איהם שוין אָפגעזאָגט דאָס לעבען. דער אינגעל איז גע־לעגען און געמאַטערט זיך, און טאַטע און מאַמע זײַנען לעבען איהם גע־זעסען און געוויינט. דער מלאך פון שלאָף איז געפלויגען אוים־שפרייטען דעם שטויב פון שלאָף דאָ פון דעם הויכען באַרג אויף גאַר דער וועלט.

די צוויי מלאכים האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן — אפשר הונדערט יאָר; האָבען זיי זיך זעהר דערפריידט, אָפגעגעבען איינער דעם צווייטען „שלום עליכם“. און צוזאַמען געזעצט זיך אויפ'ן באַרג און גערעדט וועגען דער שליחות, אין וועלכער זיי זײַנען געשיקט פון הימעל.

— גליקליך, איבערגליקליך בין איך מיט מײַן שליחות, — האָט אָנגעהויבען דער מלאך פון שלאָף; — באַלד ווי עס וועלען זיך נאָר ווײַזען די ערשטע דרײַ שטערען, וועל איך אויסשפרייטען מײַן שלאָף־שטויב איבער גאַר דער וועלט; וועט אַ ליבער, זיסער שלאָף אָננעמען אַלע מענשען, פון דעם הונדערטיעריגען זקן ביז דעם מינדסטען קינד, וואָס ליעגט אין וויגעלע. דעם קראַנקען וועלען לײַכטער ווערען זײַנע וויטהאָגען; דער אַרבײַטער וועט אויסרוהען פון זײַן פראַצע. דער אָרימאַן וועט פאַרגעסען אָן זײַן אָרימקייט; קינדער וועלען אָנקלײַבען

פרישע כוחות פאַר דעם קומענדיגען טאָג, און מאָרגען פריה וועלען אַלע אויפשטעהן און לויבען גאָט פאַר זיין גענאַד. גליקליך, איבערגליקליך בין איך, גאָטס שליח. אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דער אָנגענעמער שליחות, וואָס דו האָסט מיך מזכה געווען מיט איהר; נו, און דו, גוטער ברודער, האָסטו עפּעס אויך פאַרגעניגען פון דיין שליחות?

— איך האָב איצט זעהר קיין צייט ניט צו רעדען מיט דיר. — האָט דער מלאך־המות געזאָגט — אין פינף מינוט אַרום דאַרף איך זיין אין אַן אָרט צונעמען אַ נשמה. איינער מאַטערט זיך דאָרט, און די נשמה קען אָהן מיר ניט אַרויס. אויב דו ווילסט, וואַרט אויף מיר דאָ: איך וועל אַ פליה טאָן, צונעמען די נשמה און איך קום באַלד צוריק; וועל איך האָבען צייט צו שמועסען.

— וואַרט, אַנטלויף ניט, — האָט איהם דער מלאך פון שלאָף אָפּגעהאַלטען, — זאָג מיר, ווער איז דער גוסס — אַן עלטערער, אַ אינגערער?

— אַ קינד.

— פיעל איז אַלט דאָס קינד?

— זיבען יאָהר מיט זיבען חדשים מיט זיבען טעג.

— ווי זשע נעמסטו דאָס צו די נשמה ביי אַזאַ קינד? די עלטערן זיצען געוויס און קלאָגען. דו האָסט גאָר קיין רחמנות ניט?

— איך ווייס ניט פון רחמנות,—זאָגט דער מלאך־המות,

— אַ שענע מעשה וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אויף אַלעמען געהאַט רחמנות. אַ גוטע נאַכט, איך פליה.

— טאָ זיץ נאָך עטליכע מינוט.

— אַפילו קיין האַלבע מינוט אויך נישט, איך מוז קומען פונקט צו דער סעקונדע. ווען איך זאָל פאַרשפּעטיגען, ווערט דער גזר־דין צעריסען, און דער חולה וועט לעבען און לעבען אפשר נאָך זיבעציג יאָהר, צי מעהר; ער וועט זיין פונקט ווי אַ ניי־געבאָרענער.

— טאָ זאָל ער טאַקע לעבען, וואָס אַרט דיך?

— ניין, ניין, ניין, — זאָגט דער מלאך־המות, — איך מוז פליהען צונעמען די נשמה! און ער האָט זיך אַ הייב געטאָן און געוואָלט פליהען.

נעמט דער גוטער מלאך פון שלאָף און כאַפּט איהם אַן פאַר זיינע שוואַרצע פליגלען, ער זאָל ניט פליהען. איז אָבער דער מלאך־המות פיעל שטאַרקער פון דעם גוטען מלאך און ער רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט.

זעהט דער מלאך פון שלאָף, אַז מיט כוח וועט ער גאָרנישט ניט מאַכען. נעמט ער דעם שלאָף־שטויב און בלאָזט איהם אַריין אין די טויזענט אויגען פון דעם מלאך־המות. און די מינוט איז דער מלאך־המות געפאַלען אַ שלאָפעדיגער אויפ׳ן באַרג. זיבען מייל אויף זיבען מייל האָט זיך געהערט, ווי ער כראָפּעט. דערווייל איז אַריבער די רגע, דער גזר־דין איז צעריסען געוואָרען, דאָס קראַנקע אינגעלע האָט אָפּגעלעבט, געעפענט די אייגעלעך און גערופען די מאַמען. די מאַמע איז געקומען צו לויפען, האָט עס אַרומגענומען און געקושט.

און ווען דער מלאך־המות האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין זיבען שעה אַרום און געפלויגען אַהין צום אינגעלע, ערשט... ס׳איז שוין שפּעט... דער מלאך רפאל, וואָס היילט קראַנקע, זיצט צוקאָפּענס ביים חולה; און די מאַמע האָדעוועט איהם מיט געשמאַקען זופּ, און דאָס אינגעלע עסט מיט אַפּעטיט. דאָס אינגעלע איז לעבען געבליבען, און דער מלאך־המות איז אַוועק מיט בזיונות.

יקנה״ז.

גוטס טאָן און העלפען.

זאָלסט זיך ניט אָפּהאַלטען פון צו טאָן גוטס, ווען נאָר דו האָסט די מעגליכקייט. (משלי).

ביסטו זאַט מיט ברויט, געדענק אָן דעם הונגעריגען; ביסטו זאַט מיט רייכקייט, געדענק אָן דעם אָרימאַן. (בן סירא).

זעה, זאָלסט ניט פאַרשעמען דיין ברודער, ווען דו עפענסט פאַר איהם דיין האַנט! (בן סירא).

זאָלסט ניט שטעהן, ווען מען שלאָגט דיין ברודער, און שווייגען. דו מוזט איהם העלפען! (חומש).

ווען אייגער פאַרמאַכט זיין אויער פאַר דעם געשריי פון געדריקטען, וועט זיך קיינער ניט אָפּרופען, ווען ער אַליין וועט רופען נאָך הילף. (בן סירא).

ראַטעווע דעם באַרויבטען פון זיינע רויבער און נעם זיך פעסט אָן פאַר איהם. (בן סירא).

ווען דו וועסט זעהן, ווי דער אָקס אָדער דער אייזעל פון דיין פיינד פאַלט אונטער זיין משא, מוזטו איהם העלפען! (חומש).

פאַרשליס ניט דיין מויל, ווען דו קאָנסט העלפען דיין פריינד מיט אַ וואָרט. (בן סירא).

אַ גוט וואָרט איז אָפטמאָל בעסער פון אַ מתנה. (בן סירא).

דער צויבערמאַן.

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן:
האָט ער אויגען מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענעם האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטען מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופען שטאַרק:
„כ'האָב מתנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אוים פון זיי...“

ווערט אַ טומעל און געלאַף,
זעלטען מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דעם וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ'האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מעהר.
האָט איהר צייט אַ פערטעל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ“.

איין באַגער נאָר און ניט מעהר —
אויסצוקלייבען זעהר שווער.
קלער אַהער און קלער אַהין,
פּלאָג אַ גאַנג מיך און געפין,
וואָס איז בעסער, דאָס צו יענס;
שרייען אַלע ווי די גענז.
פון די אַלע מענשען פיעל
ווייסט ניט איינער, וואָס ער וויל;
זיינען אַלע אין אַ קלעם,
פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטען — טרו־טרו־טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשוואונדען שטילערהייט

איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדערנעם געשפּאַן...

י ה ו א ש.

ווי וואָלט איהר קינדער, געטאָן אין אזא פאַל?
וואָס וואָלט יעדער פון אייך, קינדער, געבעטען ביים צויבערמאַן?

דער מורין און זיין פיינד.

אין שפּאַניען האָבען אמאָל געוואוינט צוויי פעלקער — שפּאַניער און מורינעם. די שפּאַניער זיינען געווען קריסטען און די מורינעם — מאַכמעדאַנער. האָבען זיי זיך אָפט געקריגט צווישען זיך און געווען איינע די אַנדערע די גרעסטע ש ו נ א י ם.

טרעפט זיך אמאָל, אַז אַ מורין האָט זיך צעקריגט מיט אַ שפּאַניער. צווישען זיי האָט אויסגעבראָכען אַ געשלעג. דער שפּאַניער האָט אַ שטאָך געטאָן דעם מורין מיט אַ מעסער. דער מורין איז געפאַלען אַ טויטער, און דער שפּאַניער איז אַנטלאָפען.

אָפּגעלאָפען אַ שטיק וועג, הערט ער — מען יאָגט זיך נאָך איהם; קוקט ער אוים אַן אָרט, וואו צו באַהאַלטען זיך. דערזעהט ער פאַר זיך אַ גאָרטען, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקען. שפּרינגט ער אַריבער דעם פּאַרקען און טרעפט דאָרט דעם ב ע ל - ה ב י ת פון גאָרטען. דערצעהלט ער איהם די גאַנצע מ ע ש ה און בעט איהם, ער זאָל איהם ניט אַרויס-געבען. דעם ב ע ל - ה ב י ת האָט די מ ע ש ה ניט שטאַרק גע-וואונדערט: אין יענע צייטען פלעגען אַזעלכע בלוטיגע צוזאַמענשטויסען טרעפען אָפט.

— גוט,—זאָגט דער ב ע ל-ה ב י ת, — איך וועל דיך ניט אַרויס-געבען.

און ער האָט אַראָפּגעריסען אַן עפּעל, צעבראָכען איהם אויף דער העלפט, געגעבען אַ העלפט דעם שפּאַניער און געזאָגט:

— נאַ, עס, זיי מיין גאַסט.

דער ב ע ל - ה ב י ת פון גאָרטען איז געווען אַ מורין. און ביי די מורינעם איז געווען אַ מ נ ה ג, אַז דער וואָס האָט מיט זיי פון איין זאַך געגעסען, האָט זיך גערעכענט פאַר זייערען אַ גאַסט, און זיי זיינען מ ח ו י ב געווען צו פאַרטיידיגען איהם פון אַלע אומגליקען און באַגעהן זיך מיט איהם, ווי מיט אַן אייגענעם.

דער ב ע ל - ה ב י ת האָט אַריינגעפיהרט דעם שפּאַניער צו זיך

אין הויז, געגעבען איהם עסען און געלייגט איהם שלאָפען. ביינאכט קומט מען צו דעם מורין און מען דערצעהלט איהם, אַז מען האָט געטויט זיין זוהן, נאָר דעם ר ו צ ח האָט מען ניט געפונען. דעמאָלט האָט זיך דער מורין אָנגעשטויסען, וואָס פאַר אַ גאַסט ער האָט צו זיך אריינגענומען. און אַז די מענשען זיינען אוועק, האָט ער אָנגעזאָטעלט זיין בעסט פערד, אויפגעוועקט דעם גאַסט און צו איהם געזאָגט:

— הער צו! איך האָב געהאַט איין איינציגען זוהן; ער איז מיר טייערער געווען פון אַלץ אויף דער וועלט, און דו האָסט איהם דער־ה ר ג'עט. שטעה אויף! איך האָב פון דיינעטוועגען אַ פערד אָנגעזאָ־טעלט. פאָר גלייך אוועק! איך וועל מיין וואָרט האַלטען און וועל דיך ניט אָנרירען. נאָר אויב וועט פון מיינע ק ר ו ב י ם וועט דיך דערזעהן, ביסטו פאַרפאַלען: זיי וועלען עס דיר ניט שענקען.

דער מורין האָט צוגעפיהרט זיין גאַסט צום טויער, גענומען איהם עפע־נען, און די הענט ציטערן ביי איהם. ער האָט אויפגעעפענט דעם טויער און געזאָגט צום שפּאַניער:

— געה געשווינד! דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיר געגעבען כ ו ח מיין האַרץ איינצוהאַלטען.

פון טאָלסטאָי.

נ ק מ ה נעמען.

זאָלסט ניט נ ק מ ה נעמען און ניט היטען קיין פיינדשאַפט צו דיינע פאָלקסברידער! (חומש).

איז דיין ש ו נ א הונגעריג, גיב איהם עסען ברויט; איז ער דאָרשטיג, גיב איהם טרינקען וואַסער. (משלי).

ווען דיין פיינד פאַלט, פרייה זיך ניט; ווען ער גליטשט זיך אויס, זיי ניט לוסטיג! (משלי).

פרייה זיך ניט, ווען דיין פיינד שטאַרבט. מיר אַלע וועלען אַמאָל שטאַרבען. (בן סירא).

ווען דיין פריינד רופט דיך העלפען איהם אויסלאָדען און דיין פיינד — אָנלאָדען, געה פריהער צום פיינד. (תלמוד).

זאָלסט ניט פיינט האָבען דיין ברודער א פ י ל ו אין האַרצען! (חומש).

דער מלך און דער נביא.

אמאָל איז ביי די אידען געווען אַ קעניג, האָט ער געהייסען אחאָב.

לעבען אחאָב'ס אַ פּאַלאַץ האָט זיך געפונען אַ וויינגאָרטען, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ אידען מיט'ן נאָמען נבות. האָט אחאָב געזאָגט צו נבות'ן: „גיב מיר דיין וויינגאָרטען; איך וויל פון איהם מאַכען אַ גרינסגאָרטען פאַר מיר, ווייל ער ליעגט לעבען מיין פּאַלאַץ. איך וועל דיר דערפאַר געבען אַ בעסערען וויינגאָרטען, אָדער איך וועל דיר באַצאָהלען מיט געלט“.

האָט נבות געענטפערט: „איך קאָן דיר דעם וויינגאָרטען ניט אָפּגעבען, ווייל איך האָב איהם באַקומען בירושה פון מיינע עלטערן“.

איז אחאָב אַוועק אַהיים אַן אומעטיגער. איהם האָט פאַרדראָסען, וואָס נבות האָט איהם אָפּגעזאָגט און ניט געוואָלט איהם געבען דעם וויינגאָרטען.

האָט זיך אחאָב געלייגט אויף זיין בעט, זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט און ניט געוואָלט נעמען עסען.

קומט צו איהם זיין פרוי איזבל און פרעגט איהם: „וואָס ביסטו אַזוי אומעטיג, פאַרוואָס עסטו ניט?“

האָט איהר אחאָב דערצעהלט, אַז ער האָט געבעטען ביי נבות'ן דעם וויינגאָרטען, און נבות וויל איהם ניט געבען.

זאָגט איזבל: „שטעה אויף, עס, זיי פריילוך; איך וועל דיר שוין געבען נבות'עס וויינגאָרטען“.

האָט זי אין אחאָב'ס נאָמען אָנגעשריבען בריף צו די עלטסטע פון דער שטאָט, וואו נבות האָט געוואוינט. און זי האָט זיי געבעטען: „דינגט אַ פּאָר שלעכטע מענשען; זאָלען זיי זאָגען אויף נבות'ן אַז ער האָט געזידעלט דעם קעניג. און איהר וועט נעמען נבות'ן צום געריכט; און די פאַלשע מענשען זאָלען עדות זאָגען געגען איהם. און איהר וועט צו'ם שפּט'ן נבות'ן צום טויט און איהם פאַרשטיינען“.

האָבען די עלטסטע פון נבות'עס שטאָט אַזוי געטאָן און זיי האָבען פאַרשטיינט נבות'ן.

ווען איזבל האָט דערהערט, אַז נבות איז טויט, איז זי געקומען צו אחאָב'ן און געזאָגט:

„געה איצט, נעם צו אומזיסט נבות'עס וויינגאָרטען, וואָס ער האָט דיר ניט געוואָלט געבען פאַר געלט“.

איז אַחאָב געפאָרען נעמען נבות'ס ווייַנגאָרטען. ווען ער איז געווען אין ווייַנגאָרטען, איז צו איהם צוגעקומען אליהו הנביא

און מיט כעס געזאָגט: „דו האָסט איהם דערה'רג'עט און איצט ווילסטו איהם נאָך ירש'נען? דערפאַר וועלען הינט אַמאָל לעקען דייַן בלוט דאָרט, וואו זיי האָבען געלעקט נבות'ס בלוט. עס וועט קומען אַן אומגליק אויף דיר, און איך וועל אויסראָטען דיך און דייַן גאַנץ הויז־געזינד, ווייַל דו האָסט געטאָן שלעכטס".

ווען אַחאָב האָט דערהערט אָט די רייד, האָט ער צעריסען זייַנע קליידער, אָנגעטאָן אַ זאַק און געפאַסט און איז קוים אַרומגעגאַנגען.

האָט אליהו געזאָגט: „ווייַל אַחאָב האָט חרטה געהאַט, וועט דאָס אומגליק קומען ניט בייַ זייַן לעבען, נאָר בייַם לעבען פון זייַן זוהן".

פון תנ"ך.

ווערטער פון חכמים.

זאָלסט ניט זאָגען קיין פאַלשע עדות! (חומש).

זאָלסט ניט שווערען אויף פאַלש! (חומש).

זאָלסט ניט מאָרדען! (חומש).

מיט דיין גאַנצען האַרצען זאָלסטו קעמפען פאַר'ן אמת!

(בן סירא).

דער שלעכטער קעניג.

א.

אמאל האט א קעניג געלעבט אין א לאנד,
א קעניג א בייזער, א שלעכטער...
און האט ניט קיין קינדער געשאנקען איהם גאט,
דערפאר האט דער קעניג דער שלעכטער געהאט
צעהן טויזענט באוואפענטע וועכטער...

און שלעכט איז דער קעניג געווען צו זיין פאלק:
גערויבט און געריסען אי צינזען, אי שטייער;
מיט שווייס האט זיך יעדער באארבייט זיין פעלד,
און איז נאר געקומען דער ווינטער, די קעלט,
איז ליידיג געוועזען דער שייער...

דאך שטיל האט דאס פאלק זיך געטראגען דעם יאך,
דעם קעניג געווען אונטערטעניג...
און האט אין גרוים נויט זיך געלעבט דאן דאס פאלק,
דערפאר האט כ ס ד ר אהן ח ש ב ו ן, אהן טאלק
געהוליעט, גע'ש י כ ו ר'ט דער קעניג...

ב.

א מאל האט געטראפען א הונגער אין לאנד;
א היישעריק האט דאן די פעלדער באפאלען...
און וויסט האט דער היישעריק געלאזען די ערד,
און האט נאך פארמאגט ווער א קוה, ווער א פערד,
איז אלץ, אלץ פון הונגער געפאלען...

דער קעניג, ער האט דאך פאלאצען געהאט,
און טייערע פערד און קארעטען...
פיעל טייערע בלומען אויף יעטוועדען טראט,
געבראטענע טויבען צו עסען געהאט,
געשלאפען אין גאלדענע בעטען...

פיעל שפייכלערס מיט ת ב ו א ה האט דער קעניג געהאט,
און האבען ביים קעניג די פערד אין די שטאלען

אי האָבער, אי היִי דאָן געגעסען צו זאַט,
אין לאַנד זײַנען קינדער אויף יעטוועדען טראַט
פון הונגער אין גאַסען געפאַלען...

ג.

פון די הײַזער טרײַבט דער הונגער,
דורך די גאַסען פיהרט די נויט,
פיהרט דאָס פאָלק צום קעניגס פאַלאַץ —
בעטען ברויט...

ווי אַ ווינט, אַ שטיל געמורמעל;
רונד אַרום דעם פאַלאַצס וועגט
שטום און בעטענד אויסגעשטרעקטע
דאַרע הענט...
אויף די פנים׳ער דער הונגער,
פון די אויגען בליקט דער טויט...
רופט דאָס פאָלק אוים צו דעם קעניג:
— „גיב אונז ברויט!“...

ד.

הוליען געסט בײַם קעניגס טישען,
און דער קעניג שיכור איז,
פלוצים טוט פון אָרט דער קעניג
זיך אַ ריס: —

— היִי, איהר וועכטער, זאָגט, וואָס ווילען,
וואָס פאַרלאַנגען דאָרט די מײַז?
בלאַסע ענטפערן די וועכטער:
— „ברויט און שפײַז“...

לאַכט דער קעניג ווילד און ש י כ ו ר:
— זיִי פאַרלאַנגען ברויט און שפײַז?
וואַרפט אַראָפ פון טיש די ברעקלאַך
צו די מײַז...

ה.

ווי דער קעניג רעדט דאָס לעצטע וואָרט ארויס,
טוט אַ פליה פאַרביי אַ מויז...
רײַבט אַזוי דער קעניג זיך די אויגען אויס,
פליהט פאַרבײַ אַ צווייטע מויז...

זוכט דער קעניג זײַנע געסט אַרום אין שרעק,
זײַנען זײַנע געסט אַוועק...
און דאָ שטעלט אַ מויז זיך אויף זײַן האַנט אַוועק,
כאַפּט ער צו די האַנט אין שרעק...

ווי דער קעניג טוט אַזוי די האַנט אַ כאַפּ,
שפּרינגט די מויז איהם אויף דעם קאָפּ...
כאַפּט דער קעניג ווי משוגע זיך בײַם קאָפּ,
שפּרינגט זי איהם אין שוים אַראָפּ...

ו.

איבער זאַלען יאָגט דער קעניג, ווי קאַלך ווײַס.
יאָגען זיך נאָך איהם די מײַז,
און עס צײַגען פּיסטשענדיג די מײַז
צייִנדלעך קלייִנע, שאַרף און ווײַס...

טשעפּען זיך די מײַז אין קעניגס קלייִדער אײַן,
קריכען איהם אין האַלז אַרײַן...
גראָבט דער קעניג אין דער ערד דעם פּנים אײַן,
און פאַרגעהט אַזוי אין פּײַן...

אויף דער ערד, אין פּאַלאַץ, הענט און פיס צעשפּרייִט,
ליגט דער שלעכטער קעניג, טויט...
פון דעם קעניגס שפּײַכלערס געהן קינד־און־קייִט,
און זיי טראָגען זעק מיט ברויט...

ל. מילער.

דער משכון.

אין אַ שטאָט האָבען געוואוינט צוויי גוטע פריינד — מיראָם און קלעאָן. זיי האָבען זיך צוזאַמען אויפגעהאָדעוועט, צוזאַמען געלערנט און שפּעטער צוזאַמען אַרויסגעפאָרען איבער דער וועלט. איצט האָבען זיי זיך ביידע באַזעצט אין איין און דערזעלבער שטאָט.

מיראָם האָט געהאַט אַ פיינד, וועלכער איז אויף איהם געווען אין כעס. געהט דער פיינד און פאַר'מסר'ט איהם פאַר דעם קעניג פון שטאָט. האָט דער קעניג פאַר'משפּט מיראָסען צום טויט דורך אויפהענגען.

זאָגט מיראָם צום קעניג:

— איך בין אומשולדיג. נאָר דו גלויבסט מיר ניט; בין איך גרייט צו שטאַרבען. איין זאַך נאָר וויל איך ביי דיר בעטען: לאָז מיך אָפּ אויף דריי טעג, איך זאָל קאָנען געהן אין מיין געבורטשטאָט און זעגענען זיך מיט מיינע עלטערן.

— און ווער קאָן מיר ערב זיין, אַז דו וועסט האַלטען וואָרט? — האָט דער קעניג מיט אַ געלעכטער געפרעגט.

— איך וועל בעטען מיין פריינד קלעאָן, וועט ער פאַר מיר אַ משכון זיין, — האָט מיראָם געענטפערט.

דער הערשער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט מיט אַ כיטרען שמייכעלע:

— רעכט, איך לאָז דיך אָפּ אויף דריי טעג. נאָר אויב דו וועסט צו דער צייט ניט קומען צוריק אַהער, וועל איך דיין פריינד טייטען אָנשטאָט דיר.

איז מיראָם אַוועק צו זיין פריינד און האָט געזאָגט:

— מען האָט מיך פאַר'משפּט צום טויט. איך וויל אָבער געהן אין מיין געבורטשטאָט נאָך אַמאָל זעהן זיך מיט מיינע עלטערן. בעט איך דיך, דו זאָלסט זיך לאָזען נעמען אין טורמע פאַר אַן ערב, אַז איך וועל זיך צו דער צייט צוריקקערען.

— מיט פאַרגעניגען, — האָט קלעאָן איינגעשטימט. ער האָט אַרומגענומען מיראָסען, געזעגענט זיך מיט איהם און געלאָזט זיך פאַרשמידען אין קייטען און פאַרזעצען אין טורמע.

מיראָם איז גלייך אַוועקגעגאַנגען אין זיין געבורטשטאָט. זיינע עלטערן האָבען זיך זעהר דערפרייהט מיט איהם. ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי צוויי טעג און אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער זיך אָפּגעזעגענט מיט זיי און געזאָגט, אַז ער וועט זיי שוין איצט מסתמא לאַנג ניט זעהן. די מוטער האָט געוויינט, ווען זי האָט זיך געזעגענט מיט איהם, און דער פאָטער האָט איהם אַרויסבאַגלייט פון שטאָט.

און מיראָם האָט זיך איילענדיג געלאָזט צוריק אין וועג אַריין, כדי

ער זאָל ניט פאַרשפּעטיגען צו דער באַשטימטער צייט.

פלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסער שטורעם. עס האָט אָנגעהויבען דונערן און בליצען. ס'האָט אַ שמיץ געטאָן אַ רעגען. פון די בערג האָבען זיך אַ לאָז געטאָן שטראָמען וואַסער; דער טייך, וואָס האָט געפּלייצט איבער'ן וועג, איז פול געוואָרען און האָט זיך פאַנאַנדער־געגאָסען. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבען אַלץ העכער און האָט אַראָפּ־געטראָגען די בריק.

מיראָם איז צוגעקומען צום ברעג — ערשט דער טייך האָט זיך אויפ־געהויבען. ער האָט זיך געוואָרפען אַהער, אַהין, געזוכט אַן אָרט, וואו מען קאָן אַריבערגעהן דעם טייך, גערופען צו הילף; נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט. און קיין שיפעל האָט זיך אויך ערגעץ ניט געזעהן. און דער טייך האָט גערוישט און געשטורעמט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט זיך מיראָם אַריינגעוואָרפען אין וואַסער און אָנגעהויבען שווימען, מיט אַלע כ ו ח ו ת ראַנגלענדיג זיך מיט'ן שטורעמדיגען טייך. און איהם איז געלונגען צו דערגרייכען דעם צווייטען ברעג.

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגערוהט און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט, זיינען איהם אַנטקעגען אָנגעקומען ג ז ל נ י ם און איהם געוואָלט טייטען.

— וואָס פאַרלאַנגט איהר פון מיר?—האָט מיראָם אויסגעשריען— איך האָב גאָרנישט. מעהר ווי דאָס לעבען האָב איך נישט, דאַרף איך עס, כ ד י צו ראַטעווען מיין פריינד פון טויט. האָט ר ח מ נ ו ת אויף מיין ח ב ר!

האָבען זיך די ג ז ל נ י ם פאַרשעמט און זיינען אָפּגעטראָטען, און מיראָם איז אַוועק זיין וועג. ער איז געגאַנגען געשווינד. די זון האָט איהם געברענט מיט שרעקליכער היץ; די לופט איז געווען שטיקענד; עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיין שאָטען, און מיראָם איז געבליבען אָהן כ ו ח ו ת. ער איז געפאַלען און זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

פלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי אַ וואַסער פּלייצט ניט ווייט פון איהם. ער איז קוים דערקראָכען צום נאָהענטען ברעגעל און האָט דאָרט געפונען אַ זילבער־קלאָרען קוואַל, וואָס האָט געשלאָגען פון דער ערד. ער האָט זיך אָנגעטרונקען, אָפּגעפרישט די כ ו ח ו ת און געשווינד אַוועק ווייטער.

פון די ביימער האָבען זיך אָנגעהויבען צו לייגען אויף די לאַנקעס אַלץ לענגערע שאָטענס.

צוויי אומבאַקאַנטע מענשען זיינען געגאַנגען איבער'ן וועג. מיראָם האָט זיי אָנגעיאָגט. פלוצלונג דערהערט ער, ווי איינער פון זיי זאָגט צום אַנדערען:

— איצט מוז מען איהם שוין א ו ד א י הענגען.

פון שרעק, אַז זיין פריינד קאָן אומקומען, זיינען אַזוי ווי פליגלען אויסגעוואַקסען אויף מיראַסעס פּיס...

און אַט איז ער שוין אין שטאָט. די שפּיצען פון די שטאָטישע טורעמס זיינען שוין געווען באַגולט מיט די שטראַלען פון דער פאַרגע־הענדיגער זון. אַנטקעגען מיראַסען איז אַרוים דער פאַרוואַלטער פון זיין פריינדס הויז.

— צוריק! — האָט ער געשריען צו מיראַסען, לויפענדיג איהם אַנט־קעגען, — דו האָסט שוין סיי ווי פאַרשפּעטיגט. אַנטלויף! טראַכט נאָר וועגען דיין אייגענער רעטונג. ער האָט געהאַפט פון ש ע ה צו ש ע ה, האָט אַלץ געוואַרט און ניט געגלויבט, אַז דו וועסט פאַר־שפּעטיגען. מען האָט פון איהם געלאַכט; מען האָט פאַרזיכערט, אַז דו ביסט אַ ליגנער, אַ פאַלשער, אַ פאַררעטער. אָבער קיינער האָט ניט געקאָנט צעשטערען זיין האָפנונג.

— אָ, אויב ס'איז שפּעט — האָט מיראַס געזאָגט — אויב מיין קומען קאָן איהם שוין ניט ראַטעווען, וויל איך ל פּ ח ו ת מיט איהם איינאיי־נעם שטאַרבען!

און ער האָט זיך געלאָזט לויפען.

די זון איז דערוויַיל שוין אַרונטער. פון ווייטען האָט מיראַס שוין דערזעהן די ת ל י ה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן שטאָט־פּלאַץ, און דעם ע ו ל ם, וואָס האָט גערודערט אַרום. ער האָט אויך דערזעהן, ווי מען פיהרט זיין פריינד און ווי מען הייבט איהם מיט אַ שטריק אויף דער ת ל י ה.

מיראַס האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישען ע ו ל ם און אָנגעהויבען שרייען:

— האַלט! הענגט ניט! אַט בין איך דאָ!

דער ע ו ל ם האָט אַ ציטער געטאָן. און אין אַ ווייַלע אַרום זיינען די פריינד איינער דעם צווייטען געפאַלען אויפ'ן האַלז און געוויינט פאַר פרייד.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט צוזאַמען מיט זיי געוויינט.

און דאָס האַרץ פונ'ם קעניג איז אויך ווייך געוואָרען. ער האָט גע־הייסען ברענגען פאַר זיך ביידע פריינד און געזאָגט:

— איהר וועט ביידע בלייבען לעבען. איצט זעה איך, אַז ס'איז דאָ פריינדשאַפט און אַז ס'איז דאָ עהרליכקייט. איך בין זיכער, מיראַס, אַז דו ביסט אומשולדיג. און איהר ביידע לאָזט מיר אויך ווערען אייער פריינד און געניסען פון אייער פריינדשאַפט און געטרייקייט.

נאָך שילער.

ווערטער פון חכמים.

מאנכער פריינד איז צוגעבונדענער פון א ברודער. (משלי).
א פריינד ליבט צו יעדער צייט. (משלי).
א טרייער פריינד איז א זיכערע שוץ; ווער עס געפינט איהם, גע־פינט אן אוצר. (בן סירא).
עס איז גאר ניט אפצושאצען אן א מ ת'ען פריינד; זיין ווערט קאן מען מיט־זילבער ניט אפוועגען. (בן סירא).
בעסער איין אלטער פריינד פון צוויי נייע. (משלי).
זאלסט ניט פארבייטען אן אלטען פריינד אויף א נייעם, ווייל דער נייער קאן זיך מיט איהם ניט פארגלייכען. (בן סירא).
וואס דו ברענגסט ארוים פון דיינע ליפען, זאלסטו היטען! חומש).

שבת־שיר ה־פייגעלעך.

קנעכט זיינען געווען אונזערע עלטערן ביי פ ר ע ה'ן אין מ צ ר י ם. פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט האבען זיי שווער געארבייט. אויך ביינאכט האבען זיי קיין רוה ניט געהאט. נאך איידער דער מאר־גענשטערן איז אויפגעגאנגען, איז שוין דער אויפזעהער מיט דער רוט געקומען: „שטעהט אויף, קנעכט, צו דער ארבייט!"

דאס פאלק פארלאזט די געצעלטען, געהט אוועק אין פעלד אריין צו דער ארבייט. די מוטערס שטעהען אויף, גרייטען צו שפייז פאר זייערע מאנען, איבערלאזענדיג די קינדער אליין אין די געצעלטען. די עלענדע קינדער זאמלען זיך צונויף אויפ'ן פעלד און שפילען זיך. זיי זעהען, ווי גאנצע מ ח נ ו ת פויגעל פליהען ארום מיט א הילכיגען געזאנג אונטער'ן בלויען הימעל. אפטמאל לאזען זיך די פויגעל אראפ אויף דער ערד, און די קינדער ווארפען זיי צו שטיקלעך ברויט. די פייגעלעך דערצעהלען זיי וועגען דעם שענעם לאנד, וואס געפינט זיך אויף יענער זייט בארג; פון די טייכען, וואס פליסען דארט; פון די בלומען, וואס בליהען אזוי שען. און זיי זינגען פריילעכע לידער פון פרייהייט.

שטיל הערען זיך די קינדער צו און פרעגען: „זאגט אונז, ליבע פייגעלעך, זייט איהר פריי, אדער איהר לעבט אין קנעכטשאפט?" און די פייגעלעך ענטפערן מיט פרייד: „פריי זיינען מיר, ליבע קינדער! וואוהין מיר ווילען, פליהען מיר. ניטא קיין בעסערע זאך פון פרייהייט! ליבט קינדער די פרייהייט, און אז איהר וועט גרעסער ווערען, זאלט איהר זעהן באפרייען זיך פון אייער קנעכטשאפט". אזוי האבען די פויגעל געזונגען.

אַמאָל אין אַ שענעם פריהלינג־פריהמאָרגען זיינען די פייגעלעך געקומען צופליהען צו זייערע גוטע פריינד און האָבען דערזעהן, ווי די אידען שטעהען אַנגעטאָן, גרייט אין וועג אריין. זיי שטעהען מיט די שטעקענס אין די הענט און איילען זיך צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, וואו זיי זיינען קנעכט געווען; און די געזיכטער זייערע זיינען געווענדט צו דעם שענעם לאַנד, וואָס אויף יענער זייט בארג.

די קינדער האָבען דערזעהן די פויגעל און אויסגערופען מיט גרויס פרייד:

— פריי זיינען מיר, ליבע פייגעלעך! מיר פאַרלאָזען דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט!

און די פויגעל האָבען געענטפערט מיט פרייהליכען געזאַנג, ווי זיי וואָלטען געגריסט די קינדער אויף דעם וועג פון פרייהייט און גליק.

און אַ מ נ ה ג איז דערפאַר ביי אידען פאַרבליבען: אַלע ש ב ת־ ש י ר ה וואַרפט מען פאַר די הונגעריגע פייגעלעך שטיקלעך ברויט און קערענער.

פון מ ד ר ש.

דער הונט און דער וואָלף.

אַ הונט, וואָס האָט געהאַט ביים פויער
ניט שלעכטע קעסט
און אויך אַ ביידעל הינטער טויער
אין צייט פון גרויסע פרעסט,
האָט זיך אַמאָל צום הונגעריגען וואָלף געווענדט:
„מיר דאַכט, איך וואָלט ווי דו גאָר לעבען ניט געקענט!
דו ביזט דאָך שוין אַ וועלפעל ניט קיין יונגער
און ווייסט דאָך גוט די וועלט,
פאַרוואָס זאָלסטו דאָס שטענדיג ליידען הונגער
און ציטערן פאַר קעלט?
איך גיב ביי זיך גאַנץ אָפט אַליין
אַ פרעג:
דו האָסט דאָך, וואָלף, אַזעלכע ציין,
וואָס וואַרפען אָן אויף אַלעמען אַ שרעק,
דאָך לעבסטו אָפּ דיין לעבען אין געפאַר,
אין הונגער און אין צ ע ר“

— „מען רופט דיך הונט; און ווייסט פאר וואס?" —
האט אפגערופען זיך דער וואלף מיט גרוים פארדראס, —
„ווייל פאר אביינדעל, וואס מעןווארפט ארוים
פון הויז,
איז רעכט ביי דיר צו דרייהען מיט'ן עק
און ווארטען גאנצע טעג
אויף אלע הויפען.
און איך — ווי גרוים עס זאל ניט זיין מיין נויט,
וועל פאר א שטיקעל ברויט
מיין פרייהייט ניט פארקויפען".

נ. יערוסאלימטשיק.

דער קאנאריק.

מ. ראזענפעלד.

עס טרילערט דער קאנאריק
אין פרייען וואלד אליין;
ווער קאן זיין ש מ ח ה פיהלען?
ווער קאן זיין פרייד פארשטעהן?

עס טרילערט דער קאנאריק
אין רייכסטען פאלאץ שוין;
ווער קאן זיין וועהטאג פיהלען?
ווער קאן זיין שמערץ פארשטעהן?

מ. ראזענפעלד.

בעסער צו שטארבען פאר פרייהייט ווי צו לעבען אין קנעכטשאפט.

אַלבערטס פּסק.

אַלבערט איז נײַן יאָר אַלט. ער איז קלײן-געוויקסיג, דאַר און בלאַס. אין סקול איז פאַר איהם קײַן אָרט ניט אויסגעקומען, איז ער פאַרבליבען אין הויז.

אַלבערטס טאַטע איז אַ קנאָפּ־לאָך־מאַכער, אָבער ער וועט שוין זײַן מ ל א כ ה באַלד אינגאַנצען פאַרגעסען, וואָרים שוין זעהר, זעהר לאַנג אַז ער געהט אַרום ליידיג.

טאָג אין טאָג געהט ער אַרום זוכען אַרבײַט. ער שלעפּט זיך אַרום פון פריהמאָרגען ביז נאַכט, אָבער — ניט פאַר אײַך געדאַכט — קײַן אַר־בײַט הערט זיך ניט. ער איז שוין שוואַרץ ווי אַ קויהל, איהם איז שוין דאָס לעבען ניט נ י ח א.

אַלבערטס מאַמע איז אַ פאַרדיענערין: זי וואַשט וועש, זי קריגט עפּעס הײַזלעך אַרויסצופּאַרטיגען, אָבער — וואָס זאָל איך אַ ס ך רעדען? — עס קלעקט ניט אויף טרוקען ברויט.

אַלבערט האָט נאָך אַ קלײַן שוועסטערל, עמעלע. זי איז נאָך קײַן יאָר ניט אַלט, און ווען איהר ווילט זיך עסען, אָדער ווען איהר איז קאַלט, מאַכט זי ק ו ל ו ת אונטער'ן הימעל. אַלבערט האָט זעהר ליב זײַן קלײַן שוועסטערל, און ווען ער האָט נאָר אַ פרײַע מינוט, שפּילט ער זיך מיט איהר, קושט זי און וואַרימט איהר מיט'ן מויל איהרע קלײַנע הענט־לעך, וואָס זײַנען שטענדיג בלוי און קאַלט.

פאַרנאַכט פעדעלט אַלבערט מיט צײַטונגען און אין דערפריה קריגט ער פאַר דער פאַמיליע קויהלען און האָלץ. יעדען פריהמאָרגען, זינט עס האָט זיך געשטעלט דער קאַלטער ווינטער, געהט אַלבערט אַרויס מיט אַ קערבעלע אין די הענט. ער געהט אַרום איבער די גאַסען, האַלט די אויגען צו דער ערד, און ווען ער געפינט אַ קויהל אָדער אַ שטיקעל האָלץ, קלײַבט ער עס אויף. אָפט, זעהר אָפט פרירט די קלײַנע עמעלע, וואַרטענדיג אויף אַלבערטס קערבעלע.

ווען אַלבערט טרעפט אָן אין גאַס אויף אַ וואָגען קויהלען, וואָס מען האַלט אין אַראָפּשיטען, האַלט ער עס פאַר זײַן מ ז ל. ער וואַרט איבער ביז מען ענדיגט דאָס אַראָפּשיטען, דערנאָך געהט ער צו מיט זײַן קער־בעלע, און דאָס־ר ו ב קלײַבט ער דאָ אויף עטליכע קויהלען מיט אַמאָל.

אַלבערט קומט אַהײם אַ צעבראָכענער אויף ברעקלעך, אָבער די מאַמע קושט איהם אָן און הײַצט אײַן אין שטוב. דעמאָלט זעצט זיך אַלבערט אַוועק מיט דער קלײַנער עמעלען בײַם אויווען און ער איז גליקליך.

די לעצטע נ סי ע ה האָט אָבער אַלבערטען זעהר און זעהר ניט אָפּגעגאַלטען.

דאָס איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער־טאָג. די זון האָט

א פ י ל ו געשײַנט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איהר אויסגעלאַכט — ער האָט געקיניגט. ער האָט געביסען און געביסען אויף טויט.

די מאַמע וואָלט א פ ש ר אַלבערטען אין אַזאַ פראָסט גאָר ניט אַרויסגעלאָזט קלײַבען קויהלען, אָבער די קלײנע עמעלע איז עפּעס געווען קראַנק. זי האָט געשלוקערצט און געציטערט ווי אַ בלאַט. האָט די אָרימע מאַמע אָנגעטאָן איהר גוטען זוהנעלע אין אַ באַרג מיט שמאַטעס און איהם אויסגעריכט מיט זײַן קערבעלע.

אַלבערט איז אַרויס אין דרויסען. די ביטערע קעלט האָט זיך דורכגעקליבען דורך די שמאַטעס און האָט איהם צערטליך אַרומגענומען, אַזוי אַז עס האָבען איהם גענומען ציטערן אַלע א ב ר י ם. אָבער איהם האָט דערפאַר אויך גענומען גליקען: ער האָט עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד באַגעגענט וועגען, וואָס האָבען אַראָפּגעשאָטען קויהלען, און יעדעס מאָל האָט ער אויסגעמאַכט ניט שלעכט.

עס האָט איהם גענומען זעהר שטעכען אין די פינגער פון די הענט און פון די פיס, און ער האָט זיך שוין געלאָזט לויפען אַהײם, טראָגענדיג מיט זיך אַ „שען ביסעל“ קויהלען. אַך, ווי קאַלט ס׳איז איהם געווען! ער האָט געפיהלט אַז ער ווערט פאַרפרוירען. אָבער אָט איז פאַר זײַנע אויגען נאָך אַ וואָגען; די קויהלען האָט מען שוין באַלד אַראָפּגעשאָטען און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטען.

אַלבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפּען אַ פוס אָן אַ פוס.

און אָט זײַנען די קויהלען שוין אַראָפּגעשאָטען. אַלבערט געהט צו מיט זײַן קערבעלע און נעמט אויפקלײַבען די שטיקלעך איבערגעלאָזטע קויהלען. פּלוצלונג קריגט ער אַ שטאַרקען שטויס מיט אַ פוס...

דער דערשראָקענער יינגעל שפּרינגט אויף פאַרציטערט. לעבען איהם שטעהט אַ גרויסער, פאַרשוואַרצטער קויהלמאַן און שרײַט.

אַלבערט האָט געוואָלט נעמען לויפען, אָבער דער קויהלמאַן כאַפּט איהם אָן, רײַסט אַרויס דאָס קערבעלע פון זײַן האַנט, שיט אַרויס די גאַנצע קויהלען און פאַרשלײַדערט דאָס קערבעלע אויף אַ האַלבע גאַס ווײַט.

בײַם קינד פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר ווײהטאָג; די אויגען ווערען מיט טרערען פאַרלאָפען. ער הייבט אויף דאָס קערבעלע, גיט זיך פון ווײַטען אַ קרים אויפ׳ן צערייצטען קויהלמאַן, און וויינענדיג שלעפּט ער זיך אַוועק אַהײם.

אָי, וועט דאָרט די קליינע עמעלע הײַנט פרירען!...

ז. ליבין.

אַן אומזיסטער חשד.

א.

ביידע זיינען נאָך געוועזן קינדער. זי, ראָזעלע, צעהן יאָר, און ער, מאָרים, צוועלף יאָר אַלט. ביידע האָבען געוואוינט אויף איסט-בראָדוויי, אַ הויז לעבען אַ הויז. זי מיט איהרע עלטערן האָבען פאַרנומען צוויי פלאָרס מיט אַ ס ך פענסטער, ליכט און לופט; ער מיט זיינע עלטערן האָבען פאַרנומען אַ פינסטערען, פייכטען קעלער מיט אַ ס ך רויך. איהר פאָטער איז אַ רייכער אַרויפגעאַרבייטער ריעל־עסטייטניק; זיין פאָטער איז אַ שוסטער אַ לאַטוטניק.

זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ פרישע בלום, געווען פול, רונד און ווייס, מיט אַ פריילעך פּ נ י מ'על; ער איז געווען דאַר, מיט אַ שפּיציגען ג ו ף און מיט אַ פּ נ י מ'על בלייך, לאַנג און אויסגעצויגען.

זיי האָבען ביידע ליב געהאַט מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ און ער האָט געזונגען. האָט זי געשפּילט, איז ער געשטאַנען אונטער די פענסטער פון איהרע עלטערנס הויז און זיך צוגעהערט מיט אַ קלאַפּענדיג הערצעלע. האָט ער געזונגען, איז זי געשטאַנען לעבען קעלער, האָט זיך צוגעהערט צו זיין הארציגען ק ו ל, און איהר פריילעך פּ נ י מ'על האָט נאָך פריילעכער געשמייכעלט.

און איינמאָל, אַז זיין זיסער ק ו ל האָט זיך געגאָסען פון דעם דונ־קעלען שוואַרצען קעלער, איז זי געשטאַנען אין דרויסען מיט אַן אַפּעלסין אין האַנט און זיך צוגעהערט. מיט איין מאָל האָט זיך דאָס זינגען איבער־געריסען און פון קעלער איז אַרויס דער קליינער זינגערל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם און איהם אַריינגעשפּאַרט דעם אַפּעלסין אין די הענט.

מאָרים איז צעטומעלט געוואָרען.

— פאַרוואָס גיסטו דאָס מיר? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל דו זינגסט אַזוי גוט.

— און דו שפּילסט אויך גוט אויף דער פּיאַנאָ...

יענעם אָוונט האָט מאָרים געזונגען אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריהער, וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז ראָזעלע שטעהט דאָרטען לעבען קעלער און הערט.

און פון דער צייט אָן זיינען די קינדער גרויסע פריינד געוואָרען.

ב.

איינמאָל האָט ראָזעלע גערופען מאָריסען צו זיך אין שטוב. זי וועט שפּילען, האָט זי געזאָגט, אויף דער פּיאַנאָ און ער וועט זינגען.

— איך האָב מ ו ר א, מען וועט מיך פון דיין שטוב אַרויסטרייבען, — זאָגט מאָרים.

— ניט א מ ת! — מאַכט זי מיט זיכערקייט: — זיי וועלען דיך ניט אַרויסטרייבען! און אין שטוב איז איצט אויך קיינער ניטאָ.

איז ער אַוועק מיט איהר.

זי האָט איהם אַלע איהרע פּרעזענטען געוויזען, וואָס מען האָט איהר דאָס פאָריגע יאָר צו איהר געבורטסטאָג געגעבען. און בלומען האָט זי יענעם טאָג אויך געהאַט פיעל, זעהר פיעל פון איהרע ח ב ר'טעס, — האָט זי איהם דערצעהלט, — און דעם קומענדיגען פינפטען יאַנואַר איז ווידער איהר געבורטסטאָג, וועט זי נייע פּרעזענטען קריגען...

נאָכדעם האָט זי זיך צו דער פּיאַנע געזעצט און אָנגעהויבען שפּילען און ער האָט געזונגען.

אַרויס פון דאָרטען איז מאָרים מיט אַ נייעם געדאַנק: צו איהר גע־בורטסטאָג וועט ער איהר שענקען בלומען. ביז דעמאָלט איז מעהר פון אַ מאָנאַט. ער קריגט פון זיין טאַטען יעדען טאָג אַ פעני, וועט ער קלייבען.

ווען עס איז געקומען דער פינפטער יאַנואַר, האָט מאָרים געהאַט אָנגעקליבען גאַנצע פינף און דרייסיג סענט. פאַרנאַכט, ווען ער איז גע־קומען פון דער שול, איז ער אַוועקגעלאָפען אויף גרענד סטריט און האָט דאָרט פאַר די גאַנצע געלט געקויפט אַ בוקעט רויטע בלומען, האָט זיי פאָרזיכטיג באַהאַלטען אויף דער ברוסט אונטער דעם פאַרשפיליעטען רעקעל און איז אַוועק אַהיים.

באַלד איז אַריינגעקומען ראָזעלע און האָט איהם אַ רוף געטאָן.

— וואָס?

— קום, וועסטו עפּעס זעהן.

— ווער איז דאָרטען אין דער היים?

— קיינער ניט... פּאַפּאַ און מאַמע זיינען אַוועק איינקויפען פאַר די געסט. קום, וואָס האָסטו מ ו ר א?

ער איז אַוועק מיט איהר.

ג

פיהרט ראָזעלע איהם אַריין אין צימער און ווייזט איהם אַלע פּרעזענ־טען און בלומען, וואָס זי האָט געקראָגען.

אויפ'ן בעטעל און אויף אַ שטול ליעגען קעסטעלעך און קאַסטענס מיט פאַרשיידענע שפּילצייג, מיט היטעלעך, מיט מאַנטעלעך, מיט קליי־דעלעך. און בלומען אַ ס ך, זעהר אַ ס ך, שענערע פון זיינע, רויטע און ווייסע.

שטעהט ער מיט אויפגעריסענע אייגעלעך און מיט אַן אָפענעם מויל.

— וואַרט, מאַכט זי, — איך האָב דיר נאָך ניט אַלץ געוויזען! אין זאַל זיינען דאָ נאָך פּרעזענטען. וואַרט דאָ, איך וועל זיי אַהער ברענגען.

און זי איז אַרויסגעלאָפען.

מאָרים האָט אַ טאַפּ געטאָן די בלומען ביי איהם אויפ'ן ברוסט און

האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלען איהר א ו ד א י ניט געפעלען ווערען, ווען זי האָט אַזוי פיעל שענערע. דאָך איז ביי איהם געבליבען, ווען זי וועט אַריינגעהן צוריק, זאָל ער איהר זיינע בלומען געבען...

פון קאָרידאָר האָבען זיך דערהערט שטימען. מאָרים האָט זיך אומ־געקוקט צעשראָקען.

אין צימער, וואו ער איז געשטאַנען, זיינען פּלוצלונג אַריינגעקומען ראָזועלעס פּאַפּאַ און מאַמע. זיי זיינען געבליבען שטעהן פארוואונדערט און אָנגעקוקט מאָריסען.

— זעה נאָר, וואָס טוט דאָ עפּעס דעם שוסטערס אינגעל אַליין אין צימער? ציי האָט ער דאָ עפּעס ניט צוגעלאַטכענט? — האָט אויסגע־שריען ראָזועלעס פּאַטער.

— וואָס טוסטו דאָ, אינגעלע? — האָט ראָזועלעס מאַמע אויך געפרעגט.

— גאָרנישט — האָט מאָרים אַרויסגעמורמעלט אַ צעשראָקענער, ניט וויסענדיג, וואָס צו ענטפערן.

— זעה נאָר, ח נ ה, וואָס האַלט ער עפּעס דאָרט אונטער'ן רעקעל?

— האָט זיך ראָזועלעס טאַטע צו איהם אַ וואָרף געטאָן.

מאָריסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די בלומען אונטער'ן רעקעל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער יענער האָט איהם אָנגעכאַפּט, אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ ר צ י ח ה, אַז די קנעפּלעך זיינען אויף אַלע זייטען אַרונטערגעפאַלען אויפ'ן דיל.

— וויה איז מיר! אַזאַ קליין אינגעל און איז שוין אַ ג נ ב! — האָט ראָזועלעס מאַמע מיט די הענט פאַרבראָכען.

— איך האָב עם געקויפט, — האָט מאָריסקע געכליפּעט, — איך האָב עם געקויפט.

— וואָס נאָך האָסטו גע'ג נ ב'עט, אינגעלע? — איז צו איהם ראָזועלעס מאַמע מיט אַ וויבען ק ו ל צוגעגאַנגען: — גיב בעסער אַליין אַוועק!

— גאָרנישט, גאָרנישט, איך בין ניט קיין ג נ ב, — האָט ער געכליפּעט.

— וויַיז אַקאָרשט דיינע קעשענעס, ח ב ר ה־מאַן! — האָט ראָזועלעס טאַטע גענומען איהם אַרומזוכען.

דאָ איז אַריינגעקומען ראָזועלע. זי איז געבליבען שטעהן מיט צעשראָקענע אויגען.

— איך בין ניט קיין ג נ ב! — האָט זיך אַ פאַרשטיקטער געוויין ביי מאָריסקען אַרויסגעריסען — פרעגט א פ י ל ו ראָזועלען.

— ראָזועלע, ווער האָט איהם אַריינגעלאָזען צו דיר אין צימער? — האָט זיך אַ קער געטאָן צו איהר דער פאָטער: — ער האָט דיך

באַ'ג נ ב'עט. פון אונטער'ן רעקעל האָב איך ביי איהם אַ גאַנצען פּאַק בלומען אַרויסגעשלעפּט.

— ער האָט גע'ג נ ב'עט? — האָט ראָזעלע אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק — ער?

און זי האָט מאַריסקען אַזוי אומעטיג אָנגעקוקט, און אין איהרע אויגען האָבען טרערען געבלישטשעט.

— ניט א מ ת! — האָט מאַריסקע מיט געוויינען זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך האָב עס געקויפט, איך בין ניט קיין ג נ ב.

— בלומען האָסטו געקויפט? וואָס זאָגסטו אויף דעם קאַפּיטאַליסט?

— האָט ראָזעס טאַטע ביֵיז געלאַכט. און ער האָט אויסגעפּאַטשט מאַריסען און איהם אַרויסגעטריבען פון שטוב.

מאַרים איז מיט אַ פאַרשטיקטען געוויינען אַרוים פון ראָזעלעס הויז, איז אַריין אין פאַרוויכערטען קעלער און איז פאַרשוואונדען הינטער דער שווארצער טיר.

ל. קאָברין.

ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט.

ז. ליבין.

עס איז אַ ווינטער־נאַכט.

דרויסען איז אַ ברענענדיגער פראָסט און אַ שניידענדיגער קאַלטער ווינט. דרויסען איז סיביר; און אין צימער? אין צימער איז ניו־יאָרק. עס איז קאַלט, ווי אויף דרויסען, ווייל אין צימער וואוינט אַן אַרבייטער, אַ אידישער הויזען־מאַכער; און פון יעדען ווינקעלע קוקט אַרוים די ביטערע, שטיקענדיגע נויט, ווייל דער הויזען־מאַכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ אין דערהיים: ער איז אויף אַ מיטינג. די פרוי זיינע זיצט ביים אויווען און נייהט עפּעס מיט'ן נאָדעל — דאָס פאַרריכט זי אוים וועש פאַר ש כ נ י ם, העלפענדיג דערמיט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

דאָס פייער אין אויווען געהט אוים. ה פ נ י ם, אַז דעם סטרייקערס פרוי האָט שוין דערשפּירט די קעלט; אָט האָט זי אַ שווערען, טיפען זיפץ געגעבען, געוואָרפען אַ טרויעריגען בליק אויף דעם לערען קיהלען־שעפעל, און איז ווייטער געבליבען פאַרטראַכט און שווער פאַרזאָרגט.

און עס איז שטיל אין צימער; בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פאַר־

פרוירענע שויבען און אמאל אין א ווײַלע רײַסט ער זיך אַרײַן אין קוימען פון קאַמין און וויינט אזוי האַרצרײַסענדיג, אזוי טרויעריג, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט א ביטער האַרץ פון א הויזען־מאַכער א סטרײַקער...

— מאַמע! — האָט זיך דערהערט א קינדיש שטימעלע פון שלאָף־צימער. און די מאַמע וואַרפט די אַרבײַט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איהר צירעלע, איהר אײנציג דרײַיאָריג קינד.

צירעלע איז געווען באַהאַלטען אין א גאַנצען י ם מיט שמאַטעס, האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפען און וויל אַרויסגעהן פון בעט.

— וואוהין, מײַן קינד? — פרעגט די מוטער און פּרואווט צוריק אײַנדעקען דאָס מײדעלע.

— מאַמע, נעם מיך צום אויווען, מיר איז קאַלט — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטען אויך קאַלט, צירעלע!

— שיט אַרײַן קויהלען — גיט דאָס קינד אַן ע צ ה.

— ניטאָ, מײַן נ ח ת, קײַן קויהלען — זיפצט דעם סטרײַקערס פרוי.

— פאַראַן.

— ניטאָ, מײַן לעבען, אָט וועל איך דיר ווײַזען דאָס שעפעל.

און די מוטער געהט אין קיך, נעמט דאָס לערע קויהלען־שעפעל און ווײַזט עס צירעלען.

צירעלע קוקט אַרײַן אין שעפעל, און גיט דערבײַ א טיפען, קינדישען זיפץ.

— ניטאָ מעהר קײַן קויהלען — זאָגט צירעלע, און איהר קינדיש פּ נ י מ'על ווערט אזוי ערנסט טרויעריג.

— ניטאָ מעהר — באַשטעטיגט די מוטער.

— געה ברענג — ראָט דאָס קינד.

— ניטאָ קײַן געלט, מײַן האַרץ.

— ניטאָ קײַן פענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.

— יאָ, מײַן נ ש מ ה, ניטאָ קײַן פענים.

— דער טאַטע ברענגט ניט?

— יאָ, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.

— פאַר וואָס?

— ווײַל עס איז א סטרײַק, מײַן טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אזוי בענקענדיג, אזוי טרויעריג, ה ג ם דאָס לעצטע, וואָס די מוטער האָט איהר געזאָגט, פאַרשטעהט זי ניט.

— שלאָף צירעניו!

— איך וויל עסען, מאַמע!

— גלײַך, מײַן קינד!

און די מאַמע געהט אין קיך, שנײַדט אָפּ א שטיקעל ברויט, זוכט

עפּעס אין אַלמער, געפּינט גאַרניט, און, געבענדיג ווײַטער אַ שטילען, טיפען זיפץ, קערט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איהר הונגעריג קינד.

— נאַ, מײַן קינד!

— וואָס איז דאָס?

— ברײַטעלע.

— איך וויל ניט, מאַמע!

— פאַרוואָס, צירעניו?

— באַשמיר מיט פּוטער.

— ניטאָ, מײַן נ ח ת, מאָרגען וועל איך באַשמירען; דערווײַלע עס אַזוי.

— איך וויל ניט.

— גיב פּוטער! — ווידערהאָלט דאָס קינד איהר ערשטע פאָדערונג.

— קינד מײַנס, נו, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלען געבען, אז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מײַנס? — רעדט די מוטער אײַן איהר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלויבען, און ווײַזט אויפ'ן אַלמער.

די מוטער ברענגט די לערע פּוטער־כ ל י צום בעט. צירעלע קוקט אויף איהר מיט בענקענדיגע בליקען און לאָזט ווידער אַרויס אַ שטילען, האַרצרײַסענדיגען זיפץ.

— ניטאָ מעהר קײַן פּוטער, מאַמע! — זאָגט דאָס קינד טרויעריג און פיהרט פאַנאַנדער די הענטלעך.

— ניטאָ מעהר, מײַן לעבען! — ענטפערט די מאַמע מיט אַ ק ו ל פון טרערען.

— ניטאָ קײַן פענים, — דערקלערט די יונגע צירעלע.

— יאָ, מײַן טאָכטער, ניטאָ קײַן פענים.

— דער פּאַפּאַ ברענגט ניט?

— ניין, מײַן נ ש מ ה, ער ברענגט ניט.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— איך זאָג דאָך דיר, מײַן אויג אין קאָפּ, ער סטרײַקט.

אַ ווײַלע שווײַגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פּלוצלונג אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מײַן קינד?

— פאַרוואָס דער פּאַפּאַ ברענגט ניט קײַן פענים?

— ער סטרײַקט, מײַן קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווײַטער.

— קיינער ניט, מײַן קינד, דאָס איז אַ סטרײַק.

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— אַ סטרײַק, מײַן נ ש מ ה.

— אַ בוגימען?

— ניין, מיין קינד, קענסט עס ניט פאַרשטעהן... וועסט עלטער ווערען, וועסטו פאַרשטעהן.

דער ווינט שטאַרקט זיך, און הייבט אָן אַזוי ווי מיט אכזריות צו קלאַפּען אין די שויבען. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק.

— איז דאָס דער סטרייק, מאַמע?

— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.

צירעלע הערט זיך איין, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעמט אָהן חשק עסען דאָס שטיקעל ברויט...

פון דער מאַמעס אויגען קאַפּען אַרונטער טרערען אויפ׳ן קינדס קעפּעלע, און פון קינדס אויגען קאַפּען אַרונטער טרערען און באַנעצען דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט...

ז. ליבין.

די מוטער צום קינד.

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, ליבעם קינד,
דרויסען איז אַ פראָסט, אַ ווינט!
גאָט זאָל זיך דערבאַרימען,
גאָט זאָל אונז דערוואַרימען.

אָ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט!
ליעג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט;
שלאָף נאָך, אָרים פייגעלע,
עפען ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזעהן אַ קאַלטע וועלט,
דורך אין ווייסען אָפּגעמעלט.
האָליע אין שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין בייטעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט.
שלאָף, מיין קינד פאַרפראָרענעס,
אָרימעס, פאַרלאָרענעס!...

א. רייזען.

פאַרלאָרען דעם בעל־הבית.

א

לאַנגזאַם, אָפּשטעלענדיג זיך יעדע ווײַלע, האָט דאָס פערד געפיהרט דעם וואָגען מיט עפּעל. נאָכ'ן וואָגען זײַנען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציג און אַ יונגער אינגעל פון אַ יאָר צוועלף.

דער מאַן איז דאָס געװען דער אײַגענטימער, דער בעל־הבית פון דעם וואָגען מיט די עפּעל, און דער יונגער אינגעל — סעמי האָט ער געהײַיסען — איז געווען אַ געדונגענער העלפּער, אַן אויסשרײַער און צו דערזעלבער צײַט אַן אַרויפטרעגער פון די עפּעל צו די קונים.

דאָס איז געװען דער אָנהײב פון ווינטער און דער סוף פון דעם טאָג. דאָס וועטער איז אויסגעפאַלען אַ שלעכטס, אַ צרה'דיגס. עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער, שנײַדענדיגער ווינט און עס האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצען אַ קאַלט רעגענדעל, וואָס האָט דורכגענומען דורך און דורך מיט פײַכקײַט און מיט קעלט.

אַ לײַכטער זומערדיגער דזשעקעטעל און אַ פּאָר לײַכטע קורצע „קניה־הײזלעך" האָבען שלעכט באַשיצט דעם אָרימען אינגעל פון דעם גרויזאַמען וועטער. פון די הײזלעך האָט זיך אין מאַנכע ערטער אַרויס־געזעהן דאָס הוילע לײַב, און פון זײַנע צעריסענע שיך האָבען אַרויסגע־שטעקט די פינגער. דער אינגעל האָט זיך געיאָזשעט און געטרײסעלט פון קעלט — און אפשר אויך פון הונגער. זײַן קלײנער אויסגע־דאַרטער פּנים איז געװען בלאָס און בלוי, אָנגעשוואָלען פון פײַכט־קײַט און איבערגעפראָרען פון קעלט.

— פיײוו סענט איי האָל לאָט! — האָט עפּעס מיט אַ באַנומענעם קול אויסגעשריען דער בעל־הבית.

— איי, אַפּלז! — האָט נאָכגעשריען סעמי מיט אַ הײזעריגער, קינ־דערשער, האַרצרײַסענדיגער שטים.

קײנער האָט אָבער קײן עפּעל ניט געבעטען און דאָס פערד האָט געגעבען אַ טראָט ווײַטער.

— וועלען מיר באַלד פאָרען אַהײם? — האָט סעמי געפרעגט זײַן בעל־הבית, און עס האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דער בעל־הבית האָט אין אָט דעם שלעכטען טאָג אויך שלעכטע געשעפטען געמאַכט, און ער האָט ניט גערעכענט פאַר נויטיג צו ענטפערן אויף זײַן אינגעלס פראַגע.

— פיײוו סענט איי האָל לאָט!

— איי, אַפּלז!

עס זײַנען פאַריבער נאָך אײניגע מינוטען.

— ווּעלען מיר באַלד פאָרען אַהיים? — האָט סעמי ווייטער גע־פרעגט, און זיין קינדערש האַרץ האָט פאַרקלעמט פאַר ווייהטאָג.

דער בעל־הבית האָט אַ לאַנגזאַמען, שאַרפען, בייזען בליק געגעבען אויפ'ן קינד, און אויף זיין פנים האָט זיך אויסגעצייגט אַ ווילדע הנאה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַן וויל זיין ווילדע אומצופרידענהייט פון זיינע היינטיגע שלעכטע געשעפטען אויסגיסען אויף זיין געדונגענעם אינגעל.

— ווען איך וואָלט וויסען, — האָט דער בעל־הבית גענענט־פערט, — אַז דו ביסט אַזאַ פוילער אינגעל, וואָלט איך דיך אפילו אומזיסט ניט גענומען.

— איך פויל זיך ניט, — האָט סעמי גענטפערט, — מיר איז קאַלט.

און זיין קול האָט געציטערט פון טרערען.

— קאַלט? האָט איהם איבערגעריסען דער בעל־הבית — וואָס אַרט עס מיך? אַ קוואָדער וועסטו דאָך ווּעלען נעמען.

— פיייוו סענט איי האָל לאָט!...

—איי, אַפלז! — האָט אויסגעשריען אַ שטים פול מיט טרערען.

און דאָס פערד איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאַנגען. סעמי האָט דערפיהלט, אַז ער פאַלט פון די פיס און ער האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן וואָגען.

ב

— נעם געה אַריין אַהער, — האָט דער בעל־הבית אָנגע־צייגט סעמין אויף אַ געוויס הויז, — אָבער קלאַפ אָן טיר אין טיר: ווען דו וועסט פאַרקויפען, קום גלייך אַראָפ נאָך נאָך אַן עמער מיט עפּעל; ווען ניט, געה איבער'ן דאָך אין דאָס צווייטע הויז. געשווינד!

און סעמי איז אַוועק אין דעם אָנגעצייגטען הויז. דאָס איז געווען אַ פלעט־הויז. דער קאָרידאָר איז געווען באַדעקט מיט קאַרפעט און מיט דאַמפ באַוואָרימט. סעמי האָט גענומען קלאַפען פון טיר צו טיר. קיינער האָט אָבער קיין עפּעל ניט געדאַרפט. ביי די שכנים אין די צימערן האָט שוין פייער געברענט. פון איינעגע דירות האָבען זיך געהערט פריי׳הליכע קינדערשע פּלאַפּלעריי און געלעכטער און פון איי׳ניגע האָבען זיך געטראָגען טענער פון פּיאַנעס.

אָט קלאַפּט סעמי אָן אין אַ טיר. מען עפענט; עלטערן צוזאַמען מיט די קינדער זיצען ביים טיש און מען טרינקט טיי.

— אַפּלז? — פרעגט סעמי.

— נאָו, — ענטפערט מען און מען פאַרהאַקט בייז די טיר.

אין אַ צווייטען פּלאַץ זעהט סעמי, ווי קינדער זיצען זיך און עסען. דער הונגעריגער סעמי דערפיהלט דעם גערוך פון די עסענוואַרג, און זיין פאַרקלעמט האַרץ פאַנגט אָן נאָך שטאַרקער ווייה צו טאָן. נאָך אין אַ

פלאַץ עפּענט זיך האַסטיג די טיר און אַ פרויהליך, שען געקליידט מיי־
דעלע ווייזט זיך.

— עני, אַהערצו קום, — דערהערט זיך הינטער איהם אַ ק ו ל פון
אַ פרויענצימער,—לויף ניט אַרום איבער'ן האָל, וועסט זיך נאָך פאַרקילען.

באַלד צייגט זיך די פרוי און נעמט צו צוריק דאָס מיידעלע.

אַזוי דערגעהט סעמי ביז'ן העכסטען שטאָק, און קיין עפּעל האָט ער
ניט פאַרקויפט. סעמי נעמט געהן אויף די טרעפּלעך, וועלכע פיהרען
צום דאַך, נאָר ער האָט דערפיהלט, ווי דער רעגען שמייסט אָן די בלעך
פון דאַך און ער בלייבט אַ ווײַלע שטעהן. אין קאָרידאָר איז וואַרים און
טרוקען. סעמי'ן, דעם מידען איבערגעפראָרענעם אינגעל, פאַרווילט זיך
אָפּרוהען.

— פון וואַנען וועט דער ב ע ל ־ ה ב י ת וויסען? טראַכט דאָס
קינד — ער וועט מיינען, אַז איך האָב זיך עטוואָס לענגער פאַרזאַמט.
סעמי זעצט זיך אַוועק ווי אַן אונטערגעהאַקטער און שפּאַרט זיך אָן אָן
דעם עמער מיט די עפּעל.

סעמי האָט זיך פאַרטראַכט וועגען די קינדער, וועלכע האָבען גע־
געסען, געטרונקען און געשפּילט... ער נעמט זיך פאַרשטעלען, אַז ער
איז אויך איינער פון זיי און אַז ער עסט, אַז ער טרינקט, אַז ער שפּילט...
אין קאָרידאָר איז טרוקען און וואַרים. אַ דרעמעל האָט גענומען שמידען
סעמים צעוויינקטע, צעפראָרענע גלידער... ער האָט עפּעס אַזוי ווי
דערשראָקען אַ כאַפּ געגעבען זיך, אָבער באַלד איז ער ווײַטער אַנטשלאָ־
פען געוואָרען.

דער ב ע ל ־ ה ב י ת האָט לאַנג אויף זיין אינגעל ניט געוואַרט;
ער האָט זיך געהאַט זיין טרוקענעם רעכענונג: דער טאָג האָט זיך שוין
געענדיגט; דעם אינגעל דאַרף ער שוין סיי ווי סיי שיקען אַהיים; אַ
קוואָדער איז ער איהם דאָך שולדיג, און דער עמער צוזאַמען מיט די עפּעל
איז דאָס ניט ווערט.

און ער האָט זיך גענומען ווײַטער פאָרען; ער איז דאָס שוין גע־
פאָרען אַהיים.

ג

ווער ווייס ווי לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפען, ווען אַ ש כ נ ה פון
דעם הויז וואָלט ניט געגאַנגען אַ קוק געבען, אויב דער ווינט האָט ניט
צעשמיסען די וועש, וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן דאַך.

סעמי האָט דערפיהלט, ווי עמיצער האָט איהם געגעבען אַ טופּ מיט'ן
פוס... ער האָט זיך אַ כאַפּ געגעבען ניט טויט ניט לעבעדיג; מיט
שרעק האָט ער אַ קוק געגעבען אַרום זיך. לעבען איהם איז געשטאַנען
אַ גרויסע, דיקע, געזונטע פרוי!

— אַוועק פון דאַנען, דו לויפער! — האָט די פרוי זיך צעשריען —
דאָ איז קיין פלאַץ ניט צום שלאָפען.

אַפּלז! — האָט סעמי אַ שטאַמעל געגעבען, האַסטיג אויפגעהויבען זיך און ער האָט געכאַפּט לויפען אַראָפּ די טרעפּ. ווען סעמי איז אַרויס פון האָל איז שוין געווען פינסטער.

— איִי אַפּלז! — האָט ער אויסגעשריען און גענומען מיט די אויגען זוכען דעם וואָגען מיט די עפּעל. דער וואָגען איז אָבער מעהר ניט געווען.

אַ פאַרלאָרענער, אַ דערשראָקענער האָט דער אינגעל גענומען אַרומ־לויפען. ער איז אַוועקגעלאָפען אין עווענױ, פון דאָרטען אין גאַס, פון דער גאַס ווײַטער אין עווענױ... דער וואָגען מיט די עפּעל איז פאַרפאַלען געגאַנגען.

אין איִין מינוט האָט סעמי זיך פאָרגעשטעלט זײַן היִים, וואו מען נויטיגט זיך אין דעם קוואָדער; זײַן טאַטען, וועלכער וועט איהם נאָך שלאָגען, ווען ער וועט קומען אַזוי אָהן אַ פעני פאַרדיענסט; און ער האָט אינגאַנצען באַגריפען די שוידערליכקײַט פון זײַן לאַגע. ער איז געבלי־בען שטעהן ווי אַ צעטומעלטער. ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין צו לויפען. אַהיִים האָט ער יעדענפאַלס געשראָקען זיך צו קומען...

און דער רעגען האָט גענומען שמײַסען שטאַרקער און שטאַרקער.

ז. ליבין.

דערצעהלט, וואָס זעהט איהר אויפ'ן בילד, און זאָגט, וואָס איז פאַראַן ענליכעס צווישען דעם בילד און דער מ ע ש ה, וואָס איהר האָט דאָ אויבען געהאַט.

חיות און פלאַנצען.

מיין קעצעלע.

איך האָב געהאַט אַ קעצעלע,
אַ קעצעלע אַ ווייַם,
מיט אויערלעך צוויי שפּיציגע
צו שפּירען נאָך די מייַז ;

מיט איינגעלעך צוויי גרינלעכע,
ווי אמת'ער בורשטין,
וואָס פלעגען זיך אָפט אָנצינדען
און פינקלען גאָלדיג־גרין.

איהר קליינע וויַיסע פעלכעלע
געהאַט האָט צאַרטע האָר,
וואָס זי פלעגט תמיד רייניגען
און האַלטען תמיד קלאָר.

און טאָמער פלעגט אַ טראָפּעלע
אַרויפפאַלען אויף איהר,
דאַן פלעגט זי נעמען פּוצען זיך
און וואַשען אָהן אַ שיעור.

דאָס קליינע וויַיסע קעצעלע
געוועזן איז זעהר קלוג :
זי האָט געוואוסט דאָס ווינקעלע,
וואו ס'שטעהט פון מילך דער קרוג ;

און וואו דאָס טעפּעל פּוטער איז,
פון שפּייַז־אַלמער דעם פּלאַץ —
(אַ גרויסע, גרויסע נאַשערקע
געוועזן איז מייַן קאַץ).

זי פלעגט זיך שטיל פאַר'גנב'ענען,
בשעת איך פלעג נישט זעהן,
און אויפנאַשען אין שפּייַז־אַלמער
דאָרט אַלץ, וואָס ס'איז געווען.

און ווען איך פלעג צוריקקומען,
דאַן פלעגט זי זיצען שטיל
און וואַשען זיך די וואָנציקעס
און מורקען מיט געפיהל.

נאָר איינמאָל איז געשעהן מיט איהר
אַ מעשה גאָר אַ שרעק :
אויף יאַגד נאָך קליינע פייגעלעך
איז זי אין הויף אַוועק,

פון הויף אין פעלד, און יאָגענדיג
די פייגעלעך צום וואַלד, —
אַן אָדלער מיט אַן אָדלערטע
באַגעגענט האָט זי באַלד.

אומזיסט האָט זי געבעטען זיך,
געמיאַווקעט און געוויינט,
די בייזע אָדלערס האָבען נישט
איהר פעלכעלע געשוינט ;

צעריסען זי אויף שטיקעלעך
געלאָזען נאָר דעם עק.
איהם האָב איך נאָכדעם ליעגענדיג
געפונען אויפ'ן וועג.

ד. איינהאָרן.

דער הונט, די קאַץ און די מויז.

אַמאָל האָבען אידען געהאַט אַ קעניג, האָט ער געהײסען שלמה המלך.

איז שלמה המלך געװען זעהר קלוג. ער האָט געקענט רעדען מיט אַלע חיות און מיט אַלע פױגעל. מיט דעם פערד האָט ער גע־רעדט אױף דעם הי־הי־הי לשון; מיט דעם הונט האָט ער גערעדט אױף דעם האַו־האַו לשון; מיט דער קאַץ אױף דעם מיאַו־מיאַו־לשון און אַזױ מיט אַלע באַשעפּעניש׳ען.

שלמה המלך האָט געהאַט אַ סך פרײַנד, צװישען זײ אױך קעניגען פון אַנדערע לענדער, און ער האָט זײ געשיקט בריף. די בריף פלעגט ער שיקען מיט דער טױב. די טױב פלעגט אָפּטראָגען אַ בריף און ברענגען צוריק אַ בריף.

אײנמאָל האָט שלמה המלך געדאַרפט שיקען אַ סך, אַ סך בריװעלעך אין אַלע לענדער. האָט דאָך די טױב ניט געקענט פליהען אומעטום, האָט דער קעניג אױסגערופען: „װער װיל אַװעקטראָגען אַ נױטיג בריװעל צו דער קעניגין פון שבא?“

דער הונט האָט זיך אָפּגערופען „האַו־האַו“, — ער װיל אָפּטראָגען דעם בריף צו דער קעניגין פון שבא. איז דאָך טאַקע דער הונט זעהר געשװינד, ער קען לױפען; האָט איהם דער קעניג געגעבען אַװעקצוטראָ־גען דעם בריף.

דער הונט האָט געהאַלטען דעם בריף אין מױל, צװישען די צײנער, און מיט זײנע פלינקע פיס איז ער געפלױגען איבער פעלדער און דורך װעלדער צו דער קעניגין פון שבא.

פלוצלונג — אַ טײַך. שװימט דער הונט אַריבער דעם טײַך, אָבער שװימענדיג האָט ער פאַרנעצט דעם בריף. שטעהט אַזױ דער הונט מיט׳ן נאַסען בריף און װײס ניט װאָס צו טאָן, װאָרים ס׳איז ניט שען צו ברענ־גען דער קעניגין פון שבא אַ פאַרנעצטען בריף. נאָר װי דער הונט שטעהט אַזױ מיט׳ן נאַסען בריף, קומט אָן די קאַץ. דערצעהלט איהר דער הונט, װאָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און ער װײַזט איהר דעם אײַנ־געגעצטען בריף.

— װײסטו װאָס, פרײַנד הונט,—רופט זיך אָפּ די קאַץ,—גיב מיר דעם בריף, װעל איך איהם אױסטריקענען. דו װײסט דאָך, איך זיץ שטענדיג בײַם װאַרימען אױװען, קען איך שנעל אױסטריקענען דעם בריף.

גיט דער הונט דער קאַץ דעם בריף און אַלײן לײגט ער זיך דערװײַלע אָפּרוהען.

די קאַץ איז אַוועק צום אויווען, דעם בריף האָט זי אַוועקגעלייגט ביים הייסען טירעל און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט וואַרטען. איז די קאַץ געזעסען אויף איהרע הינטערשטע פיס, מיט'ן פּליִיצע צום וואַ־רימען אויווען און מיט'ן פּ נ י ם צו די שטראַלען פון דער זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורכ'ן פענסטער; אַזוי לאַנג, ביז ס'איז איהר געוואָרען גוט וואַרים, דער קאַץ. און אַ גרויסע פוילערקע איז זי דאָך, איז זי שנעל אַנטשלאָפען געוואָרען ביים אויווען.

דערווייל איז פון אַ לעכעל אין דעם דיל אַ מייזעלע אַרויסגעקומען. דאָס מייזעלע האָט זיך אַרומגעקוקט, — די קאַץ שלאָפט! האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דעם בריף און איז מיט איהם אַנטלאָפען אין איהר נאָרע, דורך דעם לעכעל פון דעם דיל.

די קאַץ האָט זיך אויפגעכאַפּט: זי האָט דערהערט אַ שאָרשקען. דאָס האָט געשאָרשקעט דער בריף, ב ש ע ת דאָס מייזעלע האָט איהם איבער דעם דיל געשלעפּט. האָט זיך די קאַץ פלינק אַ יאָג געגעבען נאָך דער מויז, אָבער זי איז שוין געוועזען טיף אין איהר נאָרע.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט די קאַץ ניט דעם בריף און זי האָט מ ו ר א זיך צו ווייזען פאַר'ן הונט.

און דער הונט האָט ניט דעם בריף, ווייל די קאַץ האָט איהם ניט אָפּגע־ברענגט, ווייל דאָס מייזעלע האָט איהם צוגעכאַפּט.

ווען דער הונט דערזעהט די קאַץ, גיט ער זיך דערפאַר צו איהר אַ וואָרף מיט כ ע ס:

„ר־ר־ר־ר־או, ר־ר־ר־ר־או! וואו איז מיין בריף?“

האָט די קאַץ ניט וואָס צו ענטפערן, אַנטלויפט זי און באַהאַלט זיך פון דעם הונט.

דערפאַר, אַז די קאַץ דערזעהט די מויז, כאַפּט זי זי און זי בייסט זי און זי רייסט זי און זי זאָגט צו איהר:

„האַ? ווערסט ווייטער ג נ ב'ענען בריף? ווערסט ג נ ב'ענען?“

ב. באַטווינִיק.

די קעכין און די קאַץ.

אַ קעכין איז אַמאָל פון קיך אַרויס
אַנטקעגען צו אַ ש כ נ ה אין אַ הויז.
(געוועהנליך ווייסען מיר, אַז ווייבער דאַרפען
גאַנץ אָפט די צינגער שאַרפען).
אום איינצוהיטען דאָרט די שפּייז
פון מייז,
האָט זי אַ קאַץ אין קיך געלאָזען. אָבער וואָס
האָט זי דערזעהן, צו איהר פאַרדראָס,
ווען זי האָט פון איהר פריינדין זיך צוריקגעקערט?
אויף דר׳ערד,
צעוואָרפען דאָ און דאָרט,
די ברעקלעך פון אַ טאָרט.
און אין אַ ווינקעל לעבען עסיק-פאַס
איז אונזער קעצעל מיט אַ ברען
אין אַ געבראָטען הינדעל שטאַרק פאַרטאָן געוועז.
— „אַך פרעסערין דו איינע!״ — האָט מיט כ ע ס
די קעכין צו דער קאַץ זיך דאָ געווענדט —
„ווי האָסטו ניט קיין ב ו ש ה פאַר די ווענט,
איך רעד שוין ניט — פאַר מענשען!
(די קאַץ דערווײילע עסט — און קוקט זיך גאָר ניט אום).
וואָס הייסט, געווען ביז איצטער גוט און פרום,
אַז אַלע פלעגען זיך מיט דיר דאָך בענשען!
און דו?... אוי ווייה, וואָס פאַר אַ שאַנד!
איצט וועלען אַלע ש כ נ י ם ט ע נ ה ׳ ן נאָכאַנאַנד,
אַז דו ביזט, קעצעלע, ניט ערליך,
ביזט, קעצעלע, אַ ג נ ב ׳ ט ע — און דיך
איז ניט וואָס אין אַ קיך, —
נאָר אויף אַ הויף אַרויפלאָזען געפערליך,
אַ שטייגער ווי אַ וואָלף אין שעפּסען-שטאַל.
דו ביזט פאַר אונז אַ פּלאָג, אַ שטראָף, אַ פּעסט!...״
(די קאַץ דערווײילע הערט זיך צו און... עסט).
און דאָ האָט אונזער קעכין ערשט מיט גיפט און גאַל
גענומען אויסדריקען איהר גרויס פאַרדראָס און עקעל.
נאָר וואָס איז פאָרט אַרויס דערפון?
ווען יענע האָט גערעדט — האָט אונזער קאַץ די הון
דערווײילע אויפגעגעסען ביז אַ ברעקעל.

נ. יערוסאַלימטשיק.

ראַבטשיק.

א.

ראַבטשיק איז געווען אַ הונט אַ ווײַסער מיט פלעקען, נישט קיין גרויסער, אַ מיטעלמעסיגער; אַ שטילער, נישט קיין אָנכאַפּער; ער האָט פײַנט געהאַט, ווי אַנדערע, אָנפאַלען אויף יענעם פון הינטען, אָפּרײַסען אַ פּאָלע אָדער אַ בים טאָן אין דער ליטקע. ער איז געווען צופרידען, אַבי יענער זאָל איהם נישט טשעפּען. אדרבה איהם האָט דערקוטשעט יעדערער, ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען. געבען ראַבטשיקען אַ זעץ מיט אַ שטעקען פון הינטען, אָדער דערלאַנגען איהם מיט'ן אָבצאַס אין זײַט אַרײַן, אָדער וואַרפען איהם אַ שטײנדעל אין קאָפּ אַרײַן, אָדער אויסגיסען אויף איהם אַ פּאָמוינעצע — דאָס איז געווען בײַ יעדען אַ שפּילכעל, כמעט אַ מצוה.

און ראַבטשיק, אַז ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ, האָט ער זיך ניט אַנידערגעשטעלט, ווי אַנדערע הינט, אויס'ט ענה'ן זיך, אויסהאַווקען זיך, באַווײַזען די צײן; ראַבטשיק פלעגט זיך בײַ איטליכען קלאַפּ אײַנבײגען כמעט ביז דער ערד מיט אַ קוויטש: אַי — אַי! און אַנטלויפען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען וויידעל, זיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעלע, פאַרטיפען זיך אין געדאַנקען און כאַפּען פליגען.

ב.

ראַבטשיק איז געווען אַ הונט ניט קיין נאַשער. אין שטוב האָט געמעגט ליעגען גאָלד, האָט ער זיך ניט צוגערירט. ראַבטשיק האָט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס אונטער'ן טיש, געהערט צו איהם, און ווײַטער איז ניט זײַן עסק.

אין דער יוגענד, זאָגט מען, איז ער אפילו יאָ געווען אַ שטיקעל חבר־המאַן. ער האָט אײנמאָל געפּרואווט, אומגערן הפנים, אוועקשלעפּען פונ'ם זאַלץ־ברעטעל אַ פּיסעל פון אַ גאַנז; האָט דערזעהן

ברײַנגע די קעכין, אַ אידענע מיט שוואַרצע וואָנצעס, און האָט געמאַכט אַ געשרײַ: אײַזיק! איז געקומען צו לויפען אײַזיק סאַמע אין דער מינוט, וואָס ראַבטשיק האָט געוואָלט דורכלויפען מיט'ן פיסעל. האָט איהם אײַזיק צוגעקוועטשט מיט דער טיר אַזוי, אַז האַלב ראַבטשיק איז געבליבען פון אײַן זײַט טיר, און האַלב פון יענער זײַט. און מען האָט זיך מיט איהם גוט אָפּגערעכענט: פון אײַן זײַט האָט איהם געשלאָגען אײַזיק איבער'ן קאָפּ מיט אַ שטעקען, און פון דער אַנדערער זײַט ברײַנגע מיט אַ שײַט האָלץ און האָט ניט אויפגעהערט צו שרײַען ב ש ע ת מ ע ש ה: „אײַזיק! אײַזיק!“

פון דעמאָלט אָן איז איהם פאַרבליבען אַ ז כ ר: אַז מען איז צוגעגאַנגען צו איהם און אַ זאָג געטאָן גלײַך אין פ נ י ם אַרײַן: „אײַזיק!“ — פלעגט ער אַנטלויפען, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

ג.

מעהר פון אַלע איז איהם דערגאַנגען די יאָרען פאַראַסקע, די פאַראַסקע, וואָס האָט אונז געוואַשען גרעט, געשמירט די שטוב און געמאָלקען די ב ה מ ה. ראַבטשיק פלעגט איהר ת מ י ד זײַן גרויס אין די אויגען, און ווען זי פלעגט איהם דערזעהן, פלעגט זי ווערען אָנגעצונדען. בײַ דער אַרבײַט פלעגט זיך פאַראַסקע אין איהם נ ו ק ם זײַן: האָט זי געוואַשען גרעט, פלעגט זי איהם אָפּגיסען מיט אַ קאַלט שעפעל וואַסער. ראַבטשיק האָט פײַנט געהאַט אַזאַ באַד, פלעגט ער זיך נאָכדעם דאַרפען לאַנג אָפּטרײסלען. האָט זי געשמירט די שטוב, פלעגט זי איהם פאַרפליאַסקען דעם פ נ י ם מיט ווײַסע לײם, ער זאָל זיך נאָכדעם באַלעקען אַ ש ע ה כ ס ד ר. האָט זי געמאָלקען די ב ה מ ה, פלעגט זי איהם מ כ ב ד זײַן מיט אַ שײַט האָלץ איבער די פיס. ראַבטשיק האָט זיך אויסגעלערנט שפרינגען: אַז ס'איז געפלויגען אַ שײַט האָלץ, פלעגט ער קונציג איבערשפרינגען איבער דעם, ווי אַ מ ז י ק.

אײנמאָל האָט ער פון אַזאַ כ י ב ו ד געכאַפּט אַ מ י א ו ס'ען פ ס ק; פאַראַסקע האָט איהם געוואָרפען אַ שײַט האָלץ און געטראָפען אין דעם פאָדערשטען פוס. האָט ראַבטשיק זיך צעשריען ניט מיט זײַן ק ו ל, נאָר מיט אַ מאָדנעם קוויטש: אַי־אַי! אַי־אַי! אַי־אַי־אַי! מען איז זיך צונויפגעלאָפען פונ'ם גאַנצען הויף. ראַבטשיק האָט דערזעהן מענשען, האָט ער זיך אָנגעהויבען פעשטשען, באַוויזען איטליכען דאָס איבערגעבראָכענע פיסעל, ווי אײנער רעדט: „נאַט זעהט, וואָס זי האָט מיר געטאָן, פאַראַסקע!“

ראַבטשיק האָט געמײנט, אַז מען וועט זיך מ ס ת מ א אָננעמען זײַן קריוודע; צום ס ו ף איז גאָר צווישען ע ו ל ם געוואָרען אַ געלעכטער. אויך די ק ו נ ד ס י ם, די ווײַסע־ח ב ר ה'ניקעס זײַנען זיך צונויפגעלאָפען און האָבען גענומען שרײַען אויף ראַבטשיקען און פײַפען.

איז אָנגעקומען פּאַראַסקע און האָט איהם צו רעכט געמאַכט דאָס מזל: זי האָט איהם אָפּגעגאָסען מיט אַ קריגעל זודיג וואַסער. האָט ראַבטשיק אויפגעהויבען אַ גוואַלד און אַ קוויטשעריי: „אי־אי־! אי־אי־! אי־אי־אי!.. בשעת מעשה געשפּרונגען און געדרייהט זיך. גע־ביסען זיך אַליין דעם וויידעל, און ניט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען מיט אַזעלכע קולות, אַז צווישען די וויסע־ח ברה'ניקעס איז דאָס גע־לעכטער נאָך גרעסער געוואָרען. מען האָט דערזעהן ראַבטשיקען טאַנצען אויף דריי פיס, האָט מען אויסגע'בטל'ט אַלע בייזע חלומות אויף זיין קאָפּ און געשענקט איהם אַ פּאָר גוטע שטעקענס.

ראַבטשיק האָט זיך געלאָזט לויפען מיט אַ קוויטש, געקוליעט זיך און געקאַטשעט איבער דער ערד, און וויסע־ח ברה'ניקעס זיינען איהם נאָכגעלאָפען מיט שטעקלעך און מיט שטיינדלעך, געהוקעט, געפייפט און געטיוקעט, און פאַרטיוקעט איהם וויט, וויט פון דער שטאָט אַרויס, אַזש אויף יענער זייט מיהלען. און ראַבטשיק איז געלאָפען ווייטער מיט דער דעה, אַז צוריק אין שטאָט אַריין זאָל ער שוין נישט קומען קיינ־מאָל, כל זמן ער וועט לעבען.

שלום־עליכם.

שפּריכווערטער.

אַ הונט וואָס בילט, בייסט ניט.
אַז דער הונט האָט זיך אויסגעבילט, הערט ער אַליין אויף.
אַ הונט שיקט מען ניט אין יאַטקע אַריין.
אַ הונט קאָן קיין קצב ניט זיין.
אַ הונט געהט מען אוים דעם וועג.

צוויי הינט.

דער אַלטער הונט באַרבאָס,
וואָס האָט געטריי געדיענט דעם בעל־הבית,
האָט אין אַ פענסטער איינמאָל צופעליג דערזעהן
זיין פריינד — אַ הינטעלע אַ קליינעם —
וואָס האָט מיט איהם אַמאָל געלעבט אינאיינעם.
באַרבאָס האָט זיך מיט איהם אַזוי דערפרייהט,
אַז ס'האָט זיך אין די אויגען איהם געשטעלט אַ טרער.
ער האָט פון פרייד
גענומען שפּרינגען אונטער פענסטער הין און הער

און וואַרפען מיט׳ן עק:

— „נו, זאָג, ווי געהט עס דיר פון יענע צײַטען, זינט

מען האָט אין פּאַלאַץ דיך גענומען?

געדענקסט, עס איז ניט אײַנמאָל אויסגעקומען

אונז בײַדען גאַנצע נעכט און טעג

פאַרהונגערט אויפ׳ן הויף צו ליעגען...

ווי געהט עס דיר אַצינד?"

— „איך קען זיך אויף מײַן מזל ניט באַקלאָגען, —

האָט איהם דאָס קלײנע הינטעל דאָ גענומען זאָגען, —

עס האָט דער בעל־הבית מיך ווי זײַן לעבען האָלט.

איך לעב אין פאַרגעניגען,

אין רוהיגקײַט און פרײד;

מײַן עסען גיט מען מיר אויף זילבער און אויף גאָלד;

איך שפּיל

זיך מיט מײַן בעל־הבית, און ווער איך מיד —

דאַן לײג איך זיך און רוה

אויף אַלע בעסטע טעפּיכער, אַוואו איך וויל.

און ווי לעבסטו?"

— „ווי איך? — האָט אָפּגעענטפערט איהם באַרבאָס,

אַרונטערלאָזענדיג דעם ווײדעל און די נאָז, —

איך מאַטער זיך ווי פריהער אויף דער וועלט.

איך לייד פון הונגער און פון קעלט,

און, היטענדיג דאָס הויז,

טרעפט אָפטמאָל, אַז דער רעגען נעצט מיך אויס...

איך שלאָף דאָ אונטער פּלויט, צי בײַ די טרעפּ,

און גיב איך ווען אַ ביל

אַזוי זיך, אָהן אַ ציל —

באַקום איך קלעפּ.

נאָר זאָג מיר, וואָס האָט דיך צום גליק געבראַכט,

ווען דו ביסט אַזוי קלײן געווען, אָהן מאַכט;

און איך,

כאָטש איך בין פעסט געבויט,

איז, ווי דו זעהסט, איך קריך

אומזיסט די גאַנצע צײַט פון הויט

און פּלאָג זיך אָפּ מײַן לעבען פאַר אַ בײן.

אין וואָס באַשטעהט דײַן דיענסט? איך קען גאָר ניט פאַרשטעהן!"

— מיין דיענסט אין וואס באשטעהט? ס'איז שען! —
האט אפגעענטפערט איהם זיין פריינד פארדריסליך —
איך געה דאך אום אויף הינטער־פיסלעך!.

ווי אפט געפינט מען גליק און רוה און חן
דערפאר נאר, וואס מען קען אויף הינטער־פיסלעך געהן!...

נ. יערוסאלימטשיק.

לבן הארמי.

א.

איך בין איינמאל געקומען אהיים און האב לעבען שטוב באמערקט א קליין, מאגער, געפלעקט לאשיקעל. עס איז געווען אויף א שטריקעל ביים האלז צוגעבונדען צום סלופ פון דער צעוואָרפענער סוכה. עס האט געהאט א קורצע רויטליכע גריווע, ווי מיידעלשע קליינע צעפּעלעך, א קורץ וויידעלע, באהאלטען, איינגעטוליעט אונטער זיך. דעם קאפ האט עס געהאלטען אראפגעבויגען, ווי עס וואלט דארטען אונטען עטוואס געזוכט. אינגאנצען האט עס זיך צונויפגעקארטשעט און געטרייסעלט, ווי א בלאט... איך האב עס גוט באטראכט, געדרייהט, געגלעט, געפיהרט מיט דער האנט איבער דעם נאסען רוקען, געשלאסען אין דער פינסטער באקאנטשאפט און אריין אין שטוב.

אונז קינדער האט שטארק הנאה געטאן, וואס מיר האבען א לאשיקעל. א קליין לאשיקעל, אונזער אן אייגענס, ביי אונז אין שטאל. און אזא שענס! וויים מיט שווארץ. מיר האבען זיך אלע צעשטעלט אויף דער באנק, וואס ביים פענסטער און ארויסגעקוקט דורך דער שויב אין גאס אריין. עס איז שוין נאכט. און אין דעם גרויען נעפעל טרייסעלט זיך א קליין מאגער, ליב נפש'ל. קלאפען מיר אונטער איינער דעם אנדערען מיט דעם איילענבויגען, שמעלצען זיך שטילערהייט פאר שמחה: זעהסט, ס'א קעפעלע, ס'א דינינקע פיסעלעך, און די אויגען אזוי גרויס און גרוי. און דער טאטע האט זיך באלד גענומען מאכען פאר איהם אן ארט אין שטאל.

ב.

א נאמען געגעבען האט מען דעם לאשיקעל „לבן הארמי“. און ס'האט זיך אנגעהויבען א סדרה לבן הארמי: לבן הארמי געגעסען, לבן הארמי געטרונקען. אלע מינוט ברענגט מען איהם עפּעס אנדערש: דער א שטיקעל ברויט, דער א ביסעלע געקעכץ, קרופּניק, בארשטש, א שטיקעל בייגעל. יעדערער האט איהם

געגלעט, געבאַרשטען, געקעמט. און ער האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו אונז, אַז ער פלעגט עסען פון האַנט. פריהער שמעקען, באַטראַכטען, איבערקלייבען מיט די ליפען: פלאַפּ... פלאַפּ... פלאַפּ... ווי ער וואָלט ווערעמדיגען אַרבעס געקליבען; דערנאָך אַ כאַפּ אַריין, פאַרזשמורעט מיט איין אייגעל און ער קייט שוין.

מיר האָבען איהם אַלע שטאַרק ליב געקראָגען. וואו אַ ליידיגע מינוט, האָט מען פאַרבראַכט אין שטאַל, זיך געשפּילט, געשמועסט מיט איהם, ווי מיט אונזערס אַ גלייכען.

אויף זומער איז ל ב ן שוין געווען אַ היבש פערדעל: אַ שענע אָנ־געוואַקסענע גריווע; דער ווידעל, עטוואָס געגרייזעלט, דערלאַנגט אַזש ביז אונטער די קניה. אַז מ'האָט איהם דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעלאָזען אין דרויסען אין אַ וואַרימען ליכטיגען פריהלינג־טאָג, איז געווען ביי אונז אַ גרויסע ש מ ח ה.

ער האָט געמאַכט אָנשטעלען, געשטיפט, פאַרריסען דעם עק און זיך געגעבען אַ ציה־אויס איבער דער גאַס מיט'ן בויך צו דער ערד: אַט־אַט, מיינסטו, זעצט ער זיך, און אַוועק העט וויט־וויט... באַלד קומט ער צוריק, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט אַלץ מיט אַ פרייען און לייכטען בליק, וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואונק, ווי ער וואָלט פרעגען: האַ? וואָס? מע קאָן? און באַקומענדיג אַ געוואונשענעם ענטפער, האָט ער זיך ווידער אַ לאָז געטאָן, געוואָרפען מיט דעם קעפּעלע, פריי געהירזשעט, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגען: קומט זעהט! ס'אַרא ליכטיגע וועלט אין דרויסען! אַזוי ליכטיג, לופטיג, זאַפטיג און פריי־פריי!

מ. סטאַוויסקי.

מתושלח.

(אַן אַלט פערד)

א.

מ ת ו ש ל ח — אַזוי האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען אין כ ת ר י ל ע ו ו ק ע דערפאַר, וואָס ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרען, נישט געהאַט שוין קיין צאָן אין מויל, אַ ח ו ץ צוויי דריי פענקעס, וואָס מיט זיי פלעגט ער קוים מיט צ ר ו ת קייען — אַבי ס'איז נאָר געווען וואָס. אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַ צע'ה ר ג'עטען רוקען, קאַליע אויגען, אויף איינעם אַ בעלמע, דאָס אַנדערע רויטליך, אויסגעקנעכעלטע פיס, שפּיציגע קלובעס, איינגעפאַלענע זייטען, די אונטערשטע ליפּ אַ ביסעל אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַרוויינט, דער ווידעל אַן אויסגעפליקטער — אָט האָט איהר זיין פּאָרטרעט. און געדיענט האָט ער אויף די עלטערע יאָרען אין כ ת רילעווקע ביי כ ת ר י א ל דעם וואַסערפיהרער ביים פעסעל פאַר אַ פערדעל.

בטבע איז מתושלח געווען אַ רוהיגער, אַ האָרעפּאַשנער, נאָר אַן אויסגעהאָרעוועטער נעבעך. אָנגעטיאָפּקעט זיך דעם גאַנצען טאָג אין דער כתרילעווקער לײַמיגער בלאָטע און פאַרזאָרגט די שטאָט אויף אַ גאַנץ מעת־לעת מיט וואַסער, איז ער געווען צופרידען, אַז מען האָט איהם אויסגעשפּאַנט פון'ם פעסעל, אונטערגעוואָרפען אַ ביסעל שטרוי און געגעבען פאַרבײַסען מיט אַ פּאַמויניצע, וואָס כתרילכע האָט איהם אונטערגעטראָגען מיט אַזאַ פּנים, ווי מען טראָגט, אַ שטײַגער, אונטער זעהר אַן אָנגעלײגטען גאַסט אַ פּאַלומעסיק מיט פיש אָדער אַ שיסעל מיט וואַרעניקעס. אויף דער דאָזיגער פּאַמויניצע פלעגט מתושלח אַרויסקוקען, ווי אויף עפּעס רעכטס, מחמת דאָרטען האָט זיך געפונען אַלע מאָל אַן אויסגעווײקט שטיקעל ברויט, קאַשע אַ ביסעל וכדומה אַזעלכע ווײכע זאַכען, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זײַ צײַן. דעם גאַנצען טאָג האָט כתרילכע געזאַמעלט פון מתושלח'ס וועגען, געוואָרפען אין פּאַמויניצע אַרײַן, וואָס ס'איז איהר געקומען אין די הענט אַרײַן. — לאָז דאָס פערדעל נעבעך האָבען וואָס צו עסען. און מתושלח, אַז ער האָט איבערגעביסען, האָט ער זיך אויסגעדרײהט מיט'ן פּנים צום פעסעל און מיט'ן הינטען, מחילה, צו כתרילכען, ווי אײנער רעדט: אַ דאַנק אײַך פאַר אײַער זאַלץ און ברויט!.. בשעת מעשה אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ נאָך נידעריגער, דאָס זעהענדיגע אייגעל צוגעמאַכט, און אַרײַנגעלאָזט זיך אין טיפע פערדישע געדאַנקען.

ב.

בײַ כתריאל דעם וואַסערפיהרער איז מתושלח'ן געווען אַזוי גוט, ווי נאָך קײנמאָל נישט: ערשטענס איז די אַרבײַט עפּעס נאָר אַ געלעכטער און גענוג. שלעפּען אַ פעסעל וואַסער און בײַ יעדער שטוב אָפּשטעלען זיך — אויך מיר אַן אַרבײַט! און דער בעל־הבית איז עפּעס גאָר אַ דימענט. אַ מענש זאָל זיך ניט צורירען, קײן הויכען געשרײ ניט טאָן, האַלטען אַ בײַטש פון יוצא וועגען! הײַנט דאָס עסען. אמת, קײן האָבער קוקט ער נישט אָן: נאָר צו וואָס טויג איהם דער האָבער, אַז ער האָט במילא נישט מיט וואָס צו קײַען? נישט גלײַכער שוין די פּאַמויניצע מיט די ווײכע שטיקלעך ברויט, וואָס כתרילכע טראָגט איהם אַלע טאָג אַנטקעגען? און נישט אַזוי די פּאַמויניצע, ווי דאָס דערלאַנגען די פּאַמויניצע. מען באַדאַרף זעהן, ווי כתריליכע שטעהט בשעת מעשה צונויפגעלײגט די הענט אויפ'ן האַרצען און קלײַבט נחת פון מתושלח'ן, ווי ער עסט דאָס, קײַן עין־הרע ניט. קומט בײַנאַכט, בעט מען איהם אוים אין הויף אַ ביסעל שטרוי און מען געהט אַרוים אַלע מאָל אָדער כתריאל אָדער כתריליכע געוואָר ווערען, צי מען האָט איהם חלילה ניט אוועקגע'לקח'ענט.

ג.

ס'זאָל כּסדר זײַן גוט אויף דער וועלט, דאָס איז נישט פאַראַן. אויף וויפיעל מתושלח האָט זיך געפיהלט גליקליך אויף דער עלטער ביי כתריאל'ן און כתרי ליכען, אַזוי פיעל איז ער אויסגעריסען געוואָרען, אויסגעשטאַנען צרות, יסורים און בזיונות פון זײַערע קינדער, פון זײַערע שכנים'ס קינדער און פון גלאַט קינדער.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מען האָט איהם געבראַכט צו פיהרען, ווי קלײַנוואָרג האָט איהם דערזעהן, האָבען זיי איהם, פון ליבשאַפט

דוקא, אָנגעהויבען צו פּײַניגען. געקיצעלט איבער די פיס; געשנעלט איבער'ן אויער; געפיהרט מיט אַ שטרײַעלע איבער'ן ווײַסען אײַגעל מיט דער בעלמע; געדרוקט אַ ריטעל פון אַ בעזים טיף אין נאָז אַרײַן, און דאָס אַלץ — כדי צו זעהן, צו פיהלט ער אַזוי ווי אַ מענש צו נײַן. ווען כתריאל פלעגט דאָס דערזעהן, פלעגט ער אַוועקטרײַבען זײַנע קינדער מיט כעס אין תלמוד־תורה אַרײַן.

אין תלמוד־תורה איז געווען אײַנער אַ ראובֿ'עלע, אַ ספּירטאָווע אינגעל, אַ מזיק, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! אַז ער איז געוואָר געוואָרען פון כתריאל'ס קינדער, אַז זײַער טאַטע האָט געבראַכט צו פיהרען פונ'ם יריד אַ פערדעל און עס הײַסט מתושלח, איז ער אויפגעשפּרונגען אויף אַ בענקעל, אַ וויש געטאָן דאָס נעזעל מיט בײדע הענט הין און צוריק און אויסגערופען בקול רם:

— קינדער, מיר האָבען שוין אַ „סמיטשיק"!

פאַרנאַכט האָט ראובֿ'עלע זיך פאַרגנבֿ'עט צו מתושלח'ן פון הינטען און האָט אָנגעהויבען שלעפּען ביי איהם האָר פונ'ם וויידעל.

כל־זמן ראוב'על האָט געשלעפּט די האָר אײַנציגװײַז, איז מתושלח געשטאַנען רוהיג. נאָר אַז ראוב'על האָט זיך צוגע־כאַפּט צום װײַדעל, אָנגעהויבען רײַסען מיט אַ מאָל אַ גאַנצען זשמוט, האָט דאָס שוין מתושלח'ן גוט פאַרדראָסען. און נישט לאַנג גע־טראַכט, האָט ער דערלאַנגט ראוב'על'ען מיט דעם הינטערשטען פוס גלײַך אין די צײַן אַרײַן און האָט איהם צעהאַקט די ליפּ אויף צװײַען.

ד.

ראוב'על איז געװען, ברוך השם, אַזאַ קינד, װאָס אַלצדינג האָט זיך אויף איהם פאַרהײַלט גיך. אײַדער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין די ליפּ בײַ איהם װידער צונויפגעװאַקסען געװאָרען, גלײַך װי גאָרנישט געװען. און ער האָט צוגעטראַכט גאָר אַ נײַע זאַך: מען באַ־דאַרף זיך אַמאָל דורכפאָרען רײַטענדיג אויף מתושלח'ן, און דווקא אַלע תלמוד־תורה־אינגלעך מיט אַ מאָל.

ס'איז געקומען שבת בײַטאָג. דער עולם האָט אָפּגעגעסען, געלײַגט זיך שלאָפען, און כתריאל מיט כתריליכען בתוכם, האָבען זיך חברה פאַװאָליע אַרײַנגעג'נב'עט צום װאַסערפיהרער אין הויף אַרײַן. ראוב'על האָט גענומען אויספּוצען מתושלח'ן װי װײַט מעגליך. קודם־כל האָט ער איהם פאַרפלאָכטען די גריװע, געמאַכט עטליכע צעפּלעך, באַפּוצט מיט שטרײַעלעך; נאָכדעם האָט ער איהם אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ אַ װײַסען פאַפּירענעם ספאָדיק, צוגע־בונדען אויפ'ן האַלז מיט בענדלעך. און אחרי ככלות הכל האָט ער איהם אָנגעהאַנגען פון הינטען אַן אַלטען בעזעם, בכדי דער װײַדעל זאָל אויסקומען שענער און לענגער. און חברה האָבען אָנגע־הויבען זעצען זיך, קריכען אויף מתושלח'ן אײנס איבער'ן אַנדערען. װער עס האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט פריהער, דער איז געזעסען אויפ'ן פערד, און די איבעריגע װעלען זיך שוין זעצען נאָכדעם. נאָר דערװײַל זײַנען זײ נאָכגעגאַנגען פון הינטען און געהאָלפען אונטערשרײַען מתושלח'ן ער זאָל געהן אַ ביסעל גיכער.

מתושלח האָט קײַן חשק ניט געהאַט צו לויפען און איז גע־גאַנגען טריט בײַ טריט. נאָר אַז חברה האָבען איהם שטאַרק אָנגע־הויבען דאַקוטשען, אונטערטרײַבען און מאַכען מיט די הענט, האָט מתושלח אָנגעהויבען געהן גיכער. און אַז ער האָט אָנגעהויבען צו געהן גיכער, האָט איהם הינטען דער בעזעם אָנגעהויבען שלאָגען אין די פיס אַרײַן; האָט ער אָנגעהויבען לויפען נאָך גיכער, האָט איהם דער בעזעם אָנגעהויבען צו שלאָגען נאָך שטאַרקער. האָט ער אָנגעהויבען צו שפּרינגען, האָבען חברה געקװעלט, און ראוב'על האָט זיך אונ־טערגעהעצקעט און געשריען: האָפּ־האָפּ־האָפּ! אַזוי לאַנג געהאָפּקעט, ביז זײ האָבען אָנגעהויבען פאַלען אײַנציגװײַז, װי די האַלעשקעס. און

אַז מתושלח האָט זײ אַלעמען אַראָפּגעוואָרפען און דערפיהלט, אַז ער איז פרײַ, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען לויפען משוגע'נערווײַז און איז געשמײַדיג געלאָפען און געלאָפען ביז אויף יענער זײַט מיהלען, העט, העט הינטער דער שטאָט אַרויס.

דערזעהן לויפען אַ משונה־מאָדנע פערדעל מיט אַ פאַפּירענעם ספּאָדיק, האָבען די שקצים, די פאַסטוכער, געמאַכט אַ העץ אויף איהם, אָנגעהויבען איהם נאָכלויפען, וואַרפען מיט שטעקענס און האָבען אָנגערייצט אויף איהם די הינט. יענע, די כלבים, הײסט דאָס, האָבען זיך דוקא ניט געלאָזט לאַנג בעטען און האָבען גענומען יאָגען זיך נאָך איהם, בײַסען און רײַסען; עטליכע האָבען איהם אָנגענומען הינטען, בײַ די ליטקעס; עטליכע האָבען איהם אָנגעכאַפּט פון פאָרענט, בײַם גאָרגעל. מתושלח האָט אַזש אָנגעהויבען כראָפען. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז זײ זײַנען איהם דערגאַנגען דעם עק.

אויף מאָרגען האָבען שוין חברה געהאַט זײער עהרליך אויסקר־מעניש. נאָר דער גרעסטער טרויער איז געווען בײַ כתריאל דעם וואַסערפיהרער און זײַן ווײַב כתרי ליכע. זײ האָבען געוויינט און געקלאָגט אויף זײער גרויסען שאָדען, אויף זײער אָרים פערדעל נעבעך, אויף מתושלח'ן.

שלום־עליכם.

שפּריכווערטער.

שמײַם דאָס פערד מיט האָבער, ניט מיט קײַן בײַטש.
אַ בלינד פערד פאַלט אַלע מאָל אין גרוב אַרײַן.

דאָס פערד און דער קעמעל.

פון קעמעל האָט אַמאָל דאָס פערד
געלאַכט:
— „באַטראַכט,
צי קען מען נאָך געפינען אויף
דער ערד
באַשעפענישען העסליכער פון דיר?
אַ פעל
פאַרמאָגסט דו, וועלכע איז
פון גאָר אַן אומבאַשטימט קאָליר,
ניט טונקעל און ניט העל.
דערצו נאָך ביסטו אויך
גאָר אומגעלומפערט הויך;



האָסט דינע פּיס,
אַ מיאוס'ען און קורצען עק;
און טאָמער איז נאָך קאַרג,
פּאַרמאָגסטו אויך דערצו
אַ הויקער ווי אַ באַרג.
און וואו?
נאָך אויפ'ן רעכטען מיטען רוקען!
איך זאָג דיר ס'איז אַ חרפּה און אַ שרעק
אויף דיר צו קוקען!"
— „ס'ווייזט אויס פון דיינע רייד, מיין ליבער פערד,
אַז דו ביסט גאָר אַ נאַר, —
האָט איהם דער קעמעל מיט פאַרדראָס דערקלערט, —
איך מיין,
אַז יעדער איז באַשאַפען לויט זיין מאָס,
און יעדער איז דעריבער פאַר זיך שען.
פאַרקערט,
מיין הויקער איז מיר ליב דערפאַר,
וואָס כ'ווער פון איהם געשפייזט צו זאַט
אַ לאַנגע צייט,
ווען איך בין אין דער וויסטעניש, פון גראָז
און וואַסער ווייט.
און ווען איך וואָלט, ווי דו, געהאַט
אַ שען געשטאַלט,
וואָלט איך געוויס
דאָרט אויסגעצויגען באַלד
די פיס..."

נ. יערוסאַלימטשיק.

דאָס קעלבעל.

א.

פריי פון חדר, עטעמען מיר טיף אָפּ און לאָזען זיך לויפען הענ־דום־פּענדום אַרויס אויפ'ן גאַס. אויפ'ן גאַס באַגעגענען מיר זיך פּנים־אל־פּנים מיט די בהמות, וואָס געהען איצט פון פעלד אַהיים. פאָראויס געהען די חשוב'ע בעק, געהען פּאַמעליך, פאַרטיפט אין געדאַנקען. נאָך זיי געהען די ציגען, קיה, קעלבלעך, חזירים, יונגע לאַ־

שיקלעך, יעדער מיט זיין קאָמפּאַניע. דער שטויב טראָגט זיך אַזש ביז׳ן הימעל, און מיר, אינגלעך, פּלאָנטערן, מישען זיך אויס צווישען די ב ה מ ו ת: איינער כאַפּט זיך אַרויף רייטענדיג אויף אַ באָק, אַ צווייטער אויף אַ ציג; אַן אַנדערער ווידער דערגעהט גלאַט אַזוי די ב ה מ ו ת ביז׳ן לונג, שרעקט, יאָגט זיי, — און זאָלען זיי, די ב ה מ ו ת, הייסט עס, וויסען, אַז ער איז אַ מענש, שטאַמט אָפּ פון יענעם מ י ן, וואָס געוועל־טיגט מיט זיין ג ב ו ר ה׳שאַפט איבער דער גאַנצער וועלט.

אָן אַ זייט, דערזעה איך, געהט אונזער קוה לעבען דעם פּאַסטוך, און ער, דער פּאַסטוך, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ זעלטען שען קעלבעל. איך בלייב שטעהן, שלאָג זיך אָן, וואָס דאָס באַטייט, און דערמאָן זיך, אַז ניט איינמאָל שוין האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז אונזער קוה דאַרף זיך אָפּקעלבען. דאָס הערצעל הייבט מיר אָן צו פּלאַטערן פאַר פרייד. מיט אַ בענקעניש אין האַרצען קוק איך נאָך דעם פּאַסטוך, וואָס טראָגט דאָס

שענע קעלבעל גלייך צו אונז אַהיים. און עס ווילט זיך מיר אין דער ר ג ע זעהר, זעהר איהם דעריאָגען, ארומנעמען דאָס קעלבעל און האַלזען, קו־שען עס, קושען היים, קושען שטאַרק. וואָס אָבער קען איך טאָן? און דער ר ב י? און מ נ ח ה? און די מאַמע, וואָס וועט די מאַמע זאָגען, דערזע־הענדיג, אַז איהר ב ח ו ר, וואָס לערנט שוין, ב ר ו ך ה ש ם , ג מ ר א , גיט זיך גאָר אָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטען? און אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אומעטיג האַרץ, געה איך אַוועק אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש.

ב.

אָפּגעדאַווענט — לאָז איך זיך געהן וואָס גיכער אַהיים מ ק ב ל פּ נ י ם זיין דאָס קעלבעל. אַז איך קום אַריין אין שטוב, קומען מיר אַנט־קעגען מיינע אינגערע ברידער און שוועסטערלעך און זאָגען מיר אָן די פריידהליכע ב ש ו ר ה פון דעם נייגעבוירענעם קעלבעל.

— וואָלסטו געזעהן, ח פ נ י, — האָבען זיי אַלע אין איין ק ו ל אויסגעשריען, — וואָלסטו געזעהן, ווי שען דאָס קעלבעל איז! וואָלסטו נאָר געזעהן, וואָס פאַר אַ ברייטען שטערען, וואָס פאַר אַ ברייטע נאָזלעכער, וואָס פאַר אַ לאַנגע צונג, וואָס פאַר אַ פולע און רויטע ליפּען דאָס קעלבעל האָט! וואָלסטו נאָר געזעהן!...

איך פיהל, איך קאָן זיך מעהר נישט צוריקהאַלטען. איך לויף אָהן אָטעם אין שטאַל אַרײַן, פאַל אויף די קניה פאַר'ן קעלבעל, טאַפּ איהם אוים יעדען א ב ר באַזונדער, נעם עס אויף מײַנע הענט און טראָג עס אָפּ אין קיך אַרײַן, כ ד י עס דאָרט צו באַקוקען פאַר'ן ליכט. דאָרט האָב איך גענומען עטליכע שטיקלעך ברויט, באַזאַלצט עס און אַרײַנגע־לײַגט דעם קעלבעל אין מויל אַרײַן, סאַמע אויפ'ן צינגעל. דאָס קעלבעל האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסען און געקוקט אויף מיר מיט אַ צופרידע־נעם דאַנקבאַרען בליק. דענסטמאָל ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ביים קעלבעל נ ו ש א ח ן געוועזן; אַז פון אַלע איבעריגע קינדער, פון אַלע מײַנע ברידער און שוועסטערלעך האָט עס מיך נאָר פאַר אַ ח ב ר אויסגעקליבען, און וואו נאָר איך בין געגאַנגען, האָט מיך זײַן ווײַכער און ליבער בליק נאָכגעקוקט.

איך האָב געפיהלט אין זיך אַ גרויסע ליבשאַפט — אַ ליבשאַפט און עפּעס אַ שטאָלץ אינאײַנעם — צו דעם שענעם קעלבעל, און איך האָב זיך איהם אָפּגעגעבען אינגאַנצען, אָפּגעגעבען זיך עס ליב צו האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען.

ז. פייערבערג.

מיין קיהעלע.

אוי, ווי ליב מײַן רויטע קיהעלע איז מיר!
איך האָב אָנגעריסען גרעזעלעך פאַר איהר:
עס זיך אָן צו זאַט, אוי, קיהעלע דו פײַן!
זאָל דיר וואויל באַקומען, רויטינקע דו מײַן!

אוי, ווי ליב מײַן רויטע קיהעלע איז מיר!
כ'האָב אַ צעבער קלײַען אויך פאַרמישט פאַר איהר,
האָבען זאָל מײַן קיהעלע איהר עסען צו גענוג,
געבען זאָל מײַן רויטינקע מיר מילך אַ פולען קרוג.

א. כהן.

שפּריכווערטער.

וואָס קומט מיר אַרוים פון דער גוטער קוה, וואָס גיט אַ סך מילך, אַז זי שלאָגט דערנאָך דאָס שעפּעל אוים?

אַז מען וויל האָבען קיה, מוז מען האָבען מיה.

פון חומש.

זאָלסט ניט פאַרצוימען דעם אָקס זײַן מויל, ווען ער דרעשט!

ווען דו זעהסט, ווי דער אָקס פון דײַן פײַנד פאַלט אונטער זײַן מ ש א, טאָרסטו זיך ניט אָפּהאַלטען פון צו העלפען איהם; דו מוזט איהם העלפען!

היט אָפּ דעם טאָג פון ש ב ת. זאָלסט אין איהם קײַן מ ל א כ ה ניט טאָן, כ ד י עס זאָל דעם טאָג אָפּרוהען דו און דײַן זוהן, און דײַן טאָכטער, און דײַן דיענער, און דײַן דיענסט, און דײַן אָקס, און דײַן אייזעל.

נ ב ל ו ת זאָלט איהר ניט עסען! איהר זאָלט דאָס אַוועקוואַרפען פאַר די הינט.

קײנער פון די אידען און פון די פרעמדע, וואָס וואוינען צווישען אײַך, זאָל ניט עסען קײַן בלוט! ווײַל אין׳ם בלוט איז דאָס לעבען פון יעדער לעבעדיגער באַשעפעניש.

דאָס זײַנען די באַשעפענישען, וואָס איהר מעגט עסען פון אַלע ב ה מ ו ת, וואָס אויף דער ערד: די אַלע, וואָס האָבען צעשפּאַלטענע קלויען און זײַנען מ ע ל ה ־ ג ר ה. און די מעגט איהר עסען פון אַלע פיש אין וואַסער: אַלע וואָס האָבען שאָלעכץ און שופּען. און אַלע וואָס האָבען ניט קײַן שאָלעכץ און קײַן שופּען אין די י מ׳ען און טײַכען און די אַלע ח י ו ת, וואָס לעבען אין וואַסער, זאָלען פאַר אײַך זײַן אַן אומ־ווערט, און איהר זאָלט זיי ניט עסען.

און איהר זאָלט אונטערשײדען צווישען די ריינע און די אומריינע ב ה מ ו ת, צווישען די ריינע און אומריינע פויגעל. איהר זאָלט ניט פאַראומריינינגען אײַערע לײַבער מיט די אומריינע ב ה מ ו ת און פויגעל און מיט אַלץ, וואָס קריכט אַרום אויף דער ערד, וואָס עס איז אײַך אָנגע־צייכענט אַלס אומריין!

און איהר זאָלט זיין ריין!

די בין און די שעפּס.

— האָסטו נאָך אַזאַ ב ע ל ־ ח ס ד, ווי איך, צווישען די לעבעדיגע באַשעפענישען? — האָט אַ בין געפרעגט ביי אַ מענשען.

— אָ, געוויס, — האָט דער מענש געענטפערט, — די שעפּס! ווײַל איהר וואָל איז פאַר מיר זעהר נייטיג, און דײַן האָניק איז ניט מעהר ווי אָנגענעם.

און ווילסטו נאָך וויסען, טײַערע בין, פאַרוואָס איך האַלט די שעפּס

פאַר אַ גרעסערען ב ע ל ־ ח ס ד? ווייל די שעפּס שענקט מיר איהר וואָל אָהן דער מינדסטער שוועריגקייט. און ווען דו גיסט מיר דיין האָניק, מוז איך נאָך יעדעס מאָל מ ו ר א האָבען און היטען זיך פאַר דיין בים.

א. לעסינג.

דער פוקס און די ווינטרויבען.

אַ פיקסעל געהט פאַרביי אַ ווייַנגאָרטען,
און טרויבען זעהט ער וואַקסען דאָרטען...
איהם ווילט זיך זעהר געניסען
פון דעם געשמאַקען ביסען;
ער האָט אַן אַפּעטיט אַ שטאַרקען,
נאָר ס'איז צו הויך דער פאַרקען.
ער קוקט אַהין, אַהער —
אריינקריכען איז זעהר שווער...
„עט, — זאָגט ער, — כ'מיין,
די פ י ר ו ת זיינען נאָר פון וויטען שען...
עס קאָן זיי גאָר ניט עסען קיינער,
ווייל הייליג מאַכען זיי די ציינער".

מ. ריוועסמאַן.

דער אַלטער וואָלף.

א.

דער בייזער וואָלף איז געוואָרען אַלט. האָט ער באַשלאָסען, אַז מען דאַרף לעבען בשלום מיט די פּאַסטוכער. איז ער אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען צום פּאַסטוך, וואָס האָט געפּיטערט די שאָף נאָהענט צו זיין נאָרע.

— פּאַסטוך, — האָט ער איהם געזאָגט, — דו רופסט מיך בלוטדור־שטיגער רויבער. איך בין דאָס אָבער אין דער אמת׳ן ניט. געוויס קומט מיר אוים צו נעמען אַ מאָל דיינע אַ שעפּס, ווען איך בין הונגעריג; דער הונגער איז פּיינליך. אָבער באַשיץ מיך נאָר פון הונגער; מאַך מיך נאָר זאַט, און דו וועסט מיט מיר זיין זעהר צופרידען. ווייל איך בין אין דער אמת׳ן די שטילסטע און גוטמוטיגסטע חיה, ווען איך בין נאָר זאַט.

— ווען דו ביסט זאַט? — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט — דאָס קאָן זעהר זיין. אָבער ווען ביסטו דען זאַט? דו ווערסט דאָך קיינמאָל ניט זאַט! געה זיך דיר דעריבער פון דאַנען!

ב.

געהט דער וואָלף צו אַ צווייטען פּאַסטוך און זאָגט: „עס פאַרדריסט מיך שטאַרק, וואָס איך האָב צווישען אייך, פּאַסטוכער, אַ שם פון דער גרויזאַמסטער און אומעהרליכסטער באַשעפעניש. איך וויל דיר איצט באַווייזען, ווי ניט ריכטיג די מענשען האַנדלען קעגען מיר. גיב מיר נאָר איין שעפּס, און דיין טשערעדע וועט זיך קאָנען פריי און זיכער פּיטערן אין יענעם וואַלד, וואָס איז געוועזען ניט זיכער טאַקע נאָר צוליב מיר. איין שעפּס! דאָס איז דאָך נאָר אַ קליינינקייט! קאָן מען דען זיין נאָך איי־דעלער, נאָך גרויסמוטיגער?“

דער פּאַסטוך האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט דער וואָלף פאַרוואונדערט געפרעגט.

— אַזוי זיך, — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט; — אָבער ווי אַלט ביסטו, גוטער פריינד?

— וואָס געהט עס דיר אָן, ווי אַלט איך בין? אַלענפאַלס גענוג שטאַרק צו דערווערגען דיינע בעסטע שעפּסען.

— זיי ניט אין כעס, גוטער וואָלף! עס פאַרדריסט מיך, וואָס דו ביסט מיט דיין פאָרשלאַג געקומען אויף עטליכע יאָר צו שפּעט. דיינע אויסגע־געסענע ציין באַווייזען דעם אמת. דו גיבסט זיך אַרוים פאַר איינעם, וואָס טוט אַלץ ניט צוליב זיין נוצען; אָבער אין דער אמת׳ן טוסטו דאָס, כדי צו קאָנען באַקוועמער און מיט ווייניגער געפאַר געפּי־נען פאַר זיך שפּייז. געה זיך דיר דעריבער פון דאַנען!

ג.

דער וואָלף איז געוואָרען אין כ ע ס. נאָר ער האָט באַשלאָסען צו געהן נאָך צו אַ פּאַסטוך. ביי דעם פּאַסטוך איז ניט לאַנג אַוועקגעפאַלען זיין געטרייער הונט, און דער וואָלף האָט זיך דערמיט געוואָלט באַנוצען. קומט ער צו איהם און זאָגט:

— איך האָב זיך צעקריגט מיט מיינע ברידער אין וואַלד, און אַזוי

שטאַרק צעקריגט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל מיט זיי צוריק גוט ניט ווערען. דו ווייסט דאָך, ווי שטאַרק דו דאַרפסט מ ו ר א האָבען פאַר זיי! נעמסטו אָבער מיך פאַר אַ דיענער אָנשטאָט דיין פאַרשטאָרבענעם הונט, גיב איך דיר מיין וואָרט, אַז זיי וועלען דיינע שעפּסען אַ פ י ל ו ניט וואַגען אָנצוקוקען.

—ווילסטו, הייסט עס, באַשיצען מיינע שעפּסען אין וואַלד קעגען דיינע אייגענע ברידער?

— נו געוויס! דאָס האָב איך דאָך געזאָגט.

— דאָס וואָלט געווען ניט שלעכט, — האָט דער פּאַסטוך געזאָגט. — אָבער ווען איך נעם דיך אַריין אין מיין טשערעדע, ווער וועט מיינע אָרימע שעפּסעלעך קעגען דיר באַשיצען? געה זיך דיר געזונטערהייט!

ד.

„ווען איך וואָלט נאָר אינגער געווען!“ — האָט זיך דער וואָלף גער טראַכט. — „איך וואָלט זיך שוין מיט זיי אָפּגערעכענט. נאָר איצט איז פאַרפאַלען, מען מוז זיך רעכענען מיט דער צייט“. און ער איז אַוועק נאָך צו אַ פּאַסטוך.

— דו קענסט מיך? — האָט ער ביים פּאַסטוך געפרעגט.

— אַזעלכע ווי דו, ווייניגסטענס, קען איך.

— אַזעלכע ווי איך? אָ, אין דעם צווייפעל איך. איך בין גאָר אַן אַנדער מ י ן וואָלף. איך בין ווערט, אַז דו און אַלע אַנדערע פּאַסטוכער זאָלען מיט מיר גוט פריינד זיין.

— און מיט וואָס ביסטו דאָס אַנדערש פון אַנדערע וועלף?

— דערמיט, וואָס איך קאָן ניט דערוועגן און עסען קיין לעבעדיגע שעפּסען, ווען דאָס זאָל מיר אפילו געהן אום לעבען. איך שפּייז זיך נאָר מיט טויטע שעפּסען. איז דאָס ניט שען פון מיין זייט? לאָז מיך דערפאַר נאָר פון צייט צו צייט קומען צו דיין טשערעדע און געוואָר ווערען, צו עס איז אַוועקגעפאַלען, חלילה, אַ שעפּס...

— עס זיינען אומזיסט דיינע רייד! — האָט דער פאַסטוך געענטפערט. — ווילסטו מיך ניט האָבען פאַר דיין פיינד, דאַרפסטו קיין טויטע שעפּסען אויך ניט פרעסען. אַ חיה, וואָס פרעסט טויטע שעפּסען, קאָן אַמאָל אויס הונגער אַ קראַנקע שעפּס פאַררעכענען פאַר טויט און אַ געזונטע פאַר קראַנק. האָסט דעריבער ניט וואָס צו רעכענען אויף מיין פריינדשאַפט. געה זיך דיר געזונטערהייט אַוועק!

דער וואָלף האָט פאַרביסען די ציינער, אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און איז אַ הונגעריגער אַוועק אין זיין נאָרע. פון לעסינג.

שפּריכווערטער.

אַ וואָלף פאַרלירט זיינע האָר, אָבער ניט זיין נאַטור.

האָדעווע דעם וואָלף ווי לאַנג, קוקט ער אַלץ אין וואַלד אַריין.

דער וואָלף כאַפּט אַזוי לאַנג די ציגעלעך, ביז דער רוח כאַפּט איהם אַליין.

דער לייב און דער העלפאַנד.

אין דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען, אויף אַ וויַיטען פּלאַץ, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַנגען, איז אַרומגעגאַנגען שווער רירענדיג זיין אומגעהייערען קערפּער, דער גרויסער אינדישער העלפאַנד.



פאַר די שטאַנגען אַרום און אַרום איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, אַלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אַלע האָבען זיך געשטופּט נעהענטער צו די שטאַנגען. די מענשען האָבען זיך געשטופּט צו זעהן, ווי דער געפאַנגענער ריז מאַכט קונצען.

„טו דיך אַ בוק!“ — האָבען זיי צו איהם געשריען.

און דער גרויסער העלפאַנד האָט אומגעוואָרפען מיט זײַן לאַנגער נאָז, געשאָקעלט דעם שווערען קאָפּ, געדרײַהט מיט די אויגען, געקלאַפּט מיט די אויערן און געמאַכט זײַנע קאָמפּלימענטען מיט זײַן ריזען־פוס. די מענשען האָבען געלאַכט, געפריײַהט זיך און דערלאַנגט איהם שטיקלעך ברויט. און דער העלפאַנד פלעגט אַרײַנוואַרפען די אויסגעבעטענע שטיקלעך אין זײַן ווײַטען האַלז אַרײַן און בעטען נאָך, בוקענדיג זיך און ברעכענדיג זיך.

ניט ווײַט פון דעם גרויסען פּלאַץ, אויף וועלכען דער העלפאַנד האָט לוסטיג געמאַכט די מענשען, איז אַרומגעלאָפען דער לײַב אין זײַן אײַזערנעם שטײַג. און דער לײַב איז שטאַרק צעטראָגען געוועזען: ער האָט דערקענט אין דעם העלפאַנד, וואָס האָט זיך געבוקט און געקרימט, זײַן בעסטען גוטען פרײַנד.



זיי זײַנען ביידע אויסגעוואַקסען אין איין וואַלד און געוועזען צו־ערשט גרויסע ש ו נ א י ם; אָבער אַז זיי האָבען אײנער דעם אַנדערען נישט געקאָנט בײַקומען, ווײל זיי זײַנען ביידע געוועזען גלײַך שטאַרק און קלוג, האָבען זיי געמאַכט ש ל ו ם און זײַנען געוואָרען ווי אַנדערע צוויי. מען האָט זיי שטענדיג נאָר צוזאַמען געזעהן. אײנער אָהן דעם אַנדערען האָט קײַן שריט ניט געמאַכט, א פ י ל ו פון דאַנען אַהער. און דער וואַלד האָט געזאָגט, אַז די ביידע מיט זייער כ ו ח און מיט זייער ש כ ל וועלען באַהערשען די וועלט.

ו י ה י ה י ו ם — און זיי זײַנען ביידע געפאַנגען געוואָרען. דער מענש האָט זיי צעשיידט און פאַרפיהרט אין באַזונדערע לענדער. אין א ס ך מענאַזשעריען איז שוין דער לײַב איבערגעוועזען פאַר דער צײַט, אַרומגעפאָרען צוזאַמען מיט העלפאַנדען, אָבער זײַן פרײַנד האָט ער נישט געטראָפען. און איצט, אַז ער האָט איהם דערזעהן, איז איהם דער פרייד־אויסגעשריי געבליבען שטעהן אין האַלז.

„איז עס מעגליך, אַז דאָס איז מײַן פרײַנד?" — האָט ער געטראַכט — אָט־אָ דער קונצענמאַכער, דער בעטלער, דער פּאַיאַץ?!"

ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף ביידע פאָדערשטע פיס, אַנגעשפּאַרט זיך אָן די שטאַנגען און אויסגעברילט זײַן פרײַנדס נאָמען. און געוואָלט האָט ער, אַז ער זאָל א ט ע ו ת האָבען, אַז דאָס זאָל זײַן אַן אַנדער העלפאַנד, ניט זײַן פרײַנד.

אבער דער העלפאַנד האָט אַ קוק געטאָן אַהין, פון וואַנען זײַן נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען, און אָפּגעברילט מיט ש מ ח ה: „דו?!“ — ער האָט אויך דערקענט זײַן אַלטען פרײַנד.

„ביסטו עס טאַקע מײַן פרײַנד, מײַן העלפאַנד?“ האָט דער לײב גע־זאָגט מיט אַ טרויעריגען ק ו ל. „וויִיה מיר, וואָס איך זעה דיך אַזוי!“

„יאָ“, האָט אָפּגעזיפצט דער העלפאַנד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

„וויִיה אונז, וואָס מיר זעהן זיך אַזוי!“

„דו זאָלסט אַזוי טיף פאַלען!“

דער העלפאַנד האָט אָנגעשטעלט אויערן און אויגען.

„וואָס מײנסטו דערמיט?“ האָט ער געפרעגט.

„וואָס זאָל איך דערמיט מײנען? דו, דער גרויסער העלפאַנד, מײַן ח ב ר — אַ קונצענמאַכער, אַ פּאַיאַץ, אַ בעטלער, אַ טעלער־לעקער...“

„אַך, אַזוי מײנסטו עס?“ — ער האָט זיך אַביסעל באַלײדיגט און איז גלײַך געוואָרען שטעכעדיג. „יאָ, מיר האָט מען עפּעס דערצעהלט וועגען דיר, אַז דו ביסט געוועזען אין אַ צירק, געשפּרונגען דורך רײפען, געטאַנצט אויף פערד, געבראָכען זיך... מיט אײן וואָרט — אַ פּאַיאַץ, אַ קונצענמאַכער...“

„דו לײַגסט!“ האָט דער לײב אויסגעברילט. „איך בין קײנמאָל נישט געוועזען דאָס, וואָס דו זאָגסט. איך בין געשפּרונגען דורך רײפען, געטאַנצט אויף פערד, אָבער מיט בײַטשען האָט מען מיך געטריבען און מיט רעוואָלווערען. איך האָב מיך אָבער נישט דערנידעריגט, נישט געבעטעלט קײַן ברויט און צוקער און נישט לוסטיג געמאַכט דעם ע ו ל ם מיט'ן גוטען ווילען. איך האָב מיך אויפגעפיהרט ווי אַ לײב, און צולעצט האָב איך אָפּגעטרײסעלט פון זיך די מ ו ר א פאַר'ן רע־וואָלווער. דאַן האָט מען מיך פאַרזעצט אַהער אין שטײַג. די אײַזערנע שטאַנגען זײַנען צו שטאַרק פאַר מיר; אָבער די יעניגע, וועלכע האַל־טען מיך געפאַנגען, ציטערן פאַר מיר. אַ געפאַנגענער קעניג בין איך, אָבער דאָך אַ קעניג!“

„נאָ“, — האָט דער העלפאַנד געזאָגט, — „איך דענק אַנדערש. איך זאָג מיר: ביסטו געפאַנגען, זיצסטו הינטער אײַזערנע שטאַנגען, וואַרטסטו אויף גנאָדען־ברויט, טאָ מאַך זשע נישט, ברודערקע, קײַן קוראַזש“.

„מ י א ו ס'ער שקלאַף!“ האָט אויסגעברילט דער לײב, „דײַנע קײטען זײַנען פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטען!“

און מיט אַן עקעל האָט זיך דער לײב אָפּגעקערט פון זײַן אַמאָליגען פרײַנד, האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און אַרויפגעלײגט זײַנע גרויסע לאַפּעס אויף זײַן קעניגליכען קאָפּ.

ד. פּינסקי.

צווײ מײז.

— „דו האָסט געהערט די נײַעס,
וואָס האָט פאַרשפּרייט זיך בײַ די מײַז?“ —
האָט איבערראַשט געפרעגט איין מויז די צווייטע —
„מען האָט געפונען דאָך די קאַץ אַ טויטע
אין נעגעל בײַ דעם לייב!“ — „ווי לײַכטזיניג דו ביסט,“ —
האָט זי די צווייטע אָפּגעשטעלט אין מיטען וואָרט, —
„ניט גלויב און פרייה זיך ניט אומזיסט:
מען דאַרף פאַרשטעהן,
אַז ווען בײַ זיי זאָל צו די נעגעל דאָרט
דערגעהן,
וועט שוין דער לייב ניט בלײַבען לעבען,
דען שטאַרקער פאַר אַ קאַץ קען אויף דער וועלט ניט געבען“...

נ. יערוסאַלימטשיק.

די וועווערקעס.

א.

ס'איז אָנהייב פריהלינג. די פלינקע לוסטיגע וועווערקע, וואָס האָט פאַרבראַכט אַ שווערען לאַנגען ווינטער, האָט אַראָפּגעוואָרפען איהר גרויען ווינטערדיגען פוטער און האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ לײַכט, געל־רויט זומערדיג קלייד. אין אַ שענעם פריהלינג־מאָרגען האָט זי פאַרבי־סען מיט פרישע גרינע בלעטלעך און האָט גענומען בויען אַ נעסט. און אין אַ קורצער צײַט אַרום איז איהר נעסט פאַרטיג געוואָרען — זעהר אַ באַקוועמע ד י ר ה פאַר איהר מיט די קינדערלעך. דאָס איז געווען אַ הײַזעל, געמאַכט פון דינע טרוקענע צווײַגעלעך, כ מ ע ט אין פאָמע שפּיץ פון אַ הויכער סאָסנע, און אינווייניג האָט זי דאָס שטיבעלע אויס־געבעט מיט ווייכען מאָך, כדי די קינדערלעך זאָל זײַן ווייך און וואַרים.

מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער איז די וועווערקע געוואָרען אַ מוטער פון זעקס קליינע קינדערלעך, און זי האָט מיט גרויס ליבע גענומען זיך צו האָדעווען זיי. זעלטען ווען זי פלעגט פאַרלאָזען איהר נעסט. אַ ביסעל נים האָט זי נאָך געהאַט אָנגעגרייט פון פאַר־אַ־יאָרען אין אַן אַלטער אויסגעהוילטער סאָסנע. און ווען די נים זײַנען אויסגעגאַנגען, פלעגט זי זיך פלינק אַראָפּלאָזען פונ'ם בוים אויף דער ערד, כאַפּען עפּעס אַ גרינע יאַגעדע, אַ שוואָם און באַלד צוריק אַרויפקלעטערן אויפ'ן בוים צו איהרע קינדערלעך.

אויפ'ן אכטען טאג האבען זיך ביי די קליינע וועווערקעלעך גע־עפענט די אויגען; דאך זיינען זיי נאך געווען שוואך און הילפלאז. ס'איז דורכגעגאנגען נאך א וואך, און די קליינע ח ב ר ה איז ניט גע־ווען צו דערקענען: דאס געל־רויטע פעלכעלע גלאנצט, דאס קעפעלע מיט די שפיציגע אויערן און שעניקע קלוגע אייגעלעך איז ארויסגעשטעקט פון נעסט און קוקט זיך ארום. ווי שען עס איז! א וועלט מיט גרינע, הויכע ביימער, גראז און בלומען, און אויבען א בלויער הימעל. די צי־טעריגע מוטער אבער לאזט זיי נישט לאנג ארויסשטעקען די קעפעלעך, און ביים מינדסטען גערויש פארטרייבט זי זיי צוריק אין נעסט.

ב.

איינמאל, אין א שענעם ליכטיגען זומערדיגען פארטאג האט די וועווערקע צום ערשטען מאל ארויסגעפיהרט איהרע קינדערלעך אויף א שפאציר איבער די ביימער. נאר פריהער האט זי זיי ארומגעקליבען ארום זיך און געזאגט:

— קינדערלעך! קיין ח י ה אין דער וועלט האט ניט ליב אזוי שטארק די פרייהייט אין דעם שענעם, גרינעם וואלד, ווי די וועווערקע. מיר האבען אבער זעהר פיעל ש ו נ א י ם, אונטען און אויבען, וואס לויערן אויף אונזער לעבען. ווער פון זיי טייט אונז און זעטיגט זיך אן מיט אונזער בלוט; ווער עס נעמט אונז אין געפאנגענשאפט און האלט אונז פארשפארט אין א שטייגעל צוליעב א שפילעכעל. און דאס איז פאר אונז, וועווערקעס, נאך ערגער פאר'ן טויט. מיר זיינען דאך שוואך; האבען ניט קיין שטארקע ציין און קיין שטארקע קראלען, מיט וואס צו פארטיידיגען זיך. די איינציגע רעטונג אונזערע איז אונזער פארזיכ־טיגקייט און פלינקייט. דעריבער, קינדערלעך, דארף מען זיין שטענדיג פארזיכטיג, נישט אוועקשפרינגען ווייט פון דער מאמען, נישט אראפ־לאזען זיך אליין אויף דער ערד. און אצונד, קינדערלעך, וועלען מיר פרוא־ווען אלע אראפלאזען זיך אויף דער ערד און פארזוכען רויטע יאגדעס; זיי זיינען שוין צייטיג".

די אלטע האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען און געגעבען א צייכען. באלד האט זיך דאס גאנצע הויזגעזינד פלינק אראפגעלאזט אויף דער ערד. די אלטע האט צוגעפיהרט דאס יונגוואַרג צום ארט, וואו ס'האבען געדיכט געוואקסען רויטע יאגעדעס, און דער ע ו ל ם האט זיך געלאזען וואויל געהן... אנגעזעטיגט זיך, איז דער ע ו ל ם פלינק ארויפגעשפרונגען און ארויפגעקלעטערט צוריק אויפ'ן בוים.

ג.

נישט ווייט פון וואלד, וואו די וועווערקע האט געמאכט איהר נעסט, איז געשטאנען אן איינזאם פויעריש הייזעל. אביסעל אפגערוקט פון הייזעל איז געווען א הינטישביידעל, אין וועלכען ס'האט זיך אויפ־

געהאלטען דער בייזער הונט — בוריק. א גאנצען טאג פלעגט ער זיין צוגעבונדען אויף א קייט, און אלע פארנאכט פלעגט דער ב ע ל ־ ה ב י ת פון הייזעל אפלאזען דעם הונט פון קייט. דעמאלט פלעגט בוריק, ווי א מ ש ו ג ע׳נער, מיט אן ארויסגעשטעקטער רויטער צונג, נעמען לויפען איבער די ארומיגע פעלדער און צום וואלד. און ווי נאר ער פלעגט אויפ׳ן בוים דערזעהן א וועווערקע, פלעגט ער נעמען שפרינגען אויפ׳ן שטאם פון בוים און בילען. די וועווערקע אבער פלעגט אוועקשפרינגען אויף די נאהענטע ביימער. אז אך און וויה אבער איז געווען צו דער וועווערקע, וואס האט געגעבען אן אומגעלומפערטען שפרונג און איז אראפגעפאלען אויף דער ערד! גאנץ אפט פלעגט מען אין בוריקס ביידעל געפינען א צעריסענע, צעבלוטיגטע וועווערקע.

איינמאל, פארנאכט, איז איינע פון אונזערע יונגע וועווערקעס אומפארזיכטיג אוועק פון נעסט און אומגעשפרונגען פון בוים צו בוים. צייטענווייז פלעגט זי זיך אפשטעלען, אראפרייסען א שישקע און שפרינגען ווייטער. פלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, איז אויסגעוואקסען בוריק. אט האט ער דערזעהן די וועווערקע און האט זיך מיט אימפעט געלאזט צום בוים. ער האט גענומען הויך בילען און שפרינגען אויפ׳ן שטאם. די דערשראקענע וועווערקע האט גענומען ארומלויפען פון איין צווייגעל אויפ׳ן צווייטען ארויף און אראפ. אט איז זי א ווײַלע געבליבען זיצען רוהיג. בוריק האט ניט אויפגעהערט צו בילען און ווארפען זיך. די וועווערקע האט געגעבען א האסטיגען שפרונג און... באלד אראפגעפאלען אויף דער ערד. א ר ג ע — בוריק איז דא! אט האלט ער זי שוין אין די ציין און מיט אן אויפגעהויבענעם עק לאזט ער זיך לויפען פון וואלד.

ש. הורוויטש.

די ראָבע הון.

א.

ווען מ ש ה'קע איז אַריין אין קיך, האָט ער דערזעהן, ווי אַ קליין ראָבע הינדעל שפּאַצירט אַרום. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אָפּשטעלען און אַ פּיק טאָן די גערשטענע קערנער, וואָס זיינען געווען אָנגעשאָטען לעבען אויווען. מ ש ה'לע איז אויף די ציפּענקעס פּאַמעליך צוגעגאַנגען צו דעם הינדעלע און געוואָלט זי כאַפּען. דאָס הינדעלע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן דיל און צעשפּרייט די פליגלען. ער האָט זי אויפגעהויבען פון דער ערד, צוגעהאַלטען מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אַזוי ליבליך געגלעט איהרע פעדערן. נאָכדעם האָט ער דאָס הינדעלע פּאַמעליך אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערד און איז אַרומגעגאַנגען אין עס־צימער. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען אין קיך. ער האָט געהאַלטען אין האַנט אַ גרויסען שטיק שוואַרץ ברויט, געוואָרפען איהר ברעקלעך און גערופען: „ציפּ, ציפּ ציפּ!...“

נאָך פּ ו ר י ם האָט די מאַמע אַרויסגעלאָזט דאָס קליינע ראָבע הינדעלע צוזאַמען מיט אַלע הינער און העגער אויפ'ן הויף. זיי פלעגען זיך גראַבליען אַ גאַנצען טאָג אויפ'ן הויף און זוכען ווערעמלעך אין דער שוואַרצער ערד.

אין עטליכע טעג אַרום איז צו דעם ראָבען הינדעלע צוגעשטאַנען איינער פון אונזערע העגער. דאָס איז געווען אַ „העלד“ אַ האָן, מיט אַ בלוט־רויטען קאַם, רויט־גאָלדענע פעדערן, שפּאָרעס אויף די פיס און אַ שענעם שוואַרץ־גרינעם עק. ווען ער פלעגט פאַנאַנדערלאָזען זיינע פליגלען, נעמען מיט זיי שאָקלען אין דער לופטען און אַרויסלאָזען זיין: „קוקורעקו!“ פלעגען אַלע הינער זיך אויף איהם פאַרקוקען. אַזוי שען און גראַציעז איז ער געווען. אָט דער דאָזיגער האָן האָט זיך טאַקע שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם ראָבינקען הינדעלע און פלעגט פון איהר קיין טריט ניט אָפּגעהן. זיי פלעגען שטענדיג זיין צוזאַמען און טיילען זיך מיט'ן לעצטען ביסען. פלעגט ער אין דער ערד געפינען אַ ווערעמעל, פלעגט ער איהם צעהאַקען מיט'ן שנאָבעל און אַרויסלאָזען: „גלוק... גלוק... גלוק!...“ דאָס ראָבינקע הינדעלע פלעגט צולויפען, און ער פלעגט איהר מ כ ב ד זיין דער ערשטער מיט'ן געשמאַקען ביסען. גאַנץ אָפט פלעגען זיי זיך פאַרקלייבען אַזש אויף דער לאָנקע, וואָס איז געווען הינטער אונזער הויז און פאַרבלייבען דאָרטען אַ גאַנצען טאָג. ערשט פאַרנאַכט פלעגען זיי זיך לאָזען אַהיים. יעדען אינדערפריה פלעגט דאָס ראָבינקע הינדעלע שטענדיג אויף דעם זעלבען אָרט אויפ'ן אויווען לייגען אַן איי. אָפּגעלייגט זיך, פלעגט זי זיך לאָזען מיט'ן האָן צום גאָרטען אָדער אויף דער לאָנקע.

ב.

אַזוי זײַנען דורכגעגאַנגען עטליכע וואָכען. דאָס ראַבינקע הינדעלע האָט שוין אָנגעלײגט אַ גאַנץ קײשעל אײעלעך. אַלע אינדערפריה פלעגט זיך איהר „קאָ־קאָ־קאָ!“ פאַנאַנדערטראָגען איבער׳ן גאַנצען הויז. מען פלעגט זי אַרויסטרײַבען; אָבער ווי מען פלעגט נאָר עפענען די טיר, פלעגט זי זיך אַרײַנכאַפּען אין שטוב, נעמען אַרומפליהען אויפ׳ן אויווען, איבער׳ן אַלמער און שרײַען: „קאָ־קאָ־קאָ!“

— זי וויל זיך זעצען אויף אײער, — האָט די קעכין געזאָגט.

און זי האָט טאַקע באַלד אָפּגעזוכט אַן אַלט קײשעל, אויסגעבעט עס מיט הײ, אַרײַנגעלײגט אַהין אַכצען הינערשע אײער, אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל לעבען אויווען און אַוועקגעזעצט אויף די אײער דאָס ראַבע הינדעלע. דאָס הינדעלע האָט פאַנאַנדערגעשפּרײט איהרע פליגלען, האָט מיט׳ן שנאָבעל צוגערוקט צווײ אײער, וואָס האָבען זיך אַביסעל אָפּגעקײַקעלט, און איז געבליבען זיצען רוהיג.

אַזוי איז דאָס ראַבע הינדעל אָפּגעזעסען אויף די אײער צוואַנציג טעג. זי פלעגט זיך נאָר ווען עס איז אַראָפּכאַפּען אויף עטליכע מינוט, אָנטרינקען זיך, אַ ביסעל אויסגלײַכען די פאַרזעסענע פיס, און באַלד פלעגט זי זיך צוריקזעצען אויף די אײער. פון צײַט צו צײַט פלעגט זי זיך פּאַמעליכקע שטעלען אויף די פיס און מיט׳ן שנאָבעל איבעררוקען די אײער, וואָס בײַם ברעג, אין מיטען. האָט ווער עס איז געפּרואווט זיך צורירען צו די אײער, פלעגט זי מיט׳ן שנאָבעל אָנהויבען פּיקען און נישט לאָזען.

אויפ׳ן אײן און צוואַנציגסטען טאָג האָבען זיך פון די אײער אויסגעפּיקעט הינדעלעך. די קעכין האָט זײ אַרײַנגעלײגט אין הײ, זײ זאָלען זיך דאָרטען אַרומטריקענען. די הינדעלעך זײַנען געווען זעהר שוואַך און געוואַקעלט זיך אויף די פיסעלעך; באַדעקט זײַנען זײ געווען מיט דינינקען ווײַסען פּוך און געהאַט האָבען זײ געלינקע שנעבעלעך און שוואַרצינקע אײגעלעך. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט די קעכין צום ערשטען מאָל אַרויסגעלאָזען אויף דער גאַס די ראַבע הון מיט די קלײנע הינדעלעך. מיט צעשפּרײטע פליגלען און אָנגעבלאָזענע פעדערן האָט די מאַמע צוגעפיהרט איהרע קינדערלעך צום גערטענדעל. קײן רגע פלעגט זי פון זײ די אויגען ניט אַראָפּלאָזען. שטענדיג אַרומגעלאָפען פון אײ־

נער צו דער צוויַיטער און געקוואַקעט. האָט זיך ווער עס איז געפּרואווט צורירען צו די הינדעלעך, פלעגען ביַי איהר די אויגען אָנלויפען מיט בלוט, און זי פלעגט זיך מיט כ ע ס וואַרפען אויפ׳ן אָנפאַלער, גריַיט איהם די אויגען אויסצודראַפּען.

ש. הורוויטש.

די גאַנז און דער האָז.

א גאַנז האָט זיך געפּאַשעט אויפ׳ן גראָז
מיט איהרע גענזעלעך די קליַינע.
פון ערגעץ וואו אַרויסגעשפּרונגען איז א האָז
צו אָנקוקען די וועלט די שענע.
ס׳איז גרין אַרום געווען
און וואַרים...
ווי נאָר די גאַנז האָט איהם דערזעהן,
נו־נו, — האָט זי דאָס אויפגעהויבען דאָרט אַ ליאַרעם!
האָט אויסגעשטרעקט פאָרויס
דעם האַלז אין גאַנצער גרויס,
געלאָזט זיך לויפען מיט א כריפּען
און שיפּען,
גאָר גליַיך ווי מען וואָלט איהר געשניטען.
און מיט דעם קורצען עק
געדריַיהט, א שרעק,
דער אויבערשטער זאָל היטען!
— „וואַרט אויס, — האָט איהר דער האָז אַנטלויפענדיג געשריען, —
גענוג שוין דיר, דו בייזע גאַנז, דיַין האַלז צו ציהען;
און זאָל זיך דיר ניט דאַכטען,
אז אַלע טראַכטען
א שאָדען ברענגען דיר, צי דיַינס אַ קינד.
עס מאַכט דיַין נאַרישקיַיט דיך בלינד.“

נ. יערוסאַלימטשיק.

אויפ׳ן הויף.

עס איז געווען אַ שענער פּאַרנאַכט. איך האָב געהאַט אויסגעלאָפּען און אויסגעשפּרונגען אַ וועלט און בין אַ מידער אַהיים געקומען. איך בין געווען הונגעריג, ווי אַ וואָלף. האָט מיר די מאַמע דערלאַנגט אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן שוועל און גענומען עסען.

די טיר איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף. אויפ׳ן הויף האָבען זיך אַרומגעדרייהט הינדעלעך און קאַטשקעלעך אַ גאַנצע מ ח נ ה.

איך האָב נאָר וואָס גענומען עסען דעם ערשטען ביסען, לאָזט זיך צו מיר די גאַנצע ח ב ר ה הינדעלעך און קאַטשקעלעך. זיי רינגלען מיך אַרום און קוקען אויף מיר מיט זייערע קליינע אייגעלעך און שרייען און רייסען זיך. טראַכט איך מיר: „פאַר וואָס ניט?“ און איך גרייט זיך אָפּצוברעכען אַ שטיקעל ברויט און געבען עס אַ הינדעל צי אַ קאַטשקעלע.

פלוצלונג הייבט זיך אויף איינס פון די הינדעלעך, ד ו ק א אַ קליינס, גיט אַ שפּרונג צו מיר און כאַפּט אַרויס פון האַנט דאָס גאַנצע שטיק ברויט מיט פּוטער. נאָר האַלטען דאָס קאָן עס דאָך נישט. פאַלט עס איהם אַרויס פון מויל. וואַרפען זיך אַלע הינדעלעך און קאַטשקעלעך אויף דעם שטיקעל ברויט, צעכאַפּען עס און צעצופּען עס און צעטראָגען עס. אין איין כ ה ר ף ־ ע י ן איז עס פאַרשוואונדען געוואָרען פון מיינע אויגען, גלייך ס׳וואָלט קיינמאָל ניט געווען אויף דער וועלט, ווי איך וואָלט קיינמאָל ניט אָפּגעביסען דערפון.

איך בין געבליבען זיצען אַ צערודערטער, אַ צעדולטער, אַ פאַר־לאָרענער.

נאָך נ. בירנבוים.

דער אינדיק און די אינדיטשקע.

אמאָל איז געווען אַ פּאָר פאָלק, אַן אינדיק מיט אַן אינדיטשקע. און זיי האָבען זיך געלעבט, דאָס גליקליכע פּאָרל, צופרידען, ווי מען זאָגט — אין ע ו ש ר און אין כ ב ו ד.

ו י ה י ה י ו ם, האָט זיך געטראָפען אַ מ ע ש ה. די אינדיטשקע האָט באַמערקט פון אַ צייט, אַז דער אינדיק איז עפּעס שטאַרק ל א ־ ע ל י כ מ׳דיג, געהט אַרום אָנגעבלאָזען, מ ר ה ־ ש ח ו ר ה׳דיג און אַראָפּגעלאָזט דעם שנאָבעל.

פרעגט איהם די אינדיטשקע:

— וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אַזוי מ ר ה ־ ש ח ו ר ה ׳דיג? ענטפערט איהר דער אינדיק:

— וואָס פרעגסטו מיך? אַמעהר טו אַ קוק ביי מיר אויפ׳ן שנאָבעל, וועסטו שוין זעהן.

הייבט אויף די אינדיטשקע די אויגען און רופט זיך אָן צום מאַן:

— ביי דיר אויפ׳ן שנאָבעל איז נישטאָ גאָרנישט, אַחוץ אַ שטריי־עלע.

רופט זיך אָן צו איהר דער אינדיק:

— הערסטו, אַט דאָס שטרייעלע טוט מיר צום טויט, עס קיצעלט מיר אין נאָז, באַמבעלט זיך פאַר די אויגען — האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

דערהערט אַזעלכע ד י ב ו ר י ם, צעלאַכט זיך די אינדיטשקע: „דו נאַרישער אינדיק, וואָס דו ביסט! טו אַ טרייסעל מיט׳ן קאָפּ און וואַרף אַראָפּ דאָס שטרייעלע, וועט דיר ווערען אַ ליכט אין די אויגען"!

אויסגעהערט די דאָזיגע ע צ ה, האָט זיך דער ח כ ם, דער אינ־דיק, אָפּגעקערט אָן אַ זייט (זיך געשעמט פאַר דער אינדיטשקע) און אַראָפּגעוואָרפען דאָס שטרייעלע פונ׳ם שנאָבעל — און ס׳איז איהם גע־וואָרען אַ ליכט אין די אויגען.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

דער וואָראָבייטשיק.

אין אַ שוועלבעלעס אַ נעסט, אונטער׳ן געזימס, האָט זיך פאַרקלי־בען עפּעס אַ ג ז ל ן — אַ וואָראָבייטשיקעל און זיך צעלייגט דאָרט מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, ווי ביים טאַטען אין ווייַנהויז.

אונטער דעם שוועלבישען ע ו ל ם ווערט אַ ב ה ל ה, אַ צונויפ־פליהעניש פון אַלע זייטען. דאָס פאָרל באַ׳ג ז ל׳טע שוועלבעלעך, פלי־הען, פלאַטערן דערשראָקען אַהין־אַהער, סוויסטשען גוואַלד, מאַכען זיך האַרץ און פּרוּווען זיך נאָהענט צוקומען צו זייער נעסט. דער וואָ־ראָבייטשיקעל אָבער שטעקט אַרויס, שטאַרק אָנגעלאָדען, דאָס קעפּעל, עפענט אַ מויל און פּיק, פּיק...

די שוועלבעלעך זיינען אַוועקגעפלויגען און זיינען גיך געקומען צו־ריק מיט אַ גאַנצער מ ח נ ה שוואַלבען. יעדע פון זיי איז צוגעפלויגען צו דער נעסט, אַזוי ווי זי וואָלט געוועזן נייגעריג אַ קוק צו טאָן אויפ׳ן וואָ־ראָבייטשיק. און דער וואָראָבייטשיק האָט זיך אומגעדרייהט גאַנץ דרייסט און האָט געצווישערט.

די שוואַלבען זיינען ווידער געקומען, האָבען עפּעס געטאָן ביים נעסט און זיינען ווידער אַוועקגעפלויגען.

נאָר ניט אומזיסט זיינען די שוואַלבען געפלויגען צו דער נעסט.

זיי האָבען יעדעס מאָל געבראַכט מיט זיך אין זייערע שנאָבלען צו ביסלעך קויט און ביסלעכווייז פֿאַרשמירט די נעסט, און די אַריינגאַנג־לאָך איז געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער.

צוערשט האָט זיך אַרויסגעזעהן דאָס גאַנצע העלזעל פֿונ׳ם וואָראָ־ביײטשיק, דערנאָך נאָר דער קאָפּ, שפּעטער אַ ביסעל — דאָס שנעבעלע און צום ס ו ף איז דאָס אויך פֿאַרשוואונדען. די שוואַלבען האָבען איני־גאַנצען פֿאַרשמירט דעם וואָראַבייטשיק אין נעסט און דאַן מיט אַ סווים־טשערײַ זיך גענומען דרייהען אַרום הויז.

נאָך ממו״ס.



דאָס פֿייגעלע.

איינמאָל אין אַ פֿרײַטאָג — זומער איז דאָס געווען — זײַנען מיר געגאַנגען פֿון ח ד ר אַהיים עטליכע אינגלעך מיט אַמאָל. געגאַנגען זײַנען מיר גיך, כ מ ע ט געלאָפֿען.

פּלוצים האָט איינער פֿון אונזער ח ב ר ה אויסגעשריען אויף אַ ק ו ל: „אוי, אַ פֿייגעלע!“ — און מיר האָבען זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

ווי אַ קנײַלעכען, איז געזעסען אויף דער ערד, מיט׳ן קעפּעלע אַרויף, אַ קליין יונג פֿייגעלע, מיט נאָך גאָר אַ געל פּיסקעלע. דאָס פֿייגעלע האָט נעבעך געציטערט, צעלאָזט די פֿעדערלעך, געטרייסעלט זיך, געפֿלאָ־טערט, געמאַכט מיט די פֿליגעלעך, געעפֿענט אַלע מאָל דאָס געלע פּיס־קעלע, ווי אַ קליין קינד ב ש ע ת עס וויל עסען, און אַרויסגעלאָזט אויף אַ הייזעריג ק ו ל׳כעל: „פּי!“...

און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי אונז אַ געפֿיהל פֿון ר ח מ נ ו ת און מיר האָבען אָנגעהויבען קלערען: וואָס טוט מען מיט׳ן פֿייגעלע? דער האָט געזאָגט: מען באַדאַרף דאָס לאָזען זיצען אויף דער ערד, ביז

דעם פֿייגעלעס מאַמע" וועט קומען. דער האָט געגעבען אַן עצה, מען זאָל דאָס געבען אַ וואָרף אין דער הייך, וועט דאָס אַוועקפֿליהען. און דער האָט געדרונגען, אַז מען באַדאַרף דאָס נעמען אַהיים. נאָר אַז ס'איז אַ רחמנות, אַ „צער בעלי־חיים" — דאָס האָבען אַלע מודה געווען.

און מיר האָבען געבראַכט דאָס פֿייגעלע אַהיים, פֿאַרגעסען, אַז מיר זיינען הונגעריג, גענומען דאָס האָדעווען, איהם געגעבען וואַסער אין פֿיסקעל אַריין. דאָס פֿייגעלע האָט אַזוי לאַנג געציטערט, געפֿינטעלט מיט די אייגעלעך, געטרייסעלט זיך און געפֿלאַטערט ביי אונז אין די הענט, ביז עס האָט פֿאַרוואָרפֿען דאָס קעפּעל אויף אַ זייט, די אייגעלעך פֿאַרגלאָצט און... ס'איז געווען טויט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבען מיר דאָס פֿייגעלע מיט גרויס כבוד מלוה געווען, אויסגעגראָבען אין גאָרטען אַ טיף גריבעלע, איינגעוויקעלט דאָס פֿייגעלע אין תכריכים (אין אַ ווייסער קרייקע פֿון אַ נאָזטיכעל), מקבר געווען דאָס און געשטעלט דערויף אַ מצבה, אַ ברעטעל מיט אַן אויפֿשריפֿט:

„דאָ ליעגט דאָס קליינע פֿייגעלע". שלום־עליכם.

דער אָדלער.

וואו די ריזענוואָלקען יאָגען
אויבען, אין דעם העכסטען אָרט,
שוועבט דער קייזער פֿון די פֿויגעל,
פֿליהט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

ווערט ער מיד פֿון שווערע רייזען,
רוהט ער איינזאַם און אַליין
ביי דעם זוים פֿון טיפֿע וואַסערן,
אויף אַ הויכען באַרג פֿון שטיין.

מיט די שטאַרקע פֿליגעל פֿאָכט ער
אין דער לופֿטען און ער פֿליהט.
עלענדער, אחוץ די הימלען
האָט ער קיין חברים ניט!

מיט פֿאַראַכטונג קוקט ער אונטען,
שאָקלענדיג זיין שטאָלצען קאָפּ;
אָפֿט נאָר, ווען איהם צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט ווייה אַראָפּ.

מ. ראָזענפֿעלד.

דער משפט.

א.

זעליק, אַן אָפּגעבּרענטער אינגעל, איז זיך געגאַנגען אַ באָרוויסער איבּער׳ן וואַלד. ר ח ל, אַ מײדעלע, אַ פּרײהליכס, מיט צעפּלאָמטע בּעקלעך, מיט די שיך און זאָקען אין די הענט, איז דעם אינגעל נאָכ־געגאַנגען.

ווען זײ זײנען אַרויס פון וואַלד, האָבּען זײ זיך געזעצט אויפ׳ן בּרעג טײך און גענומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיגען וואַסער זײערע בּלאָטיגע פיסלעך.

— ר ח ל, ווייסט וואָס עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך? — האָט זיך זעליק אָנגערופען.

— וואָס?

— טאָ שווער זיך, אַז דו וועסט קײנעם נישט דערצעהלען.

— א ס ו ר נישט.

— דו ווײסט, ווען מיר קריגען אַ געזונט אײ, וואָלט דאָס גע־ווען גוט!

— צו וואָס דאַרפסטו אַ געזונט אײ?

— כ׳וואָלט עס אַרײנגעלײגט אין נעסט צו די „בּאָטשאָנעס“, וואָלט אַרויסגעקומען אַ האַלבּער בּאָטשאַן און אַ האַלבּע גאַנז.

— און דער בּאָטשאַן וועט דיך צולאָזען?

— כ׳וועל פּאַרטאָג אַרײנלײגען, ווען בּײדע פליהען אַוועק.

צוויי בּושעלס, אײנער אַ גרעסערער, דער צווײטער עטוואָס אַ קלע־נערער זײנען געקומען צופליהען און זיך פּאַמעליך אַראָפּגעלאָזט אויף דער לאָנקע. דער גרעסערער, דער „ער“, האָט צעשפּרײט די פליגעל, פּאַרריסען דעם לאַנגען האַלז, זיך פּאַנאַנדערגעגענעצט און גענומען לױ־פען אַרום דער „זי“. ער האָט אויפגעהויבּען זײן רויטען, עטוואָס צע־עפענטען שנאָבּעל, וואו ער האָט געהאַלטען אַ גרין זשאַבּקעלע, און עס אונטערגעטראָגען דער „זי“.

זעליק איז אַרויס פון וואַסער.

— געה שוין אַהײם, ר ח ל, און בּרענג אַן אײ; איצט איז די נעסט לײדיג. גיכער, טו אָן די שיך!

ר ח ל האָט אַ פּרײהליכע אָנגעטאָן די שיך, און די קינדער זײנען שפּרינגענדיג פּאַרשוואונדען אין וואַלד.

ב

זעליק איז צו צו דער סטאָדאָלע, וואו די בּושעלס האָבּען געהאַט די נעסט, גענומען פון ר ח ל׳ען דאָס אײ, עס צוגעהאַלטען מיט די ליפּען און לײבּט ווי אַ קאַץ גענומען קלעטערן אויף דער גלײכער לײמענער

וואַנט. די נעסט איז באַשטאַנען פון אַן אַלטער הילצערנער בראָנע. אין דער בראָנע איז געלעגען אַ קאַש, אויסגעבעט מיט גראָז און צווײַגען. אַ טוכלער ר י ח פון פיש, זשאַבעס און הינדלעך האָט זע־ליקען אַ שלאָג געטאָן אין פ נ י ם אַרײַן. אין דער נעסט זײַנען געלעגען דרײַ גרויסע אײער. זעליק האָט אַרויסגענומען אַן איי, אַרײַנגעלייגט אַנשטאָט דעם דאָס געגזענע און געוואָלט זיך אַראָפּלאָזען פון דאַך, ווי בײדע בושעלס האָבען זיך מיט אַמאָל באַוויזען און זיך געטראָגען מיט צעשפּרייטע פליגעל גלײַך אויף זעליקען.

זעליק האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, פאַרשטעלט דעם פ נ י ם מיט בײדע הענט, ווי אײנער וואָס וואַרט אויף קלעפּ, און גענומען זיך אַראָפּ־גליטשען פון מ ש ו פ ע'דיגען דאַך.

דער בושעל האָט דורכפליהענדיג אויסגעצויגען זײַן לאַנגען האַלז, זיך פאַרמאָסטען מיט זײַן שאַרפען שנאָבעל זעליקען אין פ נ י ם אַרײַן. זעליק האָט אויסגעמיטען דעם בושעלס שנאָבעל, געכאַפּט אַ פּיק אין דער פּלײצע און אַראָפּגעפאַלען פון דאַך. דאָס איי האָט זיך צעשפּריצט און אָפּגעגאָסען זעליקען מיט אַ געלער פליסיגקײַט.

ג.

די „זי" בושעל איז אַ גאַנץ פריהמאָרגען נישט אָפּגעטראָטען פון איהר נעסט, געקוקט ווי די קלײנוואַרג פּיקט זיך פון די אײער.

דער „ער" האָט אומגעשוועבט איבער דער נעסט מיט מאָדנע אויס־געשרײען, געבראַכט יעדעם מאָל דער „זי" עפּעס אין מויל אַרײַן און דערנאָך געשפּרײַזט אַרום דער סטאַדאָלע מיט אַן אײַנגעקאָרטשעטען האַלז צווישען די פליגעל.

די „זי" האָט פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם „קליו־קליו". דער ער" האָט זיך צוגעזעצט, צעשפּרײט די פליגעל און געזעסען בײַ דער נעסט. ער איז אויף אַ ר ג ע ווי צעטומעלט געוואָרען, געקוקט אויף דער „זי", וועלכע האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ. אַ קלײן געגנ־זעלע האָט זיך אַרויסגעקײַקעלט פון דער אויסגעגאָסענער שאָל פון אַן איי.

דער בושעל האָט זיך פאַרטרײסעלט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „זי", געפּליקט מיט'ן שנאָבעל איהרע פעדערן. זי האָט נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך ניט געוועהרט, ווי זי וואָלט געבעטען: שלאָג בעסער!

דער בושעל האָט אַ פּיק געטאָן דאָס קלײנע געגזעל מיט'ן שנאָ־בעל, עס געכאַפּט פאַר'ן קעפּעל און אַ שלײַדער געטאָן אַראָפּ פון דער סטאַדאָלע. ער האָט גענומען צעוואָרפען מיט'ן שנאָבעל און מיט די לאַפּעס די נעסט, מעהר זיך נישט אומגעקוקט אויף דער „זי", געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועקגעפלויגען.

די „זי" האָט זיך אויסגעגלײַכט, גענומען שאַרפען אַן די צײן פון

דער בראָנע איהר שנאַבעל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פאַרלוירענע, אַז דער „ער“ איז אַוועקגעפלויגען זי פאַר'מ ס ר'ן פאַר דער סטאַדע.

זי האָט אויפגעהויבען אײַן פוס, גענומען שטאַרקער שאַרפען איהר שנאַבעל אָן דער בראָנע און זיך צעוויינט אויף איהר שטייגער. זי איז גע־ווען זיכער, אַז דאָס איז נישט איהר שולד, אַז אָן אומגליק איז איהר גע־שעהן; אַז זי וועט זיי דערצעהלען, די עלטסטע פון דער סטאַדע, זי וועט זיי ווײַזען די צוויי קינדער, עכטע בושעלס, מיט רויטע לאַפּקעס און רויטע שנעבעלעך... און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

ד.

ז ע ל י ק מיט רחל'ען זײַנען געזעסען אויף דער פּליט. זיי האָ־בען דערזעהן, ווי אַ מ ח נ ה בושעלס קומען אָן צופליהען, לאָזען זיך אַראָפּ אויפ'ן אינזעל, וואָס געפינט זיך אין מיטען טײַך.

— דאָס געהען זיי פּראַווען אַ ח ת ו נ ה, — האָט זעליק געזאָגט און זיך געווענדט צו ר ח ל'ען: „קום, מיר וועלען צופאָרען מיט'ן שיפעל“.

זעליק האָט אָפּגעבונדען פון דער פּליט דאָס שיפעל. ר ח ל האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער פון די היימישע זעהט זיי נישט, און איז אַ פריילעכע אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפעל.

זיי זײַנען אַרויס אויפ'ן אינזעל, אַרויסגעשלעפּט דאָס שיפעל און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז.

די בושעלס האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבען קרײַז, אָן עלטערע פּאָרעל האָט געשפּאַנט אין מיטען קרײַז. דער „ער“ איז געקו־מען צופליהען, געהאַלטען דאָס טויטע געניזעל אין שנאַבעל, עס אונטער־געטראָגען דער עלטערער פּאָר — נאַ, זעהט!

די עלטערע בושעלס האָבען דאָס געניזעל באַטראַכט, באַשמעקט, געוואָרפען מיט זייערע לאַנגע העלזער, געגוידערט אויף זייער שטייגער, און צוויי בושעלס זײַנען אַוועקגעפלויגען.

באַלד זײַנען די בושעלס צוריקגעקומען מיט דער „זי“. די ש ל ו ח י ם האָבען מיט אַ „קליו־קליאַ־קליאַ“ איבערגעגעבען דער „זי“ס ט ע נ ו ת די בושעלס האָבען זיך ווידער צעגוידערט, זיך געקאַכט, אַרום פון קרײַז, זיך צונויפגעשטופּט אין אײַן קופּע, און פון דערווײַטענס האָט זיך גע־דאַכט, אַז אַ ברייט־בייניג פאַרזעהעניש מיט צעהנדליגער בייגיגע קעפּ שטעהט אין מיטען דעם טײַך און שרײַט: „קליו־קליאַ, קליו־קליאַ!“

די בושעלס האָבען אַרומגערינגעלט די „זי“. דער „ער“ איז דער ערשטער צו, דערלאַנגט איהר אַ פּיק גלײַך אין קאָפּ אַרײַן, און פון אַלע זײַטען האָבען זיך לאַנגע העלזער מיט אָפענע שנאַבעלס געטראָגען צו איהר, פעדערן האָבען זיך געדרייהט אין דער לופטען און דער פויגעל איז צעריסען געוואָרען אויף שטיקלעך.

י. אָפּאַטאָשו.

אין געיעג.

א.

געקומען איז אַ פֿייגעלע
צוריק אַהיים פֿאַרנאַכט
און האָט פֿאַר איהרע קינדערלעך
אַ ווערעמעל געבראַכט.

זי קומט צום בוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפֿט: די נעסט איז לער —
אַ צעהנדליג ווייסע פֿעדערלעך
און קיין זאַך, קיין זאַך מעהר!

עס וויינט דאָס אָרימע פֿייגעלע
און כליפּעט אָהן אַ ס ו ף...
עס הערט דער וואַלד דער טונקעלער
און זיפֿצט, און זיפֿצט פֿון שלאָף.

ב.

געקומען איז אַ שוואַרצע קראָה
אַהיים גאַנץ שפּעט ביינאַכט,
און האָט פֿאַר איהרע קינדערלעך
אַ פֿייגעלע געבראַכט.

זי קומט צום בוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפֿט: די נעסט איז לער —
אַ צעהנדליג שוואַרצע פֿעדערלעך
און קיין זאַך, קיין זאַך מעהר!

עס שרייט די שוואַרצע קראָה און שרייט
און קראַקעט אָהן אַ ס ו ף;
עס כאַפּט זיך אויף דער שוואַרצער וואַלד
מיט אַנגסט און גרויל פֿון שלאָף.

ג.

אַנטקעגען זונען־אויפגאַנג פֿליהט
אין פֿרייען, ברייטען רוים
דער שטאָלצער אָדלער, און ער טראָגט
אַ יונגע קראָה אַהיים.

אַט דאָרטען ליעגט זײַן פעלזען־שלאָס
אין העלען זונען־שײַן.
הײַנט װעט בײַ זײַנע אַדלערלעך
אַ גרױסע ס ע ו ד ה זײַן.

„די העלדען מײַנע!" און דאָס הארץ
מיט שטאָלץ װערט איבערפילט.
און אונטער'ן הױכען פעלזען שטעהט
אַ יעגער און ער צילט.

ה. רױזענבלאַט.

דער ערשטער אַרױספליה פון די בינען.

די בין האָט זיך אױפגעכאַפּט פון איהר לאַנגען װינטערדיגען שלאָף, זי האָט אױסגעריבען די פאַרשלאָפענע אײגעלעך און גענומען װעקען איהרע ח ב ר'טעם: „שטעהט אױף, דער פריהלינג איז געקומען!"

די בינען זײַנען אַרױסגעפלױגען פון בינשטאָק און האָבען דערזעהן, אַז אומעטום לײַכט און װאַרימט די זון. זײ האָבען פאַנאַנדערגעלאָזט זײערע פליגלען און זײַנען אַװעקגעפלױגען זוכען שפּײַז. צוגעפלױגען צום עפּעלבױם, האָבען זײ איהם געפרעגט:

— צו האָסטו ניט עטװאָס שפּײַז פאַר אונז? מיר זײַנען זעהר הונגעריג.

— ניין, — האָט געענטפערט דער עפּעל־בױם, — איהר זײַט געקומען צו פריה. מײַן בליהעכץ האָט זיך נאָך ניט פאַנאַנדערגעלאָזט.

די בינען זײַנען אַװעקגעפלױגען צום קאַרשען־בױם און געזאָגט:

— א פ ש ר האָסטו פאַר אונז שפּײַז?

דער קאַרשען־בױם האָט געענטפערט:

— קומט צו מיר מאָרגען; הײַנט האָט זיך נאָך מײַן בליהעכץ ניט געעפענט.

די בינען זײַנען געקומען צו דער רױטער טולפּע. אין איהרע בלומען אָבער האָבען זײ אױך קײַן זאַפט ניט געפונען. זײ האָבען זיך געװאָלט שױן אומקערען צוריק אין בינשטאָק. פּלוצלונג האָבען זײ באַמערקט אַ טונקעל־בלױ בלימעלע. דאָס איז אַן אײנפאַכע װאַלד־בלום געװען. זי האָט פאַר די בינען אױפגעעפענט איהר בעכערל פול מיט זיסען זאַפט. די בינען האָבען זיך אָנגעזעטיגט און אהײם געבראַכט דעם ערשטען האָניק.

די בין.

יהואש.

פון איהר קלײנעם קעמערל,
זומענדיג אַ ז מ ר'ל,
קומט אַרויס די גאָלדענע,
רירעוודיגע בין.

זעהט זי וואו אַ בײטעלע,
שפירט זי וואו אַ קווײטעלע, —
שפרײטענדיג די פליגעלעך
לאָזט זי זיך אַהין.

שמעקענדיג און זוכענדיג,
לעקענדיג און ניוכענדיג
אונטער יעדען גרעזעלע,
אונטער יעדען בלאַט, —

נעמט זי נאָר, וואָס וויכטיג איז,
ריכטיג זיס און ציכטיג איז,
קלײַבט זי נאָר, וואָס נוצליך איז,
מײַדט זי אויס וואָס שאַדט...

דאַן ווען אָפּגע'פּ ט ר'ט זי
האָט דאָס קלײַבען, פלאַטערט זי
מיט איהר גרויסען א ו צ ר'ל
אין איהר קלײנעם הויז.

ווען זי האָט געפונען שוין,
וואָס זי דאַרף, אין זונענשײַן,
אַרבײַט זי אין פינסטערניש
זיסען האָניק אויס.

י ה ו א ש.

די בין און די רויז.

ס'האָט אויסגעשײַנט די זון. די רויז האָט פֿאַנאַנדערגעלאָזען איהרע בלומען־בלעטלעך און פֿאַרשפּרײַט אַרום זיך אַ זיסען, געשמאַקען ר י ח. די בין האָט דערשמעקט דעם ר י ח און איז צוגעפֿלויגען צו דער רויז. זי האָט דערזעהן בײַ דער רויז אַ פֿולען בעכערל מיט זיסען זאַפֿט און האָט געפֿרעגט: „פֿאַר וועמען, טײַערע רויז, זאַמעלסטו דעם זיסען זאַפֿט?“

— פֿאַר דיר — האָט געענטפֿערט די רויז — און פֿאַר די אַלע, וואָס אַרבײַטען פֿלײַסיג, ווי דו.

די בין האָט זיך אָנגעזויגען מיט'ן זאַפֿט, וואָס האָט זיך אין איהר פֿאַרוואַנדעלט אין האָניק, האָט אָפּגעדאַנקט דער רויז און איז אַוועקגע־פֿלויגען.

אויפֿ'ן פֿעלד האָט די בין דערזעהן אַן ערד־אַרבײטער, וואָס האָט געאַקערט זײַן פֿעלד. פֿון היץ און פֿון אַרבײַט איז ער געווען באַדעקט מיט שווײַס. די בין איז צו איהם צוגעפֿלויגען און האָט איהם מ כ ב ד געווען מיט אַ ביסעלע האָניק. דער ערד־אַרבײַטער האָט זיך דערקוויקט און ער האָט געלאָזען זײַן אַקער און איז געגאַנגען זעהן, וואו די בין נעמט איהר טײַערען מ א כ ל. און ער האָט באַמערקט, ווי די בין פֿליהט צו פֿון צײַט צו צײַט צו דער רויז און זופּט זיך אָן פֿון איהר זיסען זאַפֿט.

איז ער אויך צוגעגאַנגען צו דער רויז; נאָר ווי די רויז האָט איהם דערזעהן, איז זי פֿאַרציטערט געוואָרען.

„וואָס ציטערסטו אַזוי?“ — האָט די בין זי געפֿרעגט.

— איך זעה מײַן מ ח ב ל! — האָט די רויז געענטפֿערט.

„זײַ רוהיג, טײַערע רויז, און האָב קײַן מ ו ר א ניט — האָט די בין געזאָגט,—ער וועט אַזאַ שענער בלום, ווי דו, קײַן שלעכטס ניט טאָן“.

— אָ, דו ביסט נאָך צו יונג, גוטע בין, און קענסט ניט אָט די צווײַ־פֿיסיגע ח י ה...

אין דעם ווי זײַ רעדען, איז צוגעגאַנגען דער מענש און האָט אָפּגע־קניפּען די רויז.

די בין איז אונטערגעשפּרונגען פֿאַר צאָרן אויף דעם האַרט־האַרציגען און שלעכטען מענשען. און פֿון דאַמאָלסט אָן האָט זי אויפֿגעהערט צו געבען דעם מענשען איהר האָניק מיט גוטען. און ווײל דער מענש נעמען איהר האָניק מיט געוואַלד, בײַסט איהם די בין מיט כ ע ס און האַס.

נאָך שוויף.

האָרנים און שפּין.

ד ו ד, וואָס איז שפּעטער געוואָרען אַ קעניג ביי די אידען, האָט אַמאָל געזעהן, ווי אַ האָרניס נאָגט אַ שפּין. האָט ער געזאָגט:

„ר ב ו נ ו ש ל ע ו ל ם! צו וואָס האָסטו באַשאַפען אַזעלכע מ י א ו ס'ע ב ר ו א י ם אויף דער וועלט? די האָרניס פאַרדאַרבט דער בינס האָניק און שטעכט נאָך דערצו. די שפּין הערט נישט אויף צו וועבען, און קיין קלייד איז פון איהר ניט צו דערלעבען".

שפּעטער, אַז ד ו ד איז אַנטלאָפען פון ש א ו ל ה מ ל ך און זיך באַהאַלטען אין אַ הייל, איז געקומען אַ שפּין און האָט פאַרצויגען איהר שפּינוועבס איבער'ן אַריינגאַנג פון הייל.

באַלד איז ש א ו ל געקומען און געזעהן, ווי די הייל איז פאַר־וועבט. טראַכט ער זיך: „ווען ד ו ד וואָלט געווען אַריין אין הייל, וואָלט ער דאָך דורכקריכענדיג צעריסען דאָס שפּינוועבס; געוויס איז דאָרט קיינער ניטאָ".

איז ש א ו ל אַוועק ווייטער, און ד ו ד איז נ י צ ו ל געוואָרען.

ווי ער איז אַרויס פון הייל און דערזעהן די שפּין, האָט ער זי גע־כאַפּט קושען און געזאָגט:

„אַלץ, וואָס עס איז באַשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט, איז נוצליך און גוט".

א ג ד ה.

פאַרגעס-מיך-ניט.

ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, האָבען זיך אַלע ח י ו ת, פויגעל און געוויקסען אויסגעשטעלט ש ו ר ו ת־ווייז פאַר'ן כ ס א ־ ה כ ב ו ד, און יעדען פון זיי האָט דער אויבערשטער אַ באַזונדער נאָמען געגעבען און דערביי אָנגעזאָגט: „איהר זאָלט, ח ל י ל ה, אייערע נעמען ניט פאַרגעסען!"

צווישען די פאַרזאַמעלטע איז אויך געווען אַ קליין בלוי בלימעלע, וואָס האָט זיך זיין נאָמען באַקומען.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך דאָס קליינע בלימעלע פאַר'ן כ ס א ־ ה כ ב ו ד געשטעלט און מיט אַן אומעטיגען ק ו ל געזאָגט: „אַל־

מעכטיגער! כ'האָב מײַן נאָמען פֿאַרגעסען: פֿאַרגיב מיר מײַן שולד און גיב מיר אַ נײַעם נאָמען".

דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט אויף דעם בלימעלע און געזאָגט: „דאָס מאָל שענק איך דיר. נאָר כדי דו זאָלסט ווײַטער דײַן נאָמען ניט פֿאַרגעסען, וועט יעדער, וואָס וועט דיך אָפּרײַסען, זאָגען: „פֿאַרגעס מיך ניט!"

פֿון דעמאָלט אָן רופֿט מען דאָס קלײנע בלויע בלימעלע „פֿאַרגעס־מיך־ניט".

אגדה.

קאָרן־שוועסטערלעך.

קענט איהר, קינדערלעך,
די קאָרן־שוועסטערלעך?
זײ זײַנען בלימעלעך
אין פֿרײַען פֿעלד:
עס גיבען בלויאינקע,
עס גיבען רויטינקע,
אויך גיבען געלינקע,
ווי אײַך געפֿעלט.
זײ וואַקסען טויזענטער
אין אַלע ווינקעלעך,
וואו די זאַנגען וויגען זיך,
און תבואה בליהט;
גאַנץ פֿעלד באַקרוינען זײ,
זײַן ברויט באַשענען זײ,
און בליהען לוסטיגע
פֿון זון געהיט.

ב.

די ערשטע, ווײַסט איהר דאָך,
זײ זײַנען בלויאינקע,
מען רופֿט זײ „בלימעלעך
פֿון קאָרן" דאָ;
און ווען דער זאַנג צערײַסט
זײַן גרינע העמדעלע,
דאַן ווערט דאָס פֿעלד פֿון זײ
אינגאַנצען בלוי:
פֿול בלויע קעפּעלעך
פֿון גוטע שוועסטערלעך,
וואָס נײגען, גריסען זיך
צו יעדען זאַנג,
און ווינשען שטילערהײט
איהם וואַכען ליכטיגע
און רעגענס זעטיגע
זײַן זומער לאַנג.

ג.

די פֿעלדער שפּרײטען זיך
שוין אָפּגעשניטענע.
עס ליעגט דער קאָרן שוין
און וואַרט אין מיהל;
געבליבען זײַנען נאָר
אין פֿעלד די געלינקע,
די שוועסטער־ברידערלעך,

וואָס וואַקסען שטיל:
דריי געלע פליטערלעך,
צוויי ווייסע פליטערלעך,
פאַראייניגט שפּראַצען זיי
צווישען שטרוי,
און ווייִנען, טרויערן
אויף אַלע בלימעלעך,
און וועלקען שטילינקע
אין קאַלטען טוי.

דוד איינהאָרן.

דער גאָרטען.

א

זינט איהר לעבט, האָט איהר נאָך אַזאַ גאָרטען נישט געזעהן, ווי מ נ ש ה דעם ר ו פ א׳ס.

וואָס פאַר אַ פ י ר ו ת געפינט איהר ניט אינ׳ם דאָזיגען גאָרטען? עפּעל און באַרען, און ווייַנשעל, און פלוימען, און קאַרשען, און אַגרעסען, און ווייַנפּערלעך, און פערסיקעס, און שפּאַנקעס, און מאַרעלען, און מאַ־לינעס, און אַזשעניצעס, און וואָס ניט?

אַ פ י ל ו ווייַנטרויבען ע ר ב ר א ש ־ ה ש נ ה אויף „ש ה ח י נ ו" קריגט מען ביי מ נ ש ה דעם ר ו פ א׳ס ווייב. א מ ת, די ווייַנטרוי־בען אַז מען פאַרזוכט, דערזעהט מען קראָקע מיט לעמבערג, אַזוי שטאַרק זויער זיינען זיי. איך בין באַקאַנט מיט׳ן דאָזיגען גאָרטען, ווי אַ איד אין א ש ר י: איך ווייס אַ פ י ל ו, וואו איטליכעס ביימעלע געפינט זיך און וואָס עס וואַקסט אויף דעם.

ב

אַז דער זומער הייבט זיך אָן, און די ביימער הייבען אָן צו בליהען, באַדעקען זיך מיט ווייסע פעדערלעך, קאָנט איהר האָפען, אַז ניט הייַנט איז מאָרגען וועלען זיך באַווייַזען אין די קורצע שטעכעלדיגע ביימעלעך גרינע אַגרעסען. דאָס איז די ערשטע פ ר י, וואָס עס גלוסט זיך אייך פאַרזוכען. פאַראַן מענשען, וואָס וואַרטען, ביז די אַגרעסען ווערען רויט; נאַראָנים! איך זאָל האָבען די ב ר כ ו ת, וואָס גרינערהייט זיינען זיי אַ ס ך מעהר באַ׳ט ע ם׳ט און געשמאַק. נאָך די אַגרעסען קומען אויף די ווייַנפּערלעך. רויטינקע מיט שוואַרצע פּיסקעלעך, מיט געלע קערע־לעך און צעהנדליגער אויף איין צווייַגעלע; איין צווייַגעלע אַז איהר פיהרט דורך צווישען די ליפּען, באַקומט איהר אַ פולען מויל מיט ווייַנ־פּערלעך, ווייניגע, שמעקענדיגע, מ ח י ה נ פ ש ו ת.

ג.

נאָך די ווײַנפּערלעך קומען אויף די ווײַנשעל. ווײַנשעל האַלטען זיך ניט לאַנג גרין, ווײַנשעל ווערען גיך פאַרטיג. איך אַלײן האָב באַמערקט, עטליכע ווײַנשעלעך זײַנען אין דער פריה געוועזען גרין אַזוי ווי גראָז. איך האָב זײַ גוט באַמערקט, געמאַכט אויף זײַ אַ ס י מ ן. בײַטאָג האָבען זײַ פון דער זון באַקומען רויטע בעקעלעך. דעמזעלבען טאָג פאַרנאַכט זײַנען זײַ שוין געוועזען רויט ווי פײַער.

וויפיעל שטערען אין הימעל — אַזוי פיעל ווײַנשעל בײַ מ נ ש ה דעם ר ו פ א אין גאָרטען. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז איך בין אַ ב ע ל ן געוועזען אויף אײַן צווײַגעלע איבערצעהלען די ווײַנשעל. האָב איך געצעהלט און ניט געקאָנט איבערצעהלען! ווײַנשעל האָבען אַ ט ב ע — זײַ האַלטען זיך שטאַרק אויף די ריטלעך. זעלטען, זעלטען ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ ווײַנשעל אויף דער ערד; ער מוז שוין זײַן איבער־צײַטיג, שוואַרץ אַזוי ווי אַ פלוים. זעהט איהר, פּערסיקעס — די פאַלען אָפּ, ווי באַלד נאָר זײַ ווערען רעכט געל. אַך, פּערסיקעס! איך האָב זײַ ליב מעהר פון אַלע פ י ר ו ת. אַ גאַנצער בוים מיט פּערסיקעס שטעהט. און איך זעה, ווי עס פאַלט: אַ פּערסיקע נאָך אַ פּערסיקע. אײנע אַ געלע, אַזש אַ רויטליכע, האָט זיך פאַרשפּאַלטען און געעפענט. עס זעהט זיך אַרויס פון איהר דאָס בײַניגע קערעל.

ד

נאָך די פּערסיקעס קומען אויף פלוימען. ניט אַלע פלוימען מיט אַמאָל. צוויי סאָרטען פלוימען זײַנען פאַראַן בײַ מ נ ש ה דעם ר ו פ א אין גאָרטען. אײן בוים איז דאָ מיט „טשערניקעס“! דאָס איז אַ מ י ן קײַלעכדיגע, זיסע, האַרטע, שוואַרצע פלוים. דער אַנדער בוים איז אַ בוים פון פראָסטע פלוימען. דאָס איז אַ מ י ן פלוים, וואָס מען רופט „עמער־פלוימען“. מען פאַרקויפט זײ אויפ'ן עמער. זײ האָבען אַ דין הײַטעל, זײַנען גליטשיק און קלעפּעדיג און וואַסערדיג אויפ'ן ט ע ם. פונדעסט־וועגען זײַנען זײ ניט אַזוי שלעכט, ווי איהר מײנט.

אַראָפּגע'פ ט ר'ט די ווײַנשעל, מיט די פּערסיקעס, מיט די פלוימען, הײבט זיך אָן אַ ס ד ר ה עפּעל. עפּעל, דאַרפט איהר וויסען, איז ניט קײַן באַרען. באַרען, זײ מעגען זײַן די בעסטע באַרען אין דער וועלט, וויבאַלד זײ זײַנען ניט רעכט פאַרטיג, קאָנט איהר מיט זײ גאָרניט מאַ־כען. געהט קײַט האָלץ! עפּעל מעגען זײַן ווי גרין, די קערעלעך מעגען זײַן ווי ווײַס, האָבען זײ שוין אַ ט ע ם פון עפּעל. אויף צײַטיגע דאַרף מען וואַרטען ביז העט העט; און גרינע עפּעל קאָנט איהר האָבען ת י כ ף, נאָכדעם ווי דאָס בײמעלע האָט אָפּגעבליהט. עס ווענדט זיך נאָר אָן דער גרײס. וואָס ווײַטער אַן עפּעל וואַקסט, ווערט ער גרעסער.

ווי להבדיל א מענש... עס איז קיין ראיה, אז א גרויסער עפּעל דאַרף זײַן גוט. אמאָל מאַכט זיך, אַ קלײַן עפּעלע זאָל זײַן בעסער פון׳ם גרעסטען עפּעל. למשל, נעמט „ארץ־ישראל־עפּעלך“, זײַ זײַנען ווייניג, אָבער געשמאַק.

שלום־עליכם.

מיין גאָרטען.

ווילט איהר אפשר, זײַן אַ בעלן
אָנקוקען מײַן שענעם גאָרטען?
זײַט זשע מוחל, קומט אַרויס,
קוקט איהם אָן, אָן שטעהט ער דאָרטען!

אָהן עין־הרע, גרויס און רײַך —
כ׳זאָג אײַך, אײַנער אינ׳ם שטעטעל.
זעהט נאָר, ווי עס קוועלט אין איהם
יעדער בוים און יעדעס בלעטעל.

אויסגעצוואָגען פון דעם טוי,
פון די שטראַלען אויסגעבאָדען,
שטעהען ביימער אַלערלײַ
מיט די פּירות אָנגעלאָדען.

שווערע עפּעל, רויטע עפּעל
בייגען צו דער ערד די צווײַגען,
און די באַרען — זעהט נאָר באַרען —
הענגען שטיל זיך דאָרט און שווײַגען.

שוואַרצע ווײַנשעל בלינצלען עפּעס
גנב׳יש, כיטרע, ווי מיט אויגען;
נו, און פלוימען — אָט די פלוימען —
מיט אַ בלויען הויך באַצויגען.

יאָ, אַ דאַנק זײַן ליבען נאָמען,
כ׳האָב אַ רײַכען שענעם גאָרטען!
אָהן עין־הרע, אָנגעפּאַקט
פּירות, פרוכט מכל הסאָרטען.

ח. נ. ביאליק.

דאָס יאָר

פון חומש.

גערענק און היט אָפּ דעם טאָג פון שבת און האַלט איהם הייליג. זעקס טעג זאָלסטו טאָן אַלע דיינע אַרבייטען, און דער זיבעטער טאָג איז שבת, אַ רוה טאָג. זאָלסט ניט טאָן אין איהם קיין מלאכה, ניט דו, ניט דיין זוהן און טאָכטער, ניט דיין דיענער און דיענסט, ניט דיין בהמה און ניט דער פרעמד־געבוירענער, וואָס וואוינט אין דיין לאַנד.

פרייטאָג פאַרנאַכט.

שלום אַש.

די זון הייבט זיך שוין אָן צו זעצען. עס ווערט פאַרנאַכט. ביים וואַסער הייבט אָן רו־היגער צו ווערען. מען איילט זיך אַהיים. צום טייך קומען שוין נאָר די לעצטע פורמאַנעס, וואָס זיינען שפּעט אין שטעטעל אָנגעקומען, און בעלי־מלאכות, וואָס האָבען שפּעט די מלאכה געענדיגט.

פון מאַרק צענעמען די אידענעס זייערע סחורות און טראָגען זיי אַהיים. אויסגע־באָדענע אינגעלעך לויפען איבער דער גאַס מיט פלעשעלעך נאָך וויין אויף קידוש. די געוועלבער פאַרמאַכען זיך איינציגווייז.

דער הימעל איבער׳ן שטעטעל ווערט טונקעל. מען הייבט אָן קלאַ־פּען אין שוהל אַריין. אין טייל פענסטער ווייזען זיך שוין שבת־ליכט־לעך... פאַר טייל הייזער ווייזען זיך שוין שבת׳דיגע בעל־הבית־טעס מיט זייערע טעכטערלעך; אָפּגעוואַשען, אויסגעקעמט, זיצען זיי פאַר דער טיר.

שטיל און רוהיג איז אין געסעל. דער שבת קומט אָן מיט רוהיגע טריט און פאַרשפּרייט מנוחה. פון דעם קליינעם בית־המדרש׳ל פינקלען זיך אַרויס די שבת־ליכטלעך. און אָפּגעוואַשענע אידען, מיט ווייסע קראַגענס פון די העמדער איבער די שבת׳דיגע קאַ־פּאָטעס פאַרבויגען, געהען אין בית־המדרש אַריין. און שטילער, רוהיגער, שבת׳דיגער ווערט דאָס שטעטעל.

ש. אַש.

פרייטאָג צו נאַכט.

ש. י. אַבראַמאָוויץ.

ש מ ו א ל'יק איז אַ טאַנדעטניק. אַ גאַנצען טאָג, פון דער פריה ביז אין דער נאַכט, לויפט ער אַרום מיט אַלטע זאַכען, שלאָגט אָפּ די טירען צו קויפען און צו פאַרקויפען זיין ס ח ו ר ה. ער איז מיט אַ בלייך פ נ י ם, געקנייטשט, געעל־טערט פאַר זאָרג און צ ר ו ת. אָנלוי־פענדיג זיך פאַר אַ טאָג, קומט ער מיד אין זיין שטיבעל — אַ קאַנורע, כאַפּט עפּעס איבער און טוט זיך אַ וואָרף שלאָ־פען. און גאַנץ פריה שטעהט ער ווידער אויף און וויטער לויפען,וויטער אַרומ־יאָגען זיך דעם טאָג. אַזוי פאַרברענגט ער זיין לעבען די גאַנצע וואָך.

פרייטאָג צו נאַכט באַקומט זיין שטיבעל גאָר אַן אַנדער פ נ י ם: אויסגעשמירט, אויסגעוואַשען, ריין אין איטליכען ווינקעלע. דער טיש געדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך; אויף איהם דריי מעשענע אויסגע־שייערטע לייכטער מיט די בענשליכט און צוויי שענע ח ל ו ת, אָפּגע־שמירט מיט געלכען פון אַן איי, שיינען פון דערווייטענס. אין שטוב הערשט עפּעס אַ זיסע רוהיגקייט. עס שמעקט אַ ר י ח פון צוגע־דעמפּטע שפּייזען, וואָס שטעהען אויפ'ן פריפּעטשאָק, איבערגעדעקט מיט אַ קישען. די מאַמע, אַ גאַנצע וואָך פאַרשמאַכט, לויכט אין איהרע ש ב ת'דיגע מ ל ב ו ש י ם, עס רוהט אויף איהר די ש כ י נ ה. די מיידלעך פאַרקעמט, אויסגעצוואָגען, האַלטען זיך אינאיינעם אין אַ וויג־קעלע און וואַרטען, קוקען אויף עפּעס אַרוים מיט אַ פריילעך האַרץ.

שאַ, עס הערט זיך טריט... מען געהט... די טיר עפענט זיך אויף. „גוט ש ב ת!" — זאָגט ש מ ו א ל'יק, קומענדיג פון שוהל, און קוקט פריינדליך מיט אַ שיינענדיג פ נ י ם אויף זיין ווייב, אויף די קינדער. „גוט ש ב ת!" — זאָגט מ ש ה'לע, זיין ב ח ו ר'ל, הויך אויפ'ן ק ו ל, אַריינלויפענדיג געשווינד, ווי מיט אַ גוטער ב ש ו ר ה. און דער טאַטע מיט'ן זוהן הייבען אָן ביידע, אַרומגעהענדיג איבער'ן שטוב, צו זאָגען מיט אַ נ י ג ו ן „ש ל ו ם ע ל י כ ם". ש מ ו א ל'יק דער טאַנדעטניק האָט עפּעס באַקומען אַ נייע נ ש מ ה, אַ נייע הויט אויף זיך; ער איז אַ גאַנ־צער פרינץ. ער מאַכט ק י ד ו ש, וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש, די

ווײַב און די קינדער אַרום איהם. מען עסט אַ שטיקעל פיש, אַ לאָקש, אַ ביינדעל, אַ ביסעל צימעס, אַזעלכע מאכלים, וואָס מען האָט אַ גאַנצע וואָך אין די אויגען ניט געזעהן. און שמואל'יק שטעלט אָן זײַן כלי און הייבט אָן צו זינגען זמירות:

ווי ליב די רוה איז דײַנע,
פרינצעסין שבת פײַנע!
מיר לויפען דיר אַנטקעגען אַלע,
מיר בעטען: „קום געקרוינטע כלה!"
פון אַלע מלאכות איז אַן עק,
די אַרבײַט לייגט מען איצט אַוועק,
זיך תענוג אַנצוטאָן בײַם טיש
מיט הינער, חלה, פלייש און פיש.
אַ שמחה, פרייד אויף אַלע אידען.
זיי זײַנען פרום און שטאַרק צופרידען.

ש. מ. אבראַמאָוויץ.

שבת־ליכט.

שבת־ליכט און שבת־לאַמפּען,
אָ, ווי זיס איז אײַער שײַן!
וויפיעל ברענגט איהר טרייסט דעם אידען
אין זײַן עלענד, אין זײַן פּײַן!



קומט צו אונז דער שבת־קודש,
ווי עס ווערען ליכט געבענשט,
באַלד אַנטלויפט די מרה־שחורה,
און מען ווערט אַ נײַער מענש!

ה. היינע.

אויף די הויכע בערג.

ניט ווײַט פון שטעטעלע האָבען זיך געפונען בערגלעך, וועלכע האָבען געהײַסען „די הויכע בערג".

און געליבט האָבען די אײַנוואוינער זײַערע בערג. קומט דער ליבער זומער, אַ שבת נאָכמיטאָג. אידען למדנים געהען אַוועק אין בית־המדרש לערנען; אַלטע לײַט כאַפּען אַ דרעמעל אין שטוב. די יונגע לײַט אָבער און קינדער — איבערהויפּט די קינדער — לאָזען זיך אַוועק צו די בערג. סאָלידע, סטאַטעטשנע יונגע לײַט קריכען אויף זײַ אַרויף, ציהען זיך אוים אויף זײַ, ווי געבאָרענע בערג־לײַט, און קוקען אַראָפּ אויף דער געפּלעקטער מחנה, וואָס געפינט זיך אונטען, און פּיהלען זיך עפּעס האָפּערדיג און שטײַף... מאַנכע קומט אָן דאָס אַרויפקריכען שווער, און זײַ קומט צו הילף אַ מעהר ספּריטנער; מען נעמט זיך פאַר די הענט און מען לאָזט אַ אידען ניט פאַלען...

די קינדער אָבער, ווי באַפרײַטע פײַגעלעך פון שטײַגלעך, פליהען אַרויף און אַראָפּ, מאַכענדיג דערבײַ פאַרשײַדענע קונצען. די טאַטעס מיט די מאַמעס וואָרענען:

— קינדער, איהר וועט זיך נהר ג'ען. היט זיך ווי איהר פליהט.

נאָר די קינדער, דערזעהענדיג נאָך פון ווײַטען די בערג, באַקומען אַזאַ מוט, אַז ניט נאָר אויף אַזוינע בערג, זײַ וואָלטען אפילו אַרויפגעקלעטערט אויף אַ סך העכערע בערג. און אַן אַנדער אינגעלע, אַ שטיקעל עזות־פּנים, מיט צעפּלאַמטע בעקעלעך שרײַט חוזק׳דיג אוים:

— אַ גרויסע זאַך! אויך מיר אַ קונץ אויף אַזוינע בערג צו פליהען. איך וואָלט געקאָנט אַרויפקריכען אויף אַ באַרג, ביז די וואָלקענס הויך...

נאַטירליך געהט ניט אַוועק אַ שבת אָהן אַ פּאַסירונג. אַ מאַנכער אינגעלע, אַ צו שטאַרקער שטיפער, צו האַסטיג אַראָפּלאָזענדיג זיך פון אַ באַרג, פאַלט און צעשלאָגט זיך; נאָר קײַן סכנה שטעקט קײַנמאָל ניט. אדרבה, דער פאַרזײַהטער עולם אויף די בערג צעלאַכט זיך, און דאָס אינגעלע שטעהט אויף און נעמט זיך פליהען צוריק מיט מעהר מוט, ווילענדיג דערמיט אויסקויפען זײַן חרפּה, וואָס ער איז אַראָפּגעפאַלען...

א. רייזען.

שבת בין־השמשות.

עס געהט שוין אוועק זיך
דער הייליגער שבת;
אין שטיבעל ווערט פינסטער,
אין שטיבעל ווערט שטיל.
עס שעפטשעט די מאמע:
„אך, גאט פון אברהם!“
זי שעפטשעט די תפילה
מיט הארץ און געפיהל.

„אך, גאט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב,
פארנעם דאך מיין תפילה
אין הימעלס געצעלט

און שיק מיר פרנסה,
און ריכט אויף מיין מזל
און ליכטיג זאל ווערען
מיין פינסטערע וועלט“...

עס דונקעלט דער הימעל,
עס ציהען זיך וואלקענס,
אין שטיבעל איז פינסטער
און אומעטיג שטיל.
נאר ערגעץ אין ווינקעל,
פארשטופט אין א שפארע,
דארט טשירקעט און טשירקעט
פארבארגען א גריל.

י. אדלער.

הבדלה.

שבת האט מען גוט פארבראכט
מיט פיעל פארגעניגען,
און דער איד הבדלה מאכט
מיט א שטילען ניגון.

עפעס הערט זיך אין דעם ליד
בענקשאפט, אנגסט און טרויער;
עפעס ווערט גאר באלד דער איד
פינסטערער און גרויער.

וואס זשע איז מיט דיר דער מעהר,
לידעלע, דערקלער מיר:
רופסט ארויס פון אויג א טרער,
אויפ׳ן הארץ ווערט שווער מיר.

— איך, „הבדלה“, זאג באלד אן:
ס׳קומט דער גוטער מארגען.
גרייט זיך, ארימער, גרייט זיך אן
יאגען, שווינדלען, בארגען.

טרייַב אַרוים דעם „פּרינץ“
פון זיך,
דאַרפסט זיך שוין פאַרוואַנדלען
אין אַ „הונט“ — אַך, לויף
זשע גיך
האַנדלען, האַנדלען, האַנדלען!
נאָר דער פּרינץ, ער יאָמערט
שטיל:
כ׳וויל אין רוה נאָך ליעגען!
און דעריבער קלאָגען פיעל
קרעכצען אין מייַן ניגון.

א. רייזען.

שבת צו נאַכט.

ס׳איז ווינטער, שבת צו נאַכט, נאָך הבדלה. אויפ׳ן לוטש־ניק, אונטער׳ן קוימענדעל, ברענט פריילאַך אַ פייַערל, וואָס פון צייַט צו צייַט ווערט עס אונטערגעהאַלטען מיט דינע טרוקענע שפּענדלעך. דעם פייַערל אַנטקעגען, בייַ אַ טיש, צוגערוקט צו דער וואַרימער הרובע, זיצט דאָס הויזגעזינד. אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייַעס, ווי אַ פּויק, איז אויך דאָ. מען וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואָרט און מען פליקט פּעדערן. דערבייַ טאַקע לייענט איינער פון די קינדער פאַר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער אויף עברי־טייַטש.

די קאַץ זיצט, צושאַרענדיג זיך צום אויוועץ, לעקט אַ לאַפּקעלע, מאַכט מיט די אויערלעך און האָט, ווי עס זעהט אויס, אויך הנאה. אין אויוועץ הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע. נאָר קודם כל זידט דאָרט אַ טעפּעל קאַרטאָפליעס אויף איבערצוכאַפּען דערווייַל. דער פאָטער געהט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבת׳־דיגער קאַפּאָטע, און זינגט זיך „אליהו הנביא“ מיט גרוים גע־פיהל. און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף: „במהרה יבוא

א ל י נ ו" — גיך און באלד קומט ער צו אונז — עפענט זיך די טיר און ליַיטישע מענשען פון שטעטעל קומען אריַין אין געסט. „א גוטע וואָך!" — אַ גוט יאָר.

ש. י. אבראַמאָוויץ.

דער איד און דער לייב.

אַמאָל האָט אַ איד געדאַרפט פאָרען פון דער שטאָט ח ב ר ו ן קיַין מ צ ר י ם. דערוויסט ער זיך, אַז אַ קאַראַוואַן געהט אָפּ פון ח ב ר ו ן און געהט דורך דער מ ד ב ר קיַין מ צ ר י ם.

געהט ער צום פיהרער פון קאַראַוואַן און בעט, ער זאָל איהם מיט־נעמען. אָבער ער רעדט דערבײַ אָפּ מיט דעם פיהרער, אַז ער מוז רוהען דעם זיבעטען טאָג, ש ב ת. דערפאַר גיט ער איהם מעהר געלט פאַר דעם וועג. דער עלטסטער פונ'ם קאַראַוואַן האָט מ ס כ י ם געווען און האָט צוגעזאָגט דעם אידען רוהען ש ב ת. און דער קאַראַוואַן צוזאַמען מיט דעם אידען האָט זיך געלאָזען אין וועג.

ווען עס איז געקומען פריַיטאָג פאַרנאַכט, בעט דער איד בײַם עלט־סטען, ער זאָל טאָן ווי ער האָט צוגעזאָגט, און אָפּשטעלען דעם קאַראַוואַן רוהען ביז איבער ש ב ת.

האָט זיך דער עלטסטער אויסגעלאַכט פונ'ם אידען, און ווען דער איד האָט שטאַרק געבעטען, האָט דער עלטסטער איהם געענטפערט גאָר פ ש ו ט, אַז ער קאָן ניט אָפּהאַלטען דעם גאַנצען קאַראַוואַן צוליב איין מענשען.

האָט דאָס דעם אידען שטאַרק געקרענקט. וואָס אָבער טוט מען דאָ? בליַיבען איינער אַליין אין דער מ ד ב ר צווישען ווילדע ח י ו ת איז זעהר ביטער. און געהן מיט'ן קאַראַוואַן — וועט ער פאַרשטערען ש ב ת.

ל ס ו ף באַשליסט דער איד צו בליַיבען אין דער מ ד ב ר און ניט פאַרשטערען ש ב ת. קריכט ער אַראָפּ פון זיין אייזעל, נעמט זיַינע זאַכען און לאָזט דעם קאַראַוואַן וויַיטער געהן זיַין וועג.

לאַכען די רייזענדע פון איהם און האַלטען איהם פאַר מ ש ו ג ע, און נאָר אַ טייל פון זיי שאָקלען די קעפּ מיט ר ח מ נ ו ת: אַ מענש לאָזט זיך אויף אומצוקומען.

דערוויַיל פאַרגעהט די זון. דער איד שטעלט זיך מיט'ן פ נ י ם צו מ ז ר ח, דאַווענט אָפּ, מאַכט ק י ד ו ש. עסט אָפּ און בענשט אָפּ

און וויל זיך לייגען שלאָפען. פּלוצלונג דערזעהט ער פּאר זיך א לייב שטעהן, א שרעקליכען גרויסען לייב.

פאַלט אויפ׳ן אידען אָן א טויט־שרעק; ער מיינט, אַז זיין ס ו ף איז געקומען. זעהט ער אָבער, אַז דער לייב שטעהט פון ווייטען און קוקט אויף איהם מיט גוטע, ליבליכע אויגען. קלערט ער, אַז דאָס איז א נ ס, אַז דער לייב איז געקומען איהם צו היטען. הייבט ער אָן צו זאָגען ז מ י ר ו ת. און ער דערקענט אינ׳ם לייבס אויגען, אַז דאָס געזאַנג געפעלט איהם. זינגט ער אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט מיד און שלאָפט איין.

אין דער פריה עפענט ער אויף די אויגען און זעהט, דער לייב שטעהט נאָך אַלץ לעבען איהם, ווי נעכטען, און קוקט אויף איהם פריינדליך. ווערט זיין הארץ אין גאַנצען רוהיג: ער איז שוין זיכער, אַז קיין שלעכטס וועט איהם נישט געשעהן, אַז דער לייב איז נאָר געקומען אָפּהיטען איהם אין דעם שרעקליכען מ ד ב ר. עסט ער אויף זיין ברויט און טרינקט אויס זיין וויין, און ער האָפט, אַז איהם וועט ניט אויסקומען צו שטאַרבען פון הונגער און דאָרשט אין דער מ ד ב ר.

און ווידער פאַרגעהט די זון. דער איד דאַוונט מ ע ר י ב און מאַכט אָפּ ה ב ד ל ה... אין דעם אויגענבליק גיט זיך דער לייב א הייב אויף פון זיין אָרט, דרייהט מיט עק און לעקט דעם אידענס הענט, ווי א געטרייער הונט! נאָכדעם ציהט ער זיך אויס פאַר איהם, גלייך ווי ער וואָלט איהם בעטען, ער זאָל זיך אויף איהם זעצען רייטענדיג.

פאַרשטעהט דער איד, וואָס דער לייב מיינט. נעמט ער זיין רייזען־זאַק און לייגט אַרויף אויפ׳ן לייב, נאָכדעם זעצט ער זיך אַליין אויך אויף זיין רוקען, און דער לייב לאָזט זיך לויפען איבער דער מ ד ב ר און לויפט מיט׳ן אידען ביז אין ווייסען טאָג אריין.

אין דער פריה האָבען זיי ביידע דערגרייכט דעם קאַראַוואַן. ווי די רייזענדע האָבען דערזעהן דעם אידען רייטענדיג אויפ׳ן לייב, זיינען זיי אַלע דערציטערט געוואָרען און האָבען פאַרגאַפט באַטראַכט דאָס וואונדערליכע בילד. און דער לייב האָט זיך דערווייל אויסגעצויגען איבער דער ערד, און דער איד איז געלאַסען אַראָפּגעקראָכען פון איהם, אַראָפּגענומען דעם רייזען־זאַק און געבליבען שטעהן אויף דער ערד. אין דעם אויגענבליק האָט זיך דער לייב א הייב אויף געגעבען מיט א שרעקליכען ברום און אוועקגעלאָזט זיך ווי א פייל אויס׳ן בויגען און איז גלייך פאַרשוואונדען געוואָרען.

פאַרשטעהען די מענשען פון קאַראַוואַן, אַז פאַר זיי שטעהט א הייליגער מאַן. און דער עלטסטער איז איהם צו די פיס געפאַלען, גע־

ווײנט און געבעטען איהם, ער זאָל ניט בײז זײן אויף איהם און איהם ניט געדענקען צו שלעכטען.

און דער איד מיט דעם גאַנצען קאַראַוואַן האָבען זיך אויפגעהויבען און זײ זײנען ווײטער געגאַנגען אין זײער וועג קײן מ צ ר י ם.

פאָלקס-מעשה.

דאָס אָנקומען פון ווינטער.

אַמאָל, ווען דער רײכער וואַ־לאַ־לאַ — דער זומער — האָט זיך דאָס ערשטע מאָל דערפיהלט מיד, האָט ער זיך פאַרקליבען אויף די בערג. פון דאָרטען האָט ער געוואָרפען זײנע לעצטע בליקען צו דער ערד און האָט זעגענענדיג זיך אָנגערופען:

— ערד! איך מוז געהן, איך בין מיד. עס וואַרט אויף מיר אַ בעט פון גאָלדענע און רויטע בלעטער. איך לאָז דיר איבער מײן זון. זי וועט דיר אויך אויף ווײטער ברענגען פאַר יעדען טאָג אַ נײעם מאָרגען, און יעדען אָוונט וועט זיך אויך אויף ווײטער איהר גרויסער גאָלדענער עק אָנ־טשעפּען אָן דיר און וועט דיך מיטשלעפּען אין דער וועלט פון נאַכט, אין דער וועלט פון רוה און פרידען.

און וואַ־לאַ־לאַ דער זומער האָט זיך אַרײנגעלײגט אין זײן בעט פון גאָלדענע און רויטע בלעטער. האָבען איהם די בלעטער גענומען אײנדעקען. און ווען זײ האָבען איהם אינגאַנצען פאַרדעקט, איז צו דער ערד געקומען דער ווילדער וואָ־וואַ־הו און זיך גענומען שפּילען אי־בער'ן קאָפּ פון וואַ־לאַ־לאַ דעם זומער.

— ווער איז וואָ־וואַ־הו?

ער איז דער שטורעם־שפּילער. ער איז אַ לאַנגער און אַ דינער. ער האָט אַ פידעל און אַ סמיק. שפּילט ער — נעמען ווינטען בלאָזען, נעמען בײמער רעדען.

און ווען די לופט איז דורכגעציטערט געוואָרען פון דעם שטורעם־שפּילער וואָ־וואַ־הו, איז צו דער ערד געקומען דער ווײסער פעטער שנײער.

— ווער איז דער פעטער שנײער?

— ער איז דער שפּרײטער פון די ווײסע ווינטער־נעצען. ער איז אַ ליכטיגער, ער איז אַ שטילער און אַ גוטער.

און עס איז געווען, ווען דער ליכטיגער פעטער שנײער האָט צום ערשטען מאָל איבערגעדעקט מיט זײנע ווײסע נעצען די גרויסע גרויע וועלט און די צעשטערטע גיטער פון דעם רײכען זומער, האָט ער אויף די וועגען דערזעהן אַ קלײן און הילפלאָז קינד. דאָס איז געווען קריק־

קריק פראָסט. דער גוטער פעטער שנייִער האָט דאָס קינד אָנגענומען ביַים הענטעל און געפרעגט:

— ווער ביסטו, קינד?

קריק־קריק־פראָסט האָט נאָך אָבער רעדען ניט געקאָנט. האָט איהם דער פעטער שנייִער גענומען אויף זיַינע הענט און געבראַכט צו זיך אין הויז. ער האָט איהם געגעבען ברויט און זאַלץ און פאָטער־ליבע, איז פראָסט פון דעם געוואַקסען, ביז ער איז גרויס און שטאַרק געוואָרען, ביז זיַין אָטעם האָט גענומען אָפּשטעלען טיַיכען, באַהערשען דערפער און פעלדער און שטעט.

ד. איגנאַטאָוו.

פעטער שנייער.

פוך און פוך, און ווידער פוך...
מיט אַ וויַיסען, קלאָרען טוך
דעקט זיך איַין דאָס שטעטעל.
הייִ, דער פעטער שנייִער פאַלט!

אויפ׳ן פעלד און אויפ׳ן וואַלד
בעט ער אוים זײַן בעטעל.

ס׳פליהט דער קאַלטער שניי און פל יהט...
דער וואַלד, דער אַלטער, האָט פאַרבליהט,
פול מיט ווײַסע בליטען.
יעדעס צווײַגעל שימערט, גליהט.
פעטער שנײַער ווערט ניט מיד,
ווערט ניט מיד צו שיטען.

ערד און הימעל שטעהען קלאָר.
מעהר נישט ראָבען שווארצע נאָר
פליהען אום אין מיטען,
זאָגען אָן אויף יעדען אָרט,
אַז דער פעטער שנײַער פאָרט
אויף זײַן גרויסען שליטען.

ד. איינהאָרן.

חנוכה.

אַמאָל, ווען די אידען האָבען געלעבט אויף זײַער לאַנד, אין ארץ ישראל, האָבען זײ אײַנמאָל געהאַט זעהר אַ שלעכטע צײַט.

די גריכען זײַנען געוואָרען גאַנצע בעלי־בתים אין לאַנד און זײ האָבען אונטערדריקט דאָס פאָלק. זײ האָבען ניט געלאָזט די אידען אָפּהיטען זײַערע מנהגים און דיענען צו זײַער גאָט. זײ האָבען געצוואונגען די אידען צו רעדען אויף דער גריכישער שפּראַך און היטען גריכישע מנהגים.

און עס האָבען זיך אויך געפונען אידען, פון די רײַכע לײַט, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו קלײדען זיך גריכיש, צו רעדען גריכיש און צו העלפען די גריכען אײַנצופיהרען אַלץ, וואָס עס איז גריכיש, אינ׳ם אידי־שען לאַנד.

און די גריכען איז דאָס אַלץ נאָך ווײניג געווען. האָבען זײ אַרײַנ־געשטעלט אַ סטאַטוע פון זײַערען אַ גאָט אין דעם בית־המקדש, אינ׳ם אידישען הײליגען טעמפּעל. און זײ האָבען געבויט מזבחות איבער׳ן לאַנד און געהײסען די אידען מקריב זײַן קרבנות פאַר די גריכישע געטער.

אײנמאָל זײַנען די גריכען געקומען אינ׳ם שטעטעל מודיעים.

זײ האָבען אויפגעשטעלט לעבען טויער פון שטאָט אַ מ ז ב ח צו זײער אָפּגאָט און זײ האָבען צונויפגעטריבען צו ם מ ז ב ח אַלע אײַנוואוינער פון מ ו ד י ע י ם.

און אין שטעטעל איז געווען אַן אַלטער מאַן, אַ כוהן; מ ת ת י ה ו האָט ער געהײסען. דאָס איז געווען אַ הויכער שטאָלצער מאַן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד. ער איז געווען איבערגעגעבען זײַן פאָלק און זײַן גאָט. און ער האָט געהאַט פינף זיהן — הויכע, שטאָלצע און שטאַרקע, ווי ער, נאָר פיעל אינגער פון איהם.

און דער האַר פון די גריכען האָט געפרעגט:

— ווער איז דער אָנגעזעהענסטער פון די כ ו ה נ י ם בײַ אײַך אין שטאָט?

מען האָט איהם אָנגעוויזען אויף מ ת ת י ה ו'ן.

די גריכען האָבען גענומען דעם אַלטען מ ת ת י ה ו און געפיהרט איהם צום מ ז ב ח. און די פינף זיהן זײַנע, פינף אײַזערנע מענשען, האָבען די צײן פאַרדריקט און שטיל נאָכגעגאַנגען נאָך זײער פאָטער, ווײַל דער פאָטער האָט זײ אַזוי געהײסען.

דער האַר פון די גריכען האָט פאָרגעלײגט מ ת ת י ה ו'ן ער זאָל טאָן דעם ווילען פונ'ם גריכישען קעניג און מ ק ר י ב זײַן אַ ק ר ב ן צום גריכישען גאָט. און ער האָט איהם דערפאַר צוגעזאָגט מ ת נ ו ת. אָבער מ ת ת י ה ו האָט זיך אָפּגעזאָגט און זיך אויסגעלאַכט פון די געצענדיענער מיט זײערע מ ת נ ו ת.

דעמאָלט האָט דער גריכישער האַר איהם אָנגעהויבען צו שרעקען מיט'ן טויט. אָבער מ ת ת י ה ו איז בײַ זײַנם פאַרבליבען און געזאָגט:

— אידען קאָנען שטאַרבען.

פלוצלונג איז אַרוים איינער פון פאָלק, אַ איד, און האָט מיט אַ מעסער דערשטאָכען דעם ח ז י ר ־ ק ר ב ן אויפ׳ן מ ז ב ח.

אָבער ת י כ ף איז שוין דאָס מעסער געווען אין דער ברוסט פון דעם מענשען, וואָס האָט דעם ק ר ב ן געבראַכט.

דאָס האָט מ ת ת י ה ו געטאָן.

און ער האָט דאָס מעסער פונ׳ם זינדיגענס ברוסט אַרויסגענומען, עס צום פאָלק אויפגעהויבען און אויסגעשריען:

— ווער עס איז פאַר דעם פאָלק און פאַר דער ת ו ר ה, זאָל געהן נאָך מיר.

און פינף מענשען, פינף ריזען, האָבען איהם די ערשטע אַרומגערינגעלט. דאָס זיינען געווען זיינע פינף זיהן. און נאָך זיי — צעהנדליגער און הונדערטער פון פאָלק. קיינער איז פון ווייטען ניט געבליבען.

און עס האָט אויפגעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד.

מ ת ת י ה ו׳ס צווייטער זוהן, י ה ו ד ה ה מ כ ב י, דער העלדישטער פון זיינע ברידער און פון אַלע אידען, איז געוואָרען דער פיהרער.

נאָך אַ לאַנגען קאַמף מיט די גריכען האָבען די אידען געזיגט. זיי האָבען אַרויסגעטריבען די גריכישע סאָלדאַטען פון לאַנד, האָבען צעבראָכען און אויסגעראַמט די גריכישע געטער און אויסגערייניגט דעם הייליגען טעמפעל.

די אידען האָבען זיך געפרייט מיט זייער באַפרייאונג פון דעם גריכישען יאָך און האָבען אַכט טעג נאָכאַנאַנד אַ י ו ם ־ ט ו ב געפייערט און אילומינאַציעס געמאַכט.

און צום אָנדענקען פון דעם אידישען זיג, פון דער אידישער באַפרייאונג און פון זייער דאַמאָלסטדיגער אילומינאַציע מאַכען מיר אונזער י ו ם ־ ט ו ב ח נ ו כ ה און צינדען אָן ח נ ו כ ה ־ ל י כ ט.

נאָך פ. האַלפּערן.

חנוכה־ליכט.

„ב ר ו ך א ת ה“
זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט:
פון זיי שטראַלען
מילדע פאַלען
אויף זיין בלאַס געזיכט.

און אַ פייער,
הייליג, טייער,
אין די אויגען לייכט;
און דער מידער
מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלייכט.

א. רייזען.

חנוכה־געלט.

טרעפט, קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פון אַלע ימים־טובים? — חנוכה!

אַכט טעג כסדר נישט געהן אין חדר, עסען לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילען אין דריידעל און באַקומען פון אַלע זייטען חנוכה־געלט. נו, באַדאַרף מען נאָך אַ בעסערען יום־טוב?

ווינטער. דרויסען איז קאַלט, דער פראָסט ברענט מיט סכנות, די פענסטער זיינען פאַרקאָוועט, באַדעקט מיט שניי, צעמאָלט אויפ'ן שענסטען אַרט. און אין שטוב איז וואַרים — מחיה נפשות. דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפּעל שטעהט צוגעגרייט נאָך פון בייטאָג. דער טאַטע געהט אום איבער'ן שטוב, די הענט אַרונטער, און דאַוועט מעריב. אויסגעשטאַנען שמנה־עשרה, נעמט ער אַרויס פון טישקעסטעל אַ וואַקסען ליכטעל (דעם שמש), זאָגט עלינו און מאַכט צו אונז (צו מיר מיט מיין אינגערען ברודער מאָטעל):

— רופט אַריין די מאַמען. לאָז זי געהן הערען בענשען חנוכה־ליכטלעך.

איך און מיין ברודער מאָטעל לאָזען זיך לויפען ביידע איינס איבער'ן אַנדערען.

— מאַמע! גיכער, חנוכה־ליכטלעך!



די מאַמע וואַרפט אַוועק אַלע אַרבייט אין קיך (מען האָט געקוילעט גענז, מען פרעגעלט שמאַלץ, מען האָט גערעשטשינעט לאַטקעס) און לאָזט זיך לויפען אין שטוב אַריין, און נאָך איהר — ברײנע די קעכין,

אַ שוואַרצע אידענע מיט וואָנצעס, מיט אַ פעט פּ נ י ם און מיט ת מ י ד פעטע אויסגעשמירטע הענט. די מאַמע שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט און מאַכט אַ פרום פּ נ י ם. און ברײַנע די קעכין בלײַבט שטעהן בײַ דער טיר, ווישט זיך די הענט אָנ'ם קוטיגען פארטוך, טוט אַ שמיר מיט דער פעטער האַנט איבער דער נאָז פון אונטען אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצען צײַכען איבער'ן גאַנצען פּ נ י ם. מיר זײַנען שטאַרקער פון אײַזען, איך און מײַן ברודער מאָטעל, אַז מיר האַלטען זיך אײַן און שיסען ניט אויס קײַן געלעכטער.

דער טאַטע געהט צו מיט'ן אָנגעצונדענעם ש מ ש צום ח נ ו כ ה־לעמפּעל, בײַגט זיך אָן און מאַכט די ב ר כ ה מיט'ן באַקאַנטען נ י ג ו ן. די מאַמע ענטפערט מיט גרויס י ר א ת ש מ י ם „א מ ן", און ברײַנע שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און מאַכט ב ש ע ת מ ע ש ה אַזעלכע פּיס־קעס, אַז איך און מײַן ברודער מאָטעל האָבען מ ו ר א אַ קוק טון אײַנס אויף דאָס אַנדערע.

„ה נ ר ו ת ה ל ל ו א נ ו מ ד ל י ק י ן" — זאָגט דער טאַטע אונטער דער נאָז און שפּאַצירט אַרום הין און צוריק איבער'ן זאַל, קוקט אויפ'ן ח נ ו כ ה־לעמפּעל, זאָגט און זאָגט און הערט נישט אויף צו זאָגען. מיר וואָלטען וועלען, עס זאָל שוין האָבען אַן עק, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע, צום בײַטעלע. מיר ווינקען זיך איבער, שטופּען אונטער אײַנס דאָס אַנדערע:

— מאָטעל, געה צו, זאָג איהם ח נ ו כ ה־געלט.

— וואָס עפּעס איך זאָל זאָגען ח נ ו כ ה־געלט?

— אַזוי, וואָרום דו ביסט קלענער, באַדאַרפסטו בעטען ח נ ו כ ה־געלט?

און א פ ש ר, ווײַל דו ביסט עלטער, באַדאַרפסטו גאָר בעטען ח נ ו כ ה־געלט?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדען פון ח נ ו כ ה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט נישט. שטיל, נישט געכאַפּט, געהט ער צו צום טישקעסטעל און צעהלט געלט. עס געהט אונז איבער אַ קלײַן פרעס־טעל איבער'ן לײַב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקען אויף דער סטעליע, קראַצען זיך אונטער דער פּ א ה, מאַכען זיך כ ל מ ר'שט קאַלטבלוטיג, גלײַך ווי ניט אונז מײנט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— המ... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אײַך ח נ ו כ ה־געלט.

באַקומען אונזער ח נ ו כ ה־געלט, לאָזען מיר זיך געהן, איך און מײַן ברודער מאָטעל, פריהער פּאַוואָליע, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם גי־כער און גיכער מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענצעל, און ביז מיר

קומען אין אונזער ח ד ר׳ל אַרײַן, קאָנען מיר זיך ניט אײַנהאַלטען, קוליען זיך איבער דרײַ מאָל מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף, שפּרינ־גען אויף אײן פוס און זינגען אונטער:

אײנגע־בײנגע, סטופּע־צײנגע, אַרצע־באַרצע, גאָלע־שוואַרצע, אײ־מעלע־רײמעלע, בײגעלע־פּײגעלע, האָפּ!

און פאַר גרויס שמחה און התפעלות גיבען מיר זיך אַלײן צו צוױי פּעטש אין די באַקען. שלום־עליכם.

אין שניי.

בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבען דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיג בלאָזט.
גוט איז אונז איצטער בײַם פרײהליכען פײַער אין הויז!
ביז׳על דער נאַפּט אין דעם שטילינקען לעמפּעל געהט אויס,
ביז׳על דער זײגער טוט ברוגז׳ליך שעפּטשענען: — „שפּעט,
צײַט שוין צו ליעגען אין װײכען, און וואַרימען בעט!“ —
וועל איך בײַם וואָיען און בלאָזען פון ווינט
מעשה׳לעך, לידעלעך זינגען, דערצעהלען מײַן קינד.
אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזען אַ איד.

אונטער'ן אָרעם אַ פּעקעל, טויט־הונגעריג, מיד,
נאָר מיט ב י ט ח ו ן אין האַרצען צום האַר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלענד אין אָפענעם, שנייאיגען פעלד.
פעלד הינטער איהם און פאַר איהם אין דער ווייט, און דער ברייט,
שניי איז איהם איבער די קניה און דער וועג איז פאַרווייהט,
און ווי אַ פויגעל אַ ווילדער טראָגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אָן שניי, גיט אַ דרייה אין דער לופט און פאַרשווינדט,
קומט באַלד צוריק, רייסט דעם אידען די פאַלעס און באָרד,
קוים מיט די כ ו ח ו ת דער איד האַלט זיך איין אויפ'ן אָרט.
הייבט אויף דער איד צו דעם הימעל מיט ר ח מ י ם זיין בליק:
גאָטעניו, ברענג דו ב ש ל ו ם אַהיים מיך צוריק!
נאָר איבער איהם איז דער הימעל אַ גרויער ווי בליי,
און אַרום איהם טראָגט דער ווינט זיך אַ ווילדער און פריי.
הערט ניט דער הימעל דעם אידענס געבעט און געשריי,
שטויסט איהם דער ווינט און ער וואַרפט איהם אַ מידען אין שניי.
אויפשטעהן פון שניי האָט שוין מעהר ניט קיין כ ו ח דער איד,
עפּעס אַ פוילקייט אַ זיסע פילט אָן יעדעם גליד.
און אין די ביינער צעגיסט זיך אַ וואַרימע רוה,
אָט, און די אויגען פאַמעלינקע שליסען זיך צו.
פּלוצלונג — ער גלויבט זיך אַליין ניט, אַ קרעטשמע זאָל זיין?
ס'שלאָגט אין דער נאַכט פון אַ פענסטער אַ פרייהליכער שיין,
ס'ריפּעט דער ווינט מיט'ן טויער, מאַכט צו, עפענט אויף,
שליטענס געלאָדען מיט ס ח ו ר ו ת פול שטעהען אין הויף.
און ביי די שליטענס פאַרבונדענע שטעהען די פערד,
עסען דעם האָבער און רייסען דעם שניי ביז דער ערד.
פרייהט זיך דער איד, וואָס דער ב ו ר א האָט אין אַזאַ נאַכט
איהם צו אַ מענשליכען י ש ו ב ב ש ל ו ם געבראַכט.
קלאַפּט ער אין טיר, און מען עפענט איהם באַלד — ס'אַ פרייד!
פרייהליכע אידישע פּ נ י מ'ער, אידישע רייד!
איבער דער שטוב גיסט די הענג־לאָמפּ אַ ליכטיגקייט אויס.
ס'טראָגט זיך אַ ר י ח פון טאַביק און בראַנפען, און שווייס.
גיבען די אידען איהם „ש ל ו ם" — „פון וואַנען אַ איד?"
לאַכט ער: אַז ער האָט געלאָזט זיך צו־פוס פון י ר י ד,
און אַז דער וועג איז געוועזען אַ ביסעלע שווער,
האָט ער געבלאָנזשעט, ביז ער האָט געטראָפען אַהער.
לאַכען די אידען מיט איהם, נאָר זייערע ווערען באַלד שטיל...
יעדערענס האַרצען פילט אָן אַ ר ח מ נ ו ת־געפיהל,
יעדערענס פּ נ י ם און שטערען ווערט כמורנע, פאַרטראַכט.
„ווי לאָזט אַ איד זיך צו־פוס געהן אין אָט אַזאַ נאַכט?!"

ווערט באַלד דער טיש מיט מ א כ ל י ם און בראָנפען געגרייט,
וואַשט זיך צום עסען דער איד, מאַכט ה מ ו צ י א אויף ברויט,
זאָגט צו די אידען „ל ח י י ם!" — „ל ש ל ו ם, ר' איד!"
עסט ער און טרינקט, און אַ וואַרימע זאַטיגע פרייד
גיסט זיך, צעגעהט אין זיין האַרץ, אַזש ס'לייב ווערט איהם הייס,
ווישט מיט'ן האַנט ער פון פ נ י ם דעם וואַרימען שווייס.
עסט ער און טרינקט און ער עסט, אַזש עס געהט שוין ניט מעהר.
בענשט ער, און ס'שיינט אין זיין אויג אַ גאָטספאַרכטיגע טרער.
איצטער וואָלט ער מיט די אידען געשמועסט ביז שפעט!
אָבער עס וואַרט און עס ווינקט איהם די פוכאָווע בעט,
אָבער די ביינער, דערוואַרימטע, גאַרען צו רוה,
און ווי פון זיך זיינע אויגען האַלב שליסען זיך צו,
און צו דעם קישען עס ציהט זיך און נייגט זיך דער קאָפּ,
פאַלט ער אַזוי אין די קליידער אין בעט ווי אַ סנאָפּ.
פלוצלונג דערפיהלט ער — זיין האַלז ווערט צוזאַמענגעדריקט,
עמיצער וואַרפט זיך אויף איהם, אַזש דער אָטעם פאַרשטיקט!!!
און ער דערזעהט באַלד זיין ווייב און די קינדערלעך שטעהן,
ברעכען די הענט, ברעכען אוים אין אַ ווילדען געוויין.
אָ! ניט געוויינט האָט זיין ווייב און זיין לייבליכעס קינד,
נאָר איבער איהם אויפ'ן פעלד האָט געוואָיעט דער ווינט.
מאָרגען פריהמאָרגען, ווען שטיל נאָך געשלאָפען איז גאָט,
זיינען שוין ג ו י ם מיט שליטענס געפאָהרען אין שטאָט;
האָבען די ג ו י ם געפונען דעם אידען פאַרווייהט,
האָבען די ג ו י ם געפונען דעם אידען שוין טויט.

מאַני לייב.

דער ווינטער.

אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער,
קיין כ ו ח ו ת איז ניטאָ;
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

ער פרעגט קיינעם קיין ד ע ו ת,
ער קומט ווי צו זיך אַהיים,
מיט דער ווייסער באָרד און פ א ו ת,
מיט דער ווייסער, גרויסער ברעם.

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד,
מיט זיך אַ בעזעם טראָגט ער
און קערט, און קערט, און קערט.

מיט שנייִ געבעט די פעלדער,
פאַרפרוירען שטעהט דער וואַלד,
די פעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: קאַלט... ס׳איז קאַלט!...

מ. ווארשאַווסקי.

די מגילה פון אסתר.

א.

דאָס איז געווען אין דער צייט פונ׳ם קעניג אחשורוש, וואָס האָט געהערשט איבער הונדערט מיט זיבען און צוואַנציג מדינות. אויפ׳ן דריטען יאָהר פון זיין קעניגען האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר זיינע הארען און דיענער, פאַר די גענעראַלען און סאָלדאַטען און פאַר׳ן גאַנצען פאָלק פון זיין הויפטשטאָט שושן. אויך די קעניגין — ושתי — האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר די פרויען אינ׳ם קעניגליכען פאַלאַץ.

ווען דער קעניג איז געוואָרען פרייליך פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, האָט ער געזאָגט צו זיינע דיענער: „געהט ברענגט פאַר מיר די

קעניגין ו ש ת י אין איהר קעניגליכער קרוין; איך וויל באווייזען פאר אלע הארען, ווי שען זי איז". האט די קעניגין ניט געוואלט פאלגען דעם קעניג און איז ניט געקומען. איז דער קעניג אויפגעבראכט געווארען און עס האט אין איהם געברענט זיין צארן.

האט מ מ ו כ ן, איינער פון די הארען, געזאגט צום קעניג: „ניט נאר קעגען דיר, קעניג, האט געזינדיגט די קעניגין ו ש ת י, נאר קעגען אלע מענער. אלע פרויען וועלען איצט אויפהערען צו פאלגען זייערע מאנען. זיי וועלען זאגען: אט האט די קעניגין ו ש ת י א פ י ל ו דעם קעניג ניט געפאלגט. שיק דערפאר אוועק די קעניגין ו ש ת י און נעם אויף איהר ארט אן אנדערע, א בעסערע פון איהר".

איז דאס דעם קעניג געפעלען געווארען און ער האט אזוי געטאן.

ב.

ווען דער קעניג איז אפגעאנגען פון כ ע ס, האבען זיינע הויפלייט איהם געראטען: „מען זאל פון אלע מ ד י נ ו ת צונויפקלייבען די שענע מיידלעך אין דער הויפשטאט ש ו ש ן. און די מיידעל, וואס וועט דעם קעניג געפעלען ווערען מעהר ווי אלע אנדערע, וועט זיין קעניגין אנשטאט ו ש ת י ' ן". האט דער קעניג אזוי געטאן.

און אין ש ו ש ן איז געווען א איד מ ר ד כ י. האט ער געהאדעוועט זיינע א שוועסטערקינד, א ס ת ר, ווייל זי האט ניט געהאט קיין פאטער און מוטער. איז א ס ת ר געווען זעהר א שענע. און ווען מען האט צונויפגעקליבען די מיידלעך אין ש ו ש ן, האט מען א ס ת ר'ן אויך צוגענומען אין קעניגליכען פאלאץ.

איז א ס ת ר געפעלען געווארען דעם קעניג מעהר פון אלע מיידלעך, און ער האט זי ליב באקומען מעהר פון אלע פרויען. האט ער איהר אנגעטאן די קעניגליכע קרוין און געמאכט פאר א קעניגין אנשטאט ו ש ת י'ן. און אסתר האט ניט דערצעהלט, פון וועלכען פאלק זי שטאמט און פון וועלכען לאנד זי קומט, ווייל אזוי האט מ ר ד כ י איהר געהייסען. און מ ר ד כ י'ן האט א ס ת ר געפאלגט איצט, אזוי ווי זי האט איהם געפאלגט פריהער, ווען זי האט זיך ביי איהם געהאדעוועט.

און מ ר ד כ י איז געזעסען אין טויער פונ'ם קעניגליכען הויף. האט איינמאל געטראפען, אז צוויי פון דעם קעניגס דיענער האבען געוואלט אומברענגען דעם קעניג. האט זיך מ ר ד כ י דערפון דערוואוסט און איבערגעגעבען א ס ת ר'ן. האט א ס ת ר דאס דערצעהלט דעם קעניג אין מ ר ד כ י'ס נאמען. און מען האט אויסגעפארשט די זאך, ערשט עס איז געווען ריכטיג. האט מען אויפגעהאנגען די צוויי דיענער און מען האט די זאך פארשריבען אין די ביכער פונ'ם קעניג.

ג.

נאָכדעם האָט דער קעניג דערהויבען ה מ ן ב ן ה מ ד ת א דעם א ג ג י, און געשטעלט איהם איבער אַלע זײַנע הארען. און אַלע הויפ־לײַט פונ׳ם קעניג האָבען זיך גענייגט און געבוקט פאַר ה מ נ׳ען, ווײַל אַזוי האָט דער קעניג באַפוילען; נאָר מ ר ד כ י האָט זיך ניט גע־שטעלט און ניט גענייגט פאַר המנ׳ען.

איז ה מ ן געוואָרען אין כ ע ס אויף מ ר ד כ י׳ן, ווײַל יענער בוקט זיך ניט פאַר איהם. אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט מ י א ו ם מאַכען מיט מ ר ד כ י׳ן אַליין, ווײַל מען האָט איהם דערצעהלט, פון וועלכען פאָלק מ ר ד כ י שטאַמט. און ה מ ן האָט באַשלאָסען אומ־צוברענגען אַלע אידען, וואָס זײַנען אין דעם קעניגרײַך פון א ח ש ו ר ו ש׳ן, דאָס פאָלק פון מ ר ד כ י׳ן.

האָט ער געזאָגט צום קעניג: „עס איז פאַראַן אַ פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישען די פעלקער פון דײַן קעניגרײַך. זיי האָבען אַנדערע געזעצען און מ נ ה ג י ם, זיי פאָלגען ניט די באַפעהלען פונ׳ם קעניג און עס איז ניט כ ד א י, דער קעניג זאָל זיי לאָזען לעבען. לאָז דער קעניג דעריבער מיר דערלויבען צו פאַרניכטען זיי און איך וועל דערפאַר געבען דעם קעניג צעהן טויזענט כ י כ ר זילבער“.

האָט דער קעניג אַראָפּגענומען זײַן רינג פון האַנט, איבערגעגעבען ה מ נ׳ען און געזאָגט: „דײַן געלט דאַרף איך ניט, און מיט׳ן פאָלק קאָנסטו טאָן, ווי דיר געפעלט“.

האָט ה מ ן צונויפגערופען די קעניגליכע שרײַבער און געהייסען אָנשרײַבען צו די פאַרוואַלטער פון אַלע מ ד י נ ו ת פונ׳ם קעניג א ח ש ו ר ו ש, אַז אינ׳ם דרײַצעהנטען פונ׳ם ח ו ד ש א ד ר זאָלען זיי זעהן פאַרטיליגען, אויס׳ה ר ג׳ענען און פאַרניכטען אַלע אידען, יונג און אַלט, קינדער און פרויען, און צערויבען זייער גוטס.

די רײַטער זײַנען מיט׳ן באַפעהל אַרויסגעפאָרען פון שטאָט אין אַלע עקען פון קעניגרײַך, און אויך אין ש ו ש ן, דער הויפטשטאָט, האָט מען דעם זעלביגען געזעץ אַרויסגעגעבען. זײַנען די אידען פון ש ו ש ן צעטומעלט געוואָרען.

ד.

און מ ר ד כ י האָט געוואוסט אַלץ, וואָס עס ווערט דאָ אָפּגעטאָן. האָט ער צעריסען זײַנע קליידער, אָנגעטאָן אַ זאַק, באַשאָטען דעם קאָפּ מיט אַש, איז געגאַנגען איבער דער שטאָט און האָט הויך און ביטער געשריען. און אין יעדען אָרט, וואוהין עס איז אָנגעקומען דער באַפעהל פונ׳ם קעניג, האָבען די אידען געפאַסט און געוויינט און געקלאָגט.

זײַנען געקומען א ס ת ר׳ס דיענערינס און איהר דערצעהלט וועגען דעם. איז א ס ת ר פאַרציטערט געוואָרען. און זי האָט געשיקט מ ר ד כ י׳ן קליידער, ער זאָל זיי אָנטאָן און אויסטאָן דעם זאַק; האָט ער

די קליידער ניט צוגענומען. האָט אסתר געשיקט התכ'ן, א דיענער פונ'ם קעניג, צו מרדכי'ן, ער זאָל ביי איהם דערוויסען, וואָס איז די סבה פון זיין טרויער. האָט איהם מרדכי דערצעהלט אלץ, וואָס עס האָט געטראָפען, און געוויזען דעם באַפעהל, וואָס דער קעניג האָט אַרויסגעגעבען, צו פאַרטיליגען די אידען, און געהייסען וויזען אסתר'ן. און ער האָט אויך געהייסען זאָגען אסתר'ן, זי זאָל געהן צום קעניג און בעטען ביי איהם פאַר איהר פאָלק. האָט התך דאָס איבערגעגעבען אסתר'ן.

האָט אסתר ווידער געשיקט זאָגען מרדכי'ן: „אַלע וויסען, אַז אַ מאַן אָדער אַ פרוי, וואָס קומט צום קעניג אין הויף ניט גערופענער־הייט, איז זיין שטראָף — געטויט צו ווערען. און מיך האָט דער קעניג ניט גערופען צו זיך שוין דרייסיג טעג“.

האָט מרדכי געהייסען ענטפערן אסתר'ן: „זאָלסט ניט מיי־נען, אַז דו וועסט איינע פון אַלע אידען ניצול ווערען אינ'ם קעניגס הויף. אויב דו וועסט איצט שווייגען, וועט פאַר די אידען קומען אַ הילף ערגעץ פון אַן אַנדער אָרט, און דו און דיין פאָטערס הויז וועט פאַרלאָרען געהן“.

האָט אסתר געהייסען זאָגען מרדכי'ן: „געה זאַמעל צונויף אַלע אידען פון שושן און פאַסט דריי טעג; און איך מיט מיינע דיענערינס וועל אויך פאַסטען. און נאָכדעם וועל איך געהן צום קעניג ניט גערופענערהייט; ווייל איך בין שוין סיי ווי פאַרלאָרען“.

האָט מרדכי געטאָן אַזוי, ווי אסתר האָט איהם געהייסען.

ה.

אויפ'ן דריטען טאָג האָט אסתר אָנגעטאָן איהרע קעניגליכע קליידער און איז אַריין אינ'ם קעניגליכען הויף. האָט דער קעניג דער־זעהן אסתר'ן, איז זי איהם זעהר געפעלען געוואָרען. האָט ער איהר אויסגעשטרעקט דעם גאָלדענעם רוט. איז אסתר צוגעגאַנגען און אָנגערירט זיך אָנ'ם רוט.

פרעגט ביי איהר דער קעניג: „וואָס ווילסטו, קעניגין אסתר, וואָס בעטסטו? ביז אַ האַלבער מלוכה — וועט דיר געגעבען ווע־רען“.

האָט אסתר געזאָגט: „אויב דעם קעניג געפעלט, זאָל ער היינט קומען צוזאַמען מיט המנ'ען צום מאָלצייט, וואָס איך האָב פאַר איהם צוגעגרייט“.

האָט דער קעניג געשיקט שנעל נאָך המנ'ען. און זיי זיינען גע־גאַנגען צום מאָלצייט. און אויפ'ן מאָלצייט האָט ער ווידער געפרעגט ביי אסתר'ן: „וואָס בעטסטו, קעניגין אסתר? ביז אַ האַלבער מלוכה — און איך וועל דיר געבען“.

האָט אסתר געזאָגט: „איך בעט נאָר, אַז דער קעניג און המן

זאָלען אויך מאָרגען קומען צום מאַלצייט, וואָס איך וועל פאַר זיי צוגרייטען".

און ה מ ן איז אַרוים פונ'ם מאַלצייט אַ פריילעליכער און אַ צופרידענער. נאָר ווען ער האָט דערזעהן מ ר ד כ י'ן ביים קעניגס טויער, און יענער האָט זיך פאַר איהם ניט אויפגעהויבען און זיך פון אָרט ניט גערירט, איז ער געוואָרען שרעקליך בייז, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטען. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דערצעהלט זיין ווייב ז ר ש און זיינע גוטע פריינד וועגען זיין רייכקייט און וועגען זיינע פיעל זיהן און וועגען דעם, אַז דער קעניג האָט איהם דערהויבען איבער אַלע זיינע הארען. און אַז די קעניגין א ס ת ר האָט צוזאַמען מיט'ן קעניג איינגעלאַדען צו איהר מאַלצייט נאָר איהם, ה מ נ'ען. „נאָר דאָס אַלץ גיהט מיר ניט איין, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — ווען איך דערזעה דעם אידען מ ר ד כ י ביים טויער פון קעניגס הויף".

האָבען איהם ז ר ש זיין ווייב און זיינע גוטע פריינד געזאָגט: „זאָל מען מאַכען אַ קלאָץ, פופציג איילען די הייך, און דו זאָג אין דער פריה דעם קעניג, מען זאָל אויף איהר אויפהענגען מ ר ד כ י'ן. און דאַמאָלסט וועסטו קאָנען אַ פריילעליכער געהן מיט'ן קעניג צום מאַלצייט".

איז דאָס ה מ נ'ען געפעלען געוואָרען, און ער האָט געמאַכט די קלאָץ.

ו.

יענע נאַכט האָט זיך דעם קעניג ניט געשלאָפען. האָט ער געהייסען ברענגען דעם ס פ ר ־ ה ז כ ר ו נ ו ת און לייענען פאַר איהם. איז דאָרטען געווען פאַרשריבען, ווי מ ר ד כ י האָט דערצעהלט וועגען די צוויי דיענער, וואָס האָבען געוואָלט אומברענגען דעם קעניג א ח ש ו ר ו ש. האָט דער קעניג געפרעגט: „מיט וואָס פאַר טייערע און גרויסע זאַכען האָט מען מ ר ד כ י'ן באַלוינט דערפאַר?" האָבען די דיענער געענטפערט: „מען האָט איהם מיט גאָרנישט דערפאַר ניט באַלוינט".

האָט דער קעניג געפרעגט: „ווער איז פאַראַן אין הויף?"

און ה מ ן איז געקומען אין הויף; ער האָט געוואָלט בעטען דעם קעניג, מען זאָל אויפהענגען מ ר ד כ י'ן אויפ'ן קלאָץ, וואָס ער, ה מ ן, האָט פאַר איהם צוגעגרייט. האָט מען געזאָגט דעם קעניג, אַז ה מ ן איז אין הויף. זאָגט דער קעניג: „זאָל ער אַריין!"

איז ה מ ן אַריין. פרעגט איהם דער קעניג: „וואָס דאַרף מען טאָן אַ מענשען, וואָס דער קעניג וויל איהם טייער האַלטען?"

קלערט ה מ ן: „וועמען וויל דער קעניג מעהר טייער האַלטען, ווי מיך?" זאָגט ער: „פאַר אַזאַ מענשען דאַרף מען ברענגען אַ קעניגליך קלייד און אַ קעניגליך פערד, און מען דאַרף איהם אָנטאָן דאָס קלייד, און אַרויפזעצען אויפ'ן פערד און פיהרען איהם איבער דער שטאָט און

אויסרופען: אזוי טוט מען א מענשען, וואס דער קעניג וויל איהם טייער האלטען".

האט דער קעניג געזאגט: „געה שנעל, נעם דאס קלייד און דאס פערד און טו מ ר ד כ י דעם אידען, וואס זיצט אין טויער פון קעניג־ליכען הויף, אזוי ווי דו האסט געזאגט; זאל קיין האר ניט פעהלען!"

האט ה מ ן גענומען דאס קלייד און דאס פערד, האט אנגעטאן מ ר ד כ י'ן, געפיהרט איהם איבער דער שטאט און אויסגערופען: אזוי ווערט געטאן א מענשען, וואס דער קעניג וויל איהם טייער האלטען".

און מ ר ד כ י האט זיך אומגעקערט צום טויער פון הויף, און ה מ ן האט אוועקגעאיילט אהיים א טרויעריגער מיט אן אראפגע־לאזטען קאפ. און ער האט דערצעהלט זיין ווייב ז ר ש און זיינע גוטע פריינד, וואס מיט איהם האט געטראפען. האבען זיי איהם געזאגט: „אויב מ ר ד כ י איז א איד, איז קוים האסטו אנגעהויבען צו פאלען פאר איהם, וועסטו שוין פאלען און פאלען".

און ווי זיי רעדען אזוי, קומען אן דעם קעניגס דיענער און הייסען ה מ נ'ען שנעל געהן צום מאלצייט, וואס א ס ת ר האט געמאכט.

ז.

אויפ'ן מאלצייט פרעגט דער קעניג ווידער ביי א ס ת ר'ן: „וואס בעטסטו, קעניגין א ס ת ר? ביז א האלבער מ ל ו כ ה — און איך וועל דיר געבען".

זאגט א ס ת ר: „אויב איך געפעל דעם קעניג, און אויב דער קעניג וויל, זאל מיר געשענקט ווערען מיין לעבען און מיין פאלק, ווייל מיר זיינען פארקויפט געווארען, מען זאל אונז פארטיליגען, ה ר ג'ענען און אומברענגען".

זאגט דער קעניג: „און ווער איז דאס דער, וואס האט געוואגט אזוי צו טאן?"

זאגט א ס ת ר: „א שלעכטער מענש, א פיינד, אט דער ר ש ע ה מ ן!"

איז ה מ ן פארציטערט געווארען. און דער קעניג איז אויפגע־שטאנען א צארנדיגער. האט ח ר ב ו נ ה, איינער פון די דיענער, געזאגט דעם קעניג: „אט האט ה מ ן נאך געמאכט א קלאץ פאר מ ר ד כ י'ן, וואס האט דערצעהלט דעם קעניג א גוטע זאך. זי שטעהט ביי ה מ נ'ען אין הויז". זאגט דער קעניג: „הענגט איהם אויף אויף איהר!"

האט מען אויפגעהאנגען ה מ נ'ען אויפ'ן קלאץ, וואס ער האט אנ־געגרייט פאר מ ר ד כ י'ן. און דער קעניג איז אפגעגאנגען פון כ ע ס.

ח.

יענעם טאָג האָט דער קעניג אחשורוש אװעקגעגעבען אסתר'ן המנ'ס הויז. און מרדכי איז געקומען פאַר'ן קעניג, װייל אסתר האָט דערצעהלט, װאָס מרדכי קעהר זיך אָן מיט איהר. האָט דער קעניג אָפּגעגעבען מרדכי'ן דעם רינג, װאָס ער האָט אָפּגענומען ביי המנ'ען, און אסתר האָט געגעבען מרדכי'ן המנ'ס הויז.

און אסתר האָט װידער געבעטען דעם קעניג, ער זאָל אַראָפּנעמען דאָס שלעכטס, װאָס המן האָט געטראַכט צו טאָן די אידען.

האָט דער קעניג געזאָגט: „שרייבט אָן װעגען די אידען אינ'ם נאָמען פונ'ם קעניג, װאָס אייך געפעלט, און חת'מ'ט דאָס מיט דעם קעניגס רינג און צעשיקט דאָס איבער אַלע מדינות". האָט מען גערופען די שרייבער, און זיי האָבען אָנגעשריבען אינ'ם נאָמען פון קעניג, אַז דער קעניג דערלויבט די אידען אין יעדען אָרט צו שטעלען זיך אינ'ם דרייצעהנטען טאָג אין חודש אדר קעגען זייערע פיינד און צו פאַרניכטען דאָס גוטס פון די פיינד, װאָס שטעלען זיך זיי אַנט־קעגען.

און מרדכי איז אַרוים פונ'ם קעניג אין אַ קעניגליכען קלייד, אין אַ גרויסער גאָלדענער קרוין און אין אַ פּורפּולנעם מאַנטעל. און אין דער שטאָט שושן איז געװען פריילאך. און אין יעדער שטאָט, װאו עס איז אָנגעקומען דער באַפעהל פונ'ם קעניג, איז ביי די אידען געװען ששון ושמחה.

ט.

און דעם דרייצעהנטען אדר האָבען זיך די אידען אין יעדער שטאָט פאַרזאַמעלט צו שטעלען זיך אַנטקעגען זייערע פיינד. און קיינער איז קעגען זיי ניט ביייגעשטאַנען, װייל זייער מורא איז אָנגעפאַלען אויף אַלעמען. און אַלע האַרען און באַאַמטע האָבען דער־הויבען די אידען, װייל עס איז אויף זיי אָנגעפאַלען די מורא פאַר מרדכי'ן.

און די אידען האָבען יענעם טאָג גע'הרג'עט אַ סך פון זייערע פיינד און אויפגעהאַנגען המנ'ס צעהן זיהן. און אויף מאָרגען, דעם פערצעהנטען אדר, האָבען זיי געמאַכט אַ יום־טוב, אַ טאָג פון פרייד און פון אַ סעודה.

און אין שושן און אין אַלע פעסטונג־שטעט האָבען די אידען געשלאָגען זייערע פיינד אויך דעם פערצעהנטען אדר און זיי האָבען אָפּגערוהט דעם פופצעהנטען אדר און געמאַכט איהם פאַר אַ טאָג פון פרייד, פאַר אַ יום־טוב.

און מרדכי האָט אָנגעשריבען בריף און פאַנאַנדערגעשיקט צו די אידען אין אַלע מדינות פונ'ם קעניג אחשורוש, און

ער האָט געפאָדערט, זיי זאָלען אויף ווייטער יעדעס יאָר מאַכען דעם פערצעהנטען און דעם פופצעהנטען טאָג אין אדר פאַר א יום־טוב, פאַר אַ טאָג פון פרייד און פון מאָלצייט, פון שיקען שלח מנות איינער צום אַנדערן און מתנות צו אָרימעלייט. און די אידען האָבען דאָס גענומען אויף זיך, און זיי מאַכען דעם יום־טוב פורים פון דור צו דור, פון משפחה צו משפחה, אין יעדער שטאָט און אין יעדער מדינה. און קיינמאָל וועלען די דאָזיגע טעג פון פורים ניט פאַרבייגעהן און ניט פאַרגעסען ווערען פון צווישען די אידען.

פון תנך.

צו דער מגילה.

פאַרנאַכט האָט מיר דער טאַטע געזאָגט :

— טו זיך אָן אויף גיך, מיר וועלען באַלד געהן קלאַפּען המנ׳ען, — און ער האָט מיר געגעבען אַ נייעם ווייסען בלישטשענדיגען בלעכענעם גראַגער.

איך האָב זיך דערפרייהט, האָב אָנגעהויבען פּרוּוען מיין גראַגער און בין מיט איילענדיגע טריט נאָכגעלאָפען מיין טאַטען אין שוהל אַריין.

די שוהל איז געווען באַלויכטען און אָנגעפּאַקט פול מיט אידען. איך מיט נאָך אַ סך אינגלעך האָבען זיך אויסגעשטעלט אויף די בענק מיט די גראַגערס אין די הענט. פון מיינע חברים האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען וועט באַלד לייענען אַ מגילה, און ווען מען קומט צו המנ׳ען, דאַרף מען קלאַפען, שלאָגען.

— איך וועל שטאַרק קלאַפּען ! — האָט זיך איינער באַרימט און אַ מאַך געטאָן מיט דעם גראַגער אין דער לופטען.

— אָ, איך וועל נאָך שטאַרקער קלאַפּען ! — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופען און אַ טופּע געטאָן מיט דעם פוס.

אַלע האָבען דאָסזעלבע געטאָן און די באַנק האָט געציטערט.

דער שמש האָט געגעבען אַ פּאַטש אין טיש. עס איז געוואָרען שטיל. איינער האָט אָנגעהויבען לייענען. מען לייענט און מען לייענט און עס איז שטיל. די גראַגערס ציטערן שטיל אין אונזערע הענט ; מיר שטעהען קוים איין ; מיר קאָנען זיך ניט איינהאַלטען. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע זיינען מיר גרייט אָנצוהייבען קלאַפען המנ׳ען, נאָר עס איז שטיל און מען לייענט ווייטער. איך לאָז ניט אַראָפּ די אויגען פון מיינע חברים און פון זייערע גראַגערס — איך זאָל גלייך מיט זיי אָנהייבען שלאָגען המנ׳ען. זיי קוקען אויך

אייַנער אויף דעם אַנדערען און אויף מיר. יעדער וויל זייַן דער ערשטער; קיינער וויל ניט זייַן דער לעצטער.

פלוצלונג דערהערען מיר אַ געשריי: „ה מ ן!“ און אונזערע הענט האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייַטען. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער גערויש פון דעם גראַגערן און פון דעם קלאַפּען מיט די פיס . . . און באַלד ווייַטער אַ געשריי „ה מ ן!“, און מיר כאַפּען זיך ווידער צו אונזערע גראַגערס; דער ר ע ש ווערט נאָך גרעסער. נאָך אַ מינוט, טראַך — ווייַטער „ה מ ן!“ אַלע מינוט „ה מ ן“ און „ה מ ן“. מייַנע הענט אַרבייַטען מיט אַלע קרעפטען. א פ י ל ו אַלטע אידען קלאַפּען ה מ נ׳ען מיט די פיס. עס איז אַ גרויסער טומעל; אַלע קלאַפּען, גראַגערן, שרייַען, לאַכען. אַלע ק ו ל ו ת פאַרמישען זיך צוזאַמען און עס הודיעט און עס ציטערט די לופט.

נאָך דער מ ג י ל ה בין איך געקומען אַהיים אַ פריילעכער, אַ צופרידענער. נאָך אַזוי פיעל גראַגערן, קלאַפּען און אַרבייַטען בין איך די גאַנצע נאַכט זיס און געשמאַק געשלאָפען.

אויף מאָרגען זייַנען מיר אַלע אויפגעשטאַנען י ו ם - ט ו ב׳דיג. פיעל פרייַנד האָבען אונז געשיקט „ש ל ח - מ נ ו ת“, און אָרימע לייַט האָט מען בייַ אונז געטיילט געלט דעם גאַנצען טאָג.

מ. ספּעקטאָר.

שלח-מנות.

אייַנגלעך — בליץ און בעקלעך — פלאַם,
דאָס היטעל אויף אַ זייַט, —
לויפט קליינ׳ן מ ש ה ׳לע אַהיים,
י ו ם - ט ו ב׳דיג פאַרשמייַט.

ר׳האָט ש ל ח - מ נ ו ת אייַנגעקויפט:
צוויי צוקערלעך מיט בערד,
טייַבעלעך און פייגעלעך,
אַ פישעל און אַ פערד.

זיצט קליינ׳ם מ ש ה ׳לע און טראַכט:
ווער אינגער, עלטער — ווער?
ווער דאַרף שיקען פריהער איהם,
און ווען פריהער ער?

פלוצלונג — ערשט פיץ־ח י י מ׳ל
די טיר האָט אויפגעמאַכט:
„אַ גוט פ ו ר י ם, מ ש ה׳לע!
ש ל ח ־ מ נ ו ת דיר געבראַכט!“

— ח י י מ׳ל מיין ח ב ר׳ל,
איך האָב אַ פיש פאַר דיר!
כ׳גיב דיר אויך די פייגעלעך,
נאָר ס׳פערדעל לאָז איך מיר.

א. ראָזעט.

צו דער סעודה

א

אז ס׳איז געקומען דער גוטער, דער ליבער טאָג פ ו ר י ם, האָב איך פון גאַנץ פריה אָן ־אוין אַרויסגעקוקט אויף דער ח ב ר ה פ ו ר י ם־שפילער, וואָס געהען פון שטוב צו שטוב, און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע אינגלעך לויפען זיי נאָך פון הינטען מיט באַרוועסע פיס אויפ׳ן שניי. פאַרוואָס קאָן איך נימ זיין אין דער כאַליאַסטרע? ניין! איך טאָר נישט, וואָרים איך בין אַ נ ג י ד׳ס אַ אינגעל און דעם זיידען ר ב מ א י ר׳ס אַן אייניקעל, באַדאַרף איך ליעגען ווי אַ הונט אַ גאַנצען טאָג אין שטוב און געהן מיט אַלע גרויסע צום זיידען ר ב מ א י ר צו דער ס ע ו ד ה.

אַ גרויסער זאַל מיט אַ גרויסען זילבערנעם הענגלייכטער, וואָס הענגט אַראָפ פון דער מיט סטעליע. טאָמביקענע העסעם אויף די ווענט. אַ גרויסע, שווערע, זילבערנע מ נ ו ר ה אויפ׳ן טיש מיט אַ ס ך זילבערנע לייכטער, וואָס די באָבע נ ח מ ה נעמט זיי אַרויס נאָר צוויי מאָל אין יאָר: פ ס ח צום ס ד ר און פ ו ר י ם צו דער ס ע ו ד ה, און עס ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך.

אויבען־אָן, אויף אַ גרויסען שטול, מיט גרינע באַצויגען, זיצט דער זיידע ר ב מ א י ר אַליין, — אַ קליין אידעל, מיט אַ שיטער בערדעל, מיט אַ ביסעל אַן אויסגעבויגענער נאָז, מיט זילבערנע האָר און מיט שוואַרצע יונגע אויגען. אָנגעטאָן געהט ער אין אַ לאַנגער זיידע־נער קאַפּאָטע מיט אַ געפלאַכטענעם גאַרטעל און מיט אַ שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ. אַנטקעגען איהם אויפ׳ן טיש זיצט אַגרויסער, אַ מ ו ר א׳־דיגער, אַ געפלאָכטענער פ ו ר י ם־קוילעטש, אַן אָנגעהויבענער שוין, מיט זאַפּרען פאַרגעלט און מיט ראָזינקעס אַרומגעשטעקט.

פונקט אין מיטען זיצט די באָבע נ ח מ ה, אַ הויכע אידענע,

נאָך גאָר אַ שענע, אויסגעפּוצט אין אַ גאָלדפּאַרביג זײַדען קלײד מיט ווײַסע עפּעל, מיט אַ שטערענטיכעל פון דימענטען מיט בריליאַנטען, מיט רײַכע פּערעל אויפ׳ן האַלז, מיט אוירינגלעך און מיט פינגערלעך. לעבען איהר שטעהט אַ גרויסער פּאַלומעסיק מיט הײַסע, שמעקענדיגע, געצוקערטע און געפּעפּערטע פיש, פּאַרפּראַװעט מיט ציבעלעס, מיט ראָזינקעס און מיט אַלערלײ געווירצען. די באָבע טײַלט אויס די פיש, די שענע זײַדענע פּאַטשײלע פּאַרקאַטשעט אונטער די אויערן מיט צווײ שפּיצען. די דימענטען מיט די בריליאַנטען ב ש ע ת מ ע ש ה פינקלען און שעמערירען, און דאָס פּ נ י ם שײַנט און שמײכעלט.

אַרום און אַרום טיש פון בײדע זײַטען זיצען די פעטערס מיט די מומעס, אַלע מיט זײערע קינדער, אינגלעך און מײדלעך. צונויפגע־קליבען זיך אַלע צו דער ס ע ו ד ה, זעצט דער זײדע אַלײן אויס דעם גאַנצען טיש. דער זײדע ר ב מ א י ר האָט ליב, ס׳זאָל זײַן שען און רײן און ציכטיג און מיט אַ ס ד ר — עס קומט אויס גוט: אַ פעטער זיצט לעבען אַ פעטער, אַ מומע לעבען אַ מומען, און אונז קלײנ־װאַרג זעצט מען אויס אַזוי, אַז ס׳זאָל אויסקומען נישט אַ ברודער מיט אַ ברודער און אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער, מ ח מ ת אײגענע קאָנען ניט הויזען. נאָר מיך האָט מען אַנידערגעזעצט מיט מײַן מ ל א ך־ ה מ ו ת, דעם ר ב י׳ן ר ב איצי׳ן. דער ר ב י ר ב איצי איז בײַ מיר נישט נאָר אַ מ ל מ ד, אַ לערער, נאָר אויך אַ מ ד ר י ך, אַ וועג־ווײַזער צו לערנען מיך ד ר ך ־ א ר ץ, ווי אַזוי צו זיצען בײַם טיש און ווי אַזוי צו עסען.

— ווען דו זיצסט בײַם טיש — אַזוי האָט מיך געלערנט ר ב איצי — זאָלסטו זיצען ווי אַ מענש. דו זאָלסט קוקען גלײַך און די הענט זאָלסטו האַלטען אונטער׳ן טיש, און נישט רעדען בײַם עסען. און אַז דו עסט לאָקשען מיט יויך, זאָלסטו אָננעמען מיט׳ן לעפעל פּונקט אַזוי פיעל לאָקשען, וויפיעל יויך; אַ זופּ יוך און אָװעקגעלייגט דעם לע־פעל און אָפּגעווישט די ליפּען; און ווידער אַ זופּ יויך און ווידער אַוועק־געלייגט דעם לעפעל און אָפּגעווישט די ליפּען, נישט כאַפּען אײן לעפעל נאָכ׳ן אַנדערען.

ש ו ש נ ת י ע ק ב!

אַזוי הײבט אָן דער זײדע צו זינגען מיט זעהר אַן אַנגענעמער שטימע טאַקע ת י כ ף נאָכ׳ן ערשטען גלעזעל ווײַן, און קנאַקט צו ב ש ע ת מ ע ש ה מיט׳ן פינגער און דער גאַנצער ע ו ל ם כאַפּט אונטער: „צ ה ל ה ו ש מ ח ה!“ אויף אַלערלײ ק ו ל ו ת אַלע מאָל העכער און העכער.

ב

— געקומען די פּ ו ר י ם ־ שפּילער! — רופט זיך אָן ת נ ח ו ם

דער מ ש ר ת, א איד אין א רויטער קאפאטע, וואס זאגט אלעמען „דו", א ח ו ץ דעם זיידען מיט דער באבען.

דערהערט פ ו ר י ם־שפּיעלער, שפּרינגען מיר קליינוואַרג אלע אין איין ר ג ע אַרויס פונ'ם טיש, און מיר שטעהען שוין אלע אַרום דעם קעניג א ח ש ו ר ו ש מיט דער גילדענער קרוין.

— גוט י ו ם ־ ט ו ב ! — שיסען אויס די ח ב ר ה אלע מיט אמאל גאַנץ פריילעך און מען שטעלט זיך אויס אין צוויי ציילען. אויף א גילדערנער שטול זיצט דער קעניג א ח ש ו ר ו ש, און עס טרעט אַרויס אויף איין פוס מ מ ו כ ן (ח י י ם שמייסער) און זינגט:

„בין איך מיר מ מ ו כ ן פון די א ח ש ת ר נ י ם,
נאָך גאַר א יונגער הער — דאס זעהט איהר אין מיין פ נ י ם".

— דו ביסט י ו ס ף ה צ ד י ק ? — רוף איך מיך אָן צו פייוועל דעם י ת ו ם, וואס שטעהט ביי דער זייט, מיט אַן אויסגעמידט, פאַר־אומערט פ נ י ם.

— י ו ס ף ה צ ד י ק — מאַכט צו מיר פייוועל.

— דו וועסט אויך שפּילען ? — פרעג איך איהם.

— אז מען וועט מיר הייסען שפּילען, וועל איך שפּילען — מאַכט צו מיר י ו ס ף ה צ ד י ק און בייגט זיך אָן צו מיר צום אויער, — גיב מיר א שטיקעל קוילעטש פון אייער פ ו ר י ם־קוילעטש.

— מען וועט דערזעהן, וועט מען זיך בייזערן — מאַך איך צו איהם שטילערהייט.

— שלעפּ אַוועק אזוי, אז קיינער זאל ניט זעהן, — זאָגט ער צו מיר און די אייגעלעך בלישצען, — איך בין טויט־הונגעריג, פון גאַנץ פריה אָן נאָך אין מיין מויל ניט געהאַט...

דער גאַנצער ע ו ל ם איז פאַרטיפט אין דער „שפּיל". געה איך צו פּאָוואָלינקע צום טיש, פאַרלייג די האַנט אהינטער, שלעפּ אַוועק א שטיק קוילעטש און רוק דאס איהם אַריין אין האַנט אַריין. י ו ס ף ה צ ד י ק לאָזט אַראָפּ קונציג דאָס שטיקעל קוילעטש אין קעשענע אַריין און טוט מיך א קוועטש ביי דער האַנט:

— ביזט א וואויל איינגעל, געבען זאל דיר גאָט אלדאס גוטס!

דער זיידע גיט דעם קעניג א ח ש ו ר ו ש אין האַנט אַריין א זילבערנע מ ט ב ע, און הייסט ת נ ח ו ם דעם מ ש ר ת ער זאל נעמען א בעזעם און אויסראַמען די בלאַטע, וואס די „קאָמעדיאַנ־טשיקעס" האָבען אָנגעמאַכט... אין שטוב ווערט א שטיקעל ב ה ל ה, א רוקעריי מיט די בענקלעך, און ב ש ע ת די מ ש פ ח ה האַלט אין אויסזעצען זיך צוריק אויף די ערטער, כאַפּ איך מיך דערווייל אַרויס אויף א מינוט באַגלייטען די ח ב ר ה.

— קום — מאַכט צו מיר י ו ס ף ה צ ד י ק — קום צום קעניג

אחשורוש, מיר שפּילען שוין היינט מעהר נישט. דאָס געהען מיר צום קעניג אחשורוש צו דער סעודה.
יוסף הצדיק נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און מיר שפּאַנען אוועק.
שלום-עליכם.

פּורים-לידער.

א.

מאַכט'ס אויף, מאַכט'ס אויף!
לאָזט מיך אַריין, לאָזט מיך אַריין!
ווייסט איהר, ווער עס קען דאָס זיין?
המלך הכבוד — די גאַנצע וועלט!
היינט איז פּורים, מען געהט פאַרשטעלט.
אַ גוטען פּורים, אַ גוטען פּורים זאָל אייך גאָט געבען,
פון היינט איבער אַ יאָר זאָלען מיר אין פריידען דערלעבען!

ב.

אָט וועט איהר הערען די גרויסע וואונדער,
ווי גאָט האָט געהאָלפען זיינע אידישע קינדער:
המן איז געווען שולדיג
אחשורוש'ן א חוב,
האָט ער איהם געזאָגט,
די תליה איז אויפ'ן הויף.
זינגען מיר, לויבען מיר:
שושנת יעקב!
זינגען מיר, לויבען מיר!
שושנת יעקב!

פאַרפלוכט זאָל ווערען המן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענשט זאָל ווערען מרדכי,
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענשט זאָל זיין די מלכה,
וואָס האָט געהייסען אסתר!
זינגען מיר, א. אַ. וו.

קום איך אַריין צושפּרינגען
אויף אַ פּיסעלע לויז,
הייב איך אָן צו זינגען,
דער דלות איז מיר גרויס.
זינגען מיר, א. אַ. וו.

פאָלקס-לידער.

לעצטע שניי־פליטערלעך.

װײַסע שטיקלעך װאַטע,
גרינג װי פוך און װײך,
ברענגט דער װינט צושלעפּען
ערגעץ פון דער הייך.
לעצטע שנייען
גרינג צעגעהען,
און פון בלויען קלאָרען הימעל
גיט אַ העלער שטראַל אַ בלישטשע,
און פון װאַלד דער ערשטער פויגעל
טוט פאַר ש מ ח ה װילד אַ סװיסטשע —
אויס, אַן עק!
פעטער שנייער
פאָרט אַװעק.

ה. רױזענבלאַט.

פריהלינג.

די זון האָט מיט גאָלדענע שטראַלען
געװעקט און געװאַרימט די װעלט,
געקושט און געמינטערט די ביימער,
פאַר׳ ח ל ש ׳ט פון װינטער און קעלט.

און אויפ׳ן לאַזור־הימעל האָבען
זיך װײַסינקע װאָלקענס געשפּילט;
עס האָט אין דער לופט זיך די ב ש ו ר ה
פון פרײַהליכען פריהלינג געפיהלט.

י ה ו אָ ש.

גרוסען.

כ׳קום צו אייך פון ברייטע פעלדער
מיט די פריינדליכסטע געגרוסען:
די באַנײַטע זון פון פריהלינג
האָט געשיקט אייך הייסע קושען.

אוּן דער וואַלד — אַ סאַסנע־ר י ח,
אוּן די לאַנקע — פרישע בלומען,
אוּן דער פריהלינג האָט פאַרבעטען —
איהר זאָלט קומען, איהר זאָלט קומען.

מ ש ה טייטש.

פ ו ן ח ו מ ש.

דער דאָזיגער ח ו ד ש — נ י ס ן — איז דער ערשטער צווישען די ח ד ש י ם פון יאָר, ווייל אין דעם ח ו ד ש זיינען איהר אַרויסגעגאַנגען פון מ צ ר י ם, פון קנעכטשאַפט. דער פופצעהנטער טאָג אין דעם ח ו ד ש זאָל ביי אייך זיין אַן אָנדענקונגס־טאָג, און איהר זאָלט איהם מאַכען פאַר אַ י ו ם ־ ט ו ב אַלע אייערע ד ו ר ו ת, אויף אייביג, ווייל אין דעם טאָג זייט איהר אין מיטען נאַכט אַרויס פון מ צ ר י ם. דאָס איז דער י ו ם ־ ט ו ב פ ס ח אָדער דער י ו ם ־ ט ו ב פון מ צ ו ת. זיבען טעג זאָלט איהר עסען מ צ ו ת. קיין ח מ ץ זאָל זיך ניט געפי־נען אין אייערע הייזער, אַ ז כ ר, אַז אייערע עלטערן האָבען געבאַקט מ צ ו ת פונ׳ם טייג, וואָס זיי האָבען מיטגענומען פון מ צ ר י ם; ווייל מען האָט זיי אַרויסגעטריבען פון מ צ ר י ם, און זיי האָבען זיך דאָרט ניט געקאָנט פאַרזאַמען און קיין אַנדער שפייז האָבען זיי פאַר זיך ניט צו־געגרייט. זיבען טעג איז דער י ו ם ־ ט ו ב. דער ערשטער טאָג איז הייליג און דער זיבעטער טאָג איז הייליג. קיין אַרבייט זאָלט איהר אין זיי ניט טאָן!

ע ר ב ־ פ ס ח.

— מאַמע, איך בין פריי! — קום איך צולויפען אַהיים אַ פאַר טאָג פאַר פ ס ח און זאָג איהר אָן אַ ב ש ו ר ה, אַז מען האָט אונז צעלאָזט פונ׳ם ח ד ר.

— אַ ג ד ו ל ה אויף דער באָבען! זאָלסט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע ב ש ו ר ו ת! ענטפערט די מאַמע, וואָס איז פאַרטאַראַפּט מיט׳ן פ ס ח. זי האָט אונטערגעבונדען ביידע דיענסטען מיט ווייסע פאַטשיילעס און געגעבען זיי בערשטלעך, בעזעמס מיט פלעדער־ווישען אין די הענט אַריין, און אַליין האָט זי זיך אויך אונטערגעבונדען מיט אַ ווייסער פאַטשיילע, און אַלע דריי רייניגען און שמירען, וואַשען און רייבען, שייערן און כ ש ר׳ן אויף פ ס ח. איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען: וואו איך זיץ און וואו איך שטעה און וואו איך געה — איז שלעכט.

— אוועק מיט די ח מ צ׳דיגע מ ל ב ו ש י ם פון דער פ ס ח׳־דיגער שאַפע! — טוט די מאַמע אויף מיר אַ געשריי.

— פּאַוואָליע, אָט טרעטסטו אָן אויף אַ פ ס ח׳דיגען זאַק!

— אַהינצוצו זאָלסטו גאָר א פ י ל ו ניט קוקען, דאָרטען שטעהט דער פ ס ח׳דיגער באָרשטש!

איך דריי זיך אַרום פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען, פּלאָנטער זיך אונטער די פיס; איך כאַפּ אַ שטורך, אַ זעץ, אַ שלייַדער.

— ביי לייטען קינדער זיצען אויף איין אָרט — זאָגט די מאַמע — און אַזאַ ב ח ו ר׳ל פון כ מ ע ט דאָס נייַנטע יאָר קאָן שוין גאָר עפּעס טאָן, איבער׳ח ז ר׳ן נאָך אַמאָל די פיער ק ש י ו ת.

— מאַמע — זאָג איך — איך קאָן זיי שוין אויף אויסענווייניג!

קוים מיט צ ר ו ת דערלעבט דעם אויפדערנאַכט, ווען דער טאַטע געהט אַרום מיט אַ ליכטעל, מיט אַ הילצערנעם לעפעל און מיט אַ פלעדער־וויש און איז ב ו ד ק ח מ ץ. און איך העלף איהם זוכען די שטיקלעך ברויט, וואָס ער אַליין טאַקע האָט זיי צוגעגרייט אויף אַלע פענסטער...

„ס ך ה כ ל איין מ ע ת־ל ע ת — טראַכט איך מיר — נאָך איין נאַכט און איין טאָג און איך וועל מיך אָנטאָן י ו ם־ט ו ב׳דיג, ווי אַ פרינץ... הייַנט דער ס ד ר, די פיער ק ש י ו ת, א ר ב ע כ ו ס ו ת, און די פ ס ח׳דיגע מ א כ ל י ם: לאַטקעס און קניידלעך און קוגעלעך און כרעמזלעך”. איך דערמאָן מיך אָן די מ א כ ל י ם און עס הייבט מיר אָן ציהען דאָס האַרץ: איך האָב אַ גאַנצען טאָג כ מ ע ט גאָרנישט געגעסען.

— לייען אָפּ ק ר י א ת־ש מ ע — זאָגט צו מיר די מאַמע — און געה לייג זיך שלאָפען. הייַנט עסט מען ניט קיין וועטשערע; ס׳איז ע ר ב פ ס ח.

אין דער פריה וועקט מיך אונזער דיענסט־מיידעל ביילע:

— שטעה שוין אויף, די מאַמע האָט געהייסען, מען זאָל דיך אויפ־וועקען, מען באַדאַרף אַרויסטראָגען דעם לעצטען ח מ ץ!

דער טאַטע וואַרפט אַריין דעם הילצערנעם לעפעל מיט׳ן פלעדער־וויש אין אויוועז אַריין און פאַרברענט דעם ח מ ץ... אין שטוב ווערט פ ס ח׳דיג... אומעטום איז ריין, אומעטום איז כ ש ר... דער טיש איז גרייט... די א ר ב ע כ ו ס ו ת שמייכלען צו מיר פון דער וויַטענס. אָט, אָט, נאָך אַ ש ע ה, נאָך אַ ש ע ה וועט ווערען פ ס ח.

ש ל ו ם־ע ל י כ ם.

דער סדר.

דאָס קלײנע שטיבעלע איז באַגאָסען מיט יום־טוב׳דיגער ליכטיגקײט, איז דורכגעדרונגען מיט אַ פינקעלדיגער, כשר׳ער רײנקײט. אויף אַלץ ליעגט דער סימן פון באַנײאונג. אויפ׳ן טיש זײנען אויסגעשטעלט אַלע שפּײזען פונ׳ם סדר: דרײ מצה־שמורה׳ס, פאַרוויקעלט אין אַ האַנטוך; די זרוע, — אַ געבאַקט הינער־העלזעל; מרור און כרפס; חרוסת, ענליך אויף לײם. אין די פלאַשען און אין די כוסות פינקעלט דער רויטער צמוקים־וויין.

אַרום טיש זיצט אונזער געזינד. דער פאָטער, אין אַ ווײסען קיטעל, זיצט אָנגעלעהנט אויף דער הסב־בעט מיט גרויס גדלות, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ מלך. לעבען איהם — די מוטער, די מלכה,



מיט אַ לויכטענדען פנים, אַ קאָנטעטע און אַ גליקליכע, דורכגעדרונגען מיט אַ יום־טוב׳דיגער רוה. און מיר, קינדער, דער עלטערער ברודער, די שוועסטער און איך, — אַלע אין נײע יום־טוב׳דיגע בגדים, זיצען אַרום טיש שטיל, געהאָרכזאַם און שטאַטיג. בײם עק טיש — אַן אָרימאַן, אַן אורח אויף פסח, און די אַלטינקע קעכין אין שפּאָגעל־נײעם פאַרטוך; האַלטענדיג מיט דרך־ארץ די הענט אויף די קניה, זיצט זי אויסגעגלײכט מיט אַ מידער און שטאָלצער רוהיגקײט פון אַ מענשען, וואָס האָט דערפילט זײן פליכט.

באלד וועט זיך אָנהייבען דער ס ד ר.

אָנהייבען איהם דארף איך, דער אינגסטער׳ אין געזינד. מיר שטעהט פאַר פרעגען ביים טאַטען די פיער ק ש י ו ת. די ק ש י ו ת האָב איך פאַר אַ לאַנגע צייט געלערנט אין ח ד ר; איך ווייס זיי אויף אויסווייניג, אויף ל ש ו ן ק ו ד ש מיט דער איבערזעצונג אויף אי־דיש מיט דעם נ י ג ו ן, ווי געהעריג. און איך וואַרט מיט אַ קלאַפּענ־דיגען הארצען אויף דעם פאַטערס וואונק.

— נו—ן?

איך צעשאָקעל זיך שטארק און אויפ׳ן ק ו ל מיט אַ נ י ג ו ן הייב איך אָן:

— טאַטע, איך וועל ביי דיר פרעגען די פיער ק ש י ו ת: מ ה נ ש ת נ ה?...

און ניט אָפּשטעלענדיג זיך, קלאָר און גרינג שטעל איך דעם פאַטער איין ק ש י ה נאָך דער אַנדערער. דער פאַטער, מיט אַ שמילען, ליבהארציגען שמייכעלע אויף די ליפּען, הערט מיך אויס געדולדיג און אויפמערקזאַם, שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ און, ווי נאָר איך ענדיג די ק ש י ו ת, הייבט ער גלייך אָן הויך און זיכער זיין ענטפער:

— ע ב ד י ם ה י י נ ו... שקלאַפען זיינען מיר געווען.

ש. אנ—סקי.

אַ יתומ׳ס סדר.

דער ר ע ש אין גאַס האָט אויפגעהערט. אַלע געשעפטען זיינען פאַרמאַכט. אַלע הייזער באַלויכטען. נאָר נאָך ליכטיגער איז אין די שוהלען.

אידען געהען שוין פון דאַווענען אַהיים פראַווען דעם ס ד ר. ח י י מ׳ל געהט אויך מיט אַלעמען, און אויפ׳ן הארצען איז איהם טרויעריג: ער דערמאָנט זיך, ווי פאַראיאָרען איז ער געגאַנגען, ווי אַלע אינגלעך, מיט׳ן טאַטען אַהיים. הייער איז דער טאַטע נישטאָ: ער איז געשטאָרבען!

— אַ גוט י ו ם ־ ט ו ב, מאַמע! — האָט ח י י מ׳ל געזאָגט קומענ־דיג אַהיים.

— **אַ גוט יאָר, מיין** קינד! — האָט איהם די מאַמע געענטפערט.

ח י י מ׳ל זעהט, ווי זיין שענע מאַמע איז אָנגעטאָן י ו ם ־ ט ו ב׳־דיג. שוין לאַנג, אַז ער האָט זי נישט געזעהן אַזוי אָנגעטאָן. דער טיש איז געדעקט. אויף דעם טיש שטעהען די זילבערנע לייכטער מיט די בענש־ליכט, פלעשער וויין, כ ו ס ו ת, א ל י ה ו ה נ ב י א׳ס כ ו ס. זיין אייגען קליין כ ו ס׳עלע. אויבען־אָן — אַ ה ס ב־בעט מיט ווייסע אָנגע־

צווינענע קישענס. אַלץ, אַלץ, ווי פאַראַיאָרען, נאָר דער טאַטע איז נישטאָ!

ח י י מ׳ל ווערט טרויעריג, נאָר ער האָט מ ו ר א עס צו זאָגען, די מאַמע זאָל נישט וויינען. שטענדיג וויינט זי, אַז מען דערמאָנט דעם טאַטען. ח י י מ׳ל שווייגט און לאָזט אַראָפּ די אויגען אויף א ל י ה ו ה נ ב י א׳ס כ ו ס... און עס פאַלט איהם איין אַ גליקליכער געדאַנק: אַז ביים היינטיגען ס ד ר, ווען מען וועט עפענען די טיר, א ל י ה ו ה נ ב י א זאָל אַריינקומען אויסטרינקען זיין כ ו ס, וועט ער נישט אַראָפּלאָזען די אויגען פון דער טיר און פון א ל י ה ו ה נ ב י א׳ס כ ו ס — ער מוז זעהן, ווי ער טרינקט!

און ווי ער וועט איהם נאָר דערזעהן, וועט ער איהם בעטען, ער זאָל שוין אַראָפּברענגען מ ש י ח׳ן. דעמאָלט וועלען אַלע מ ת י ם לעבעדיג ווערען און זיין טאַטע אויך.

א ל י ה ו ה נ ב י א וועט איהם נישט אָפּזאָגען. ער איז אַזאַ גוטער! ח י י מ׳ל האָט איהם שטענדיג אַזוי ליב, ליבער פון אַלע. ער האָט אַזוי פיעל שענע, טייערע מ ע ש ו ת געהערט דערצעהלען וועגען איהם. ער קאָן אַליין אַ ס ך מ ע ש ו ת נאָכדערצעהלען: ווי „אַן אָרימער איד האָט פאַרלאָרען אויף דעם י ר י ד פרעמד געלט, האָט איהם א ל י ה ו ה נ ב י א אונטערגעוואָרפען אַ ביימעלע, און ווען דער איד האָט גענומען איבערצעהלען, האָט ער געצעהלט דריי טעג מיט דריי נעכט — אַזוי פיעל געלט איז דאָרט געוועזען...“

— ער איז אַזאַ גוטער, אַזאַ גוטער! ער וועט מיר נישט אָפּזאָגען, אַז איך וועל איהם בעטען; איך זאָל איהם נאָר דערזעהן! — האָט ח י י מ׳ל אַלץ געטראַכט.

— מען קאָן זיך שוין זעצען צום ס ד ר — האָט די מאַמע געזאָגט און ח י י מ׳לען אַנידערגעזעצט אויף דער ה ס ב־בעט.

די מאַמע, אַריינקוקענדיג אין איהר ה ג ד ה, האָט געמאַכט די „ק ע ר ה“ און זי אַנידערגעשטעלט פאַר ח י י מ׳לען.

מען האָט אָנגעגאָסען די כ ו ס ו ת און ח י י מ׳ל האָט ק י ד ו ש געמאַכט. נאָכדעם האָט ער זיך שטיל געזעצט אויף דער ה ס ב־בעט און געפּראַוועט דעם ס ד ר, ווי אַ גרויסער...

מען האָט דערלאַנגט דאָס עסען: פיש, דערנאָך די קניידלעך מיט יויך און נאָך פּ ס ח׳דיגע מ א כ ל י ם.

פלוצלונג האָט ח י י מ׳ל דערזעהן, ווי עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין א ל י ה ו ה נ ב י א, אַן אַלטינקער, אַ גוטינקער, אַ פריי‏ליכער, מיט אַ ווייס־זילבערנער באָרד, אין אַ ווייסער זיידענער קאַפּאָטע,

געשטיקט מיט זילבער. ער געהט צו צו זײַן כ ו ס און טרינקט אָפּ אַ ביסעלע, אַזוי אַז עס איז ניט צו דערקענען, אַז מען האָט געטרונקען.

ח י י מ׳ל לאָזט ניט אַראָפּ די אויגען פון איהם, און וויל איהם אָנ־נעמען בײַ זײַן אַרבעל און אָנהײבען דערצעהלען זײַן ב ק ש ה, נאָר ער קאָן ניט רעדען. נאָר אָט זעהט ער צו זײַן גרויס וואונדער, ווי א ל י ה ו ה נ ב י א זעצט זיך בײַם טיש און זאָגט:

„איך בין שוין הײַנט געווען אויף דער גאַנצער וועלט, אין אַלע אי־דישע הײַזער האָב איך שוין געטרונקען מײַן כ ו ס. איצט וויל איך זיך דאָ אַביסעל אָפּרוהען, ווייל דו, ח י י מ׳ל, האָסט מיך געוואָלט זעהן, און בײַ מיר עפּעס בעטען. קום אהער, שעם זיך ניט!“

און ער זעצט אַוועק ח י י מ׳לען בײַ זיך אויף די קניה, און מיט זײַן גלאַטער ווײַסער האַנט גלעט ער איהם איבערן פּ נ י ם. און עס ווערט ח י י מ׳לען אַ מ ח י ה אין יעדען א ב ר; און ער זאָגט ח י ימ׳לען, אַז הײַנטיגס יאָר וועט מ ש י ח קומען, אַלע טויטע וועלען לעבעדיג ווע־רען און זײַן טאַטע אויך...

און ח י י מ ׳ ל איז אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך, און זײַנע ליפּען שעפּטשען קוים וואָס מען הערט: „איך דאַנק דיר, זײדעניו, וואָס דו האָסט פאַרנומען מײַן ב ק ש ה!“

אויף ח י י מ׳לס ליפּען באַווײַזט זיך אַ שמײכעל פון ש מ ח ה, וואָס ער וועט זעהן זײַן טאַטען...

די מאַמע זעהט, ווי איהר זוהן שמייכעלט פון שלאָף. זיצענדיג אויף דער ה ס ב־בעט, איז ח י י מ'ל באַלד נאָך די קניידלעך איינגעשלאָפען...

— אַ קינד, אַ טראָפען ווייַן שלאָפט עס שוין, — רעדט די מאַמע צו זיך, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען פון איהר זוהן.

זי נעמט ח י י מ'לען אויף די הענט אַריבערטראָגען איהם אויף זייַן בעטעל און דריקט איהם צום האַרצען און קושט איהם יעדען א ב ר.

און ח י י מ'ל איז געשמאַק געשלאָפען מיט זיסע ח ל ו מ ו ת, ווי אַלע גליקליכע קינדער אין דער ס ד ר ־ נאַכט.

מ. ספּעקטאָר.

דער מאַי.

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זייַן צויבער, מיט זייַן פּראַכט!
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואַכט!

ווידער בליהט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעמט דער פריהלינג מאָלען:
מיט'ן פּענזעל וואו ער שמירט,
ווערען בערגער, ווערען טאָלען,
ווערט די ערד מיט גרינס פּאַרצירט.

מ. ראָזענפעלד.

אַ מאַי־פּאַרטיי.

עס איז געווען אַ וואַרימער פריהלינג־טאָג. אַ וואַרימער פייַכטער ווינט האָט געבלאָזען פון אָפענעם י ם. די פענסטער פון די טענעמענט־הייַזער האָבען זיך אויפגעעפענט.

איבער דער גאַס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קינדישע מוזיק שפּילען. פייַקלעך האָבען געפּויקט און פלייטעלעך האָבען געקוויטשעט אַן אַמעריקאַנער ליד. באַלד דערויף האָט זיך געוויזען אַ שאַר פון קינדער.

פאַרשטעלטע און אויסגעצירטע אין פאַרשיידען־קאָלירטע פּאַפּיר־קאָס־טיומען, זיינען זיי געגאַנגען אונטער די טענער פון אַ קינדער־מוזיק.

דאָס איז געווען אַ מאַי־פּארטיי. די פּאַבליק־סקול, אין וועלכער יאָסעלע האָט געלערנט, האָט געפיהרט איהרע קינדער אין צענטראַל־פּאַרק זיך פאַרוויילען.

פריהער איז געגאַנגען די לערערין, מיס איזאַבעל. יאָסעלע האָט געזאָלט זיין דער פּאַקעל־טרעגער פאַר דעם „קעניגליכען פּאָר", וואָס איז געגאַנגען נאָך איהם אונטער אַ בלויער, שטערען־באַזעצטער ח ו פ ה. יאָסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ ווייס העמדעל מיט אַ בלויען לאַמפּאַס און אַ פּאַפּירענעם הוט מיט אַ טראָלט און האָט געהאַלטען אַ שטורקאַץ אין דער האַנט.

נאָך דעם „קעניגליכען פּאָר" איז נאָכגעגאַנגען זייער פעלד־יעגער. דאָס איז געווען דאָס איטאַליענישע אינגעל, קאַטאַ קאַמבאַסאַ; אין אַ רויטען הוט, ווי אַ ג ל י ת, האָט ער נאָכגעפיהרט זיין געליבטען הונט, וועלכער איז אויך געווען באַפּוצט פון קאָפּ ביז צום וויידעל אין פאַר־שיידען־קאָלירטע פּאַפּירען. און נאָך איהם די קינדער, אלס פּאַזשען, גע־נערעלער, וואַלד־גזלנים און שקלאַפען.

די קינדער זיינען געווען אויפגערוימט, די מוזיק האָט געשפּילט פּאָרויס פאַר זיי, און זיי האָבען זיך געהאַלטען אין טאַקט. די יונגען זיינען געגאַנגען שטראַנג, געקלאַפּט מיט די פיס זעלנעריש. די מיידלעך האָבען בלומען פאַרשפּרייט איבער די טראָטוארען און געמאַכט פּאַראַד פאַר דעם „קעניגליכען פּאָר". אַ ס ך מוטערס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער, האָבען אין די קינדער־וועגעלעך נאָכגעפיהרט די אינגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבען געוואָלט זיין אין דעם מאַי־פּאַראַד, האָבען אין די קייבערלעך זיי עסען נאָכגעטראָגען.

די מענשען אין גאַס האָבען מיט ליבע נאָכגעקוקט די קינדער. די פּאָליציי־לייט האָבען אָפּגעשטעלט אַלע טראַמווייען און וועגען, און די קינדער אַדורכגעלאָזט.

אין דעם שענסטען גאָרטען פון ניו יאָרק, אין צענטראַל־פּאַרק, האָט די שטאָט אָפּגעגעבען פאַר די קינדער צו שפּילען דעם שענסטען, מיט גראָז־באַוואַקסענעם פלאַץ. דאָס גרויסע אומענדליכע גרינע פעלד, וואָס האָט זיך געצויגען אויף אַ היגעל אַרויף און דאַן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ גריי־נעם אויסגעבעטען טאָל, איז געווען אויסגעזייהט מיט קינדער, וועלכע האָבען אין זייערע בונטע פאַרשיידען־פאַרביגע פּאַפּירענע קאָסטיומען אויסגעזעהן ווי אַ פעלד, וואָס איז באַשאָטען אינגאַנצען מיט פאַרשיידען־פאַרביגע טוליפּאַנען, וואָס לויפען אַרום איבער אַלע ווינקעלעך פון פעלד.

די קינדער פון פאַרשיידענע שולען האָבען זיך באַלד צוזאַמענגעמישט. די לערערינס האָבען איינגעאָרדענט פאַר זיי פאַרשיידענע שפּילען און זיינען אַליין אַרומגעלאָפען מיט די קינדער. די מיס איזאַבעל האָט זיך געיאָגט מיט אייניגע מיידלעך. דערביי זיינען איהרע ווייכע האָר צעפּאַלען, און זי האָט זיך מיט די קינדער אָנגעהויבען אַרומצוקוילערן איבער דעם גרינעם, ערשט אָפּגעשניטענעם גראָז.

דאָ און דאָרט האָבען זיך קינדער אויסגעזעצט עסען, און אַ קינדער־מוזיק האָט געשפּילט פאַר זיי. ש. אש.

לג בעומר סעודה.

א

— אָנו, קומט נאָר אַהער, קינדער, איך באַדאַרף אייך עפּעס זאָגען אַ נייעס! — אַזוי רופט זיך אָן צו אונז אַ טאָג פאַר ל ג ־ ב ע ו מ ר דער ר ב י ר ב יודעל און מיר שטעלען אויס מויל און אויערן, וואָס וועט אונז עפּעס דער ר ב י זאָגען פאַר אַ „נייעס?“

—וואָס פאַר אַ טאָג האָבען מיר מאָרגען? — פרעגט אונז דער ר ב י מיט אַ נ י ג ו ן.

— ל ג ־ ב ע ו מ ר! — שרייען מיר אויס אַלע אין איין ק ו ל, ווי די ציגעלעך, אַז זיי שרייען „מעעע!“...

— וואָס טוען ח ד ר־אינגלעך ל ג ־ ב ע ו מ ר?

— ח ד ר־אינגלעך ל ג ־ ב ע ו מ ר לייגען זיך צונויף אַלע איינ־איינעם און מאַכען אַ ס ע ו ד ה.

— וואָס נאָך טוט מען ל ג ־ ב ע ו מ ר?

— מען נעמט די „פיילענבויגענס“ מיט די ראָדביקסלעך און מען געהט געוואָפענט מיט כ ל י ־ ז י ן און מיט געזאַנג ווייט ווייט אונטער’ן שטאָט אַרוים.

— אָט אַזוי — רופט זיך אָן דער ר ב י — אָט אַזוי האָב איך אייך ליב, אָט אַזוי זייט איהר וואוילע אינגעלעך; און דערפאַר לאָז איך אייך אָפּ פריי כ מ ע ט אויף אָנדערהאַלבען מ ע ת ־ ל ע ת.

דערהערט דאָס וואָרט „פריי“ און נאָך אויף אָנדערהאַלבען מ ע ת־ל ע ת, טוען מיר אַ שטעה אויף אַלע פון די ערטער און לאָזען זיך לויפען אַהיים.

ב

אויף מאָרגען איז געווען אַ שענער, אַ ליכטיגער, אַ פריילעכער זומער־טאָג. דער הימעל איז לויטער־בלוי; די פייגעלעך זינגען; עס גלוסט זיך אין דרויסען אויף דער לופט, עס ציהט אַהין ווייט־ווייט פון דער

שטאָט אַרויס, דאָרט, וואו עס שפּראָצט אַ גרעזעלע און די ביימער זיינען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלעך: דאָרט, וואו די פייגעלעך טאַנצען און שפּרינגען, פּישטשען און זינגען...

אין יענעם פריהמאָרגען האָבען מיר זיך געכאַפּט, איך און מיין ברודער מאָטעל, אויפשטעהן וואָס פריהער, נעמען דאָס אָנבייסען מיט זיך און מאַרש צו ליפּע ש ל ו ם - אייזיקס. ער איז דער עלטסטער פון די ת ל מ י ד י ם, און דאָרט איז פאַראַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס דאָרט פלעגען מיר פאַרברענגען דעם אַנדערען האַלבען טאָג פרייטאָג, שפּרינגען אויף איין פוס, שפּילען אין „קוצו־באַבע“ אין „עקעק און מ ק ח“, אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז“, אָדער אין „באַהעלטערלעך“ אָדער אין „טרעפּענישען“...

אַז מיר זיינען געקומען צו ליפּע ש ל ו ם־אייזיקס, האָבען מיר שוין דאָרטען געטראָפען די גאַנצע חב ר ה.

— אָט זיינען שוין די יאָסעלעך מיט די מאָטעלעך אויך דאָ! ווייזט, וואָס האָט איהר געבראַכט? — רופט זיך אָן ליפּע ש ל ו ם־אייזיקס און ער הייבט אָן צונויפנעמען די מ ת נ ו ת, וואָס יעדער האָט געבראַכט צו דער ס ע ו ד ה, און אויסרופען אויף אַ ק ו ל, איטליכען צום גראַם:

— מענדעל, מען מעג עסען פון דיין פענדעל, אַנו, ווייז, וואָס האָסטו דאָרטען? צוויי אייער־בייגעל, אַ שטיק לעקעך, איין איי מיט זעקס גראָשען!

— איציק־שפּיציג־נאָדעל־טעשעל! גיב אין קלייט און כאַפּ אַ פלעשעל! עפּעס זעה איך ביי דיר, קיין ע י ן - ה ר ע ניט, אַ גאַנצען א ו צ ר: צוויי קיכלעך, דריי אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטליכע צוקערלעקעכלעך מיט מאַנדעלבייגעלעך און האָזענע ניסלעך עפּעס גאָר אַ ג ו ז מ א — אָהאָ, און נאָך צעהן גראָשען דערצו — אַ וואוילער יונג!

— יאַנקעלע־באַנקעלע־פלעשעלע בול־בול־בול! באַווייז זיך אַרויס מיט דיין גוטס: אַ בולקע אַ גאַנצע, אַ פערטעל ע ו ף, אַ גלעזעל גענזענשמאַלץ; וואָס איז דאָס? אַ פלעשעל מעד? הערסטו, ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ מ ז י ק, כ'לעבען!...

אָ ב י—פאָטער, ק ל מ ן טאָטער, טאָטער ק ל מ ן, ש נ י א ו ר ז ל מ ן! ז ל מ ן ש נ י א ו ר, שלאָף אין שלייער! באַווייז, באַווייז, שעם זיך ניט. אַ האַלב איי ס ך - ה כ ל?... אַ שטיקעל ברויט מיט האָניק?... אויך אַ מ ט ב ע! גיב אַהער, נ י ש ק ש ה, עס מאַכט ניט אויס, דערויף איז דאָס ל ג ב ע ו מ ר, אַ ש ו ת פ ו ת'דיגע ס ע ו ד ה!.

— טאָפּעלע טוטאַרעטו! ווייז, וואָס האַלסטו דאָרטען? אַ טאָפּיטע, מיט אַ שטיטעל בולטע, מיט אַ טעפּעל טנאָבעל. וואָס האָט דיר די מאַמע אַזוי ווינציג דעדעבען? — ליפּע ש ל ו ם־אייזיקס מאַכט איהם נאָך ווי ער רעדט מיט דער „טוף“ און ח ב ר ה קאָטשען זיך פאַר געלעכטער, און קאָפּעל אַליין לאַכט אויך.

— י ו א ל׳יק־בײליק האָט דעם גרעסטען ח ל ק! דו ביסט דאָך עפּעס אַ נ ג י ד׳ס אַ אינגעל; בײַ דיר געהער א ו ד א י זײַן אַ גאַנצער א ו צ ר פון ב י צ י ם און פון שמאַלץ; און פון װײַן און פון כ ל ־ ט ו ב! אַיאָ, איך האָב געטראָפען? צוױי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָ־טענע קאַטשקע, אהאַ! אַ צעהנדליג אײער און טײ און צוקער. הײַנט ניסלעך, מיט באָקסערן, מיט ראָזינקעס, מיט מאַנדלען און פאָמעראַנצען, און אַ לימענע אויך. — קום אַהער, לאָמיך דיר כאַטש זאָגען אַ דאַנק.

— אַצינד, קינדער, זעצט זיך אוים אַלע אָט דאָ, צװישען די קלעצער; — זאָגט ליפע ש ל ו ם־אײַזיקס, — לאָמיר זיך אַקאָרשט נעמען צו דער ס ע ו ד ה! בראָקט און עסט און לאָז אײַך װאויל באַקומען.

אַלע קינדער לאַכען און נעמען זיך צו דער ס ע ו ד ה.

— קינדער! זאָגט, װאוהין געהען מיר הײַנטיגס יאָר? — טוט אַ פרעג ליפע נאָך דער ס ע ו ד ה.

— צו דער ציגעלניע! — שרײַט אוים א ב ר ה ם ־ מ ש ה דעם װײַנערם אויף אַ הילכיג ק ו ל.

— צו דער ציגעלניע! צו דער ציגעלניע! — העלפען איהם אונטער עטליכע ק ו ל ו ת מיט אַ מאָל.

— דאָרט איז פאַראַן הינט, איהר האָט שוין פאַרגעסען? — רופט זיך אָן ניסעל, אַ אינגעלע אַ קלײנם מיט אַן איבערגעשראָקענעם קוק.

— װער הערט זיי? װער האָט מ ו ר א פאַר הינט? זאָגט י ו א ל ׳יק דעם נ ג י ד׳ס מיט שטאַרקייט.

— דו אַלײן האָסט מ ו ר א פאַר אַ הונט א י מ ת מ ו ת! — האַקט איהם איבער ד ו ד׳ל „צעהאַקטע ליפּ“.

— נישט פאַר אַ הונט, א פ י ל ו פאַר אַ קאַץ! — כאַפּט אונטער שעפּסעל, אַ אינגעל מיט אַן אָפּגעבריהטען באַק. י ו א ל׳יק טראָגט איהם אונטער אַ פײַג גלײַך אונטער דער נאָז; כאַפּט ער אַ זעץ פון ד ו ד׳ל צעהאַקטע ליפּ. װערט צװישען די קינדער אַ געשלעג.

— שאַט, — רופט זיך אָן ליפע ש ל ו ם ־אײַזיקס — גענוג אײַך צו קריגען זיך! װײסט איהר װאוהין מיר זאָלען געהן הײַנטיגען ל ג־ ב ע ו מ ר?

— װאוהין? װאוהין?

— קײַן גאַלאַגאַנאָװקע!

— קײַן גאַלאַגאַנאָװקע! קײַן גאַלאַגאַנאָװקע! שרײַען אַלע אין אײן ק ו ל און א פ י ל ו קאָפּעל קוקאַרעקו העלפט קװיטשען אויף זײַן דין ק ו ל׳כעל:

—„דאַלאַדאַנאָװטע! דאַלאַדאַנאָװטע!“

און ס׳איז געבליבען, אַז מיר געהען קײַן גאַלאַגאַנאָװקע.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

לג בעומר.

פרײַ פון לערנען, פרײַ פון חדר,
אָנגעטאָן די יום־טוב־קלײדער, —
נעמט אײַך, קינדער, פײַל און בויגען,
גײט אין וואַלד, אין פרישען, גרינעם,
וואו דורך צווײַגען־נעץ דורך דינעם
קוקען הימעל־בלויע אויגען.

הײַנט איז אײַער טאָג, לג־בעומר;
אײַלט־זשע, קינדער, צו די בײמער,
צו די גראָזען, צו די בלומען —
פרײהען זיך דאָרט, טאַנצען, שפּרינגען,
הויך דאָרט פריהלינג־לידער זינגען, —
ס'איז לג־בעומר־לעב געקומען.

א. י. גראָדזענסקי.

פון חומש.

איהר זאָלט אָפּצעהלען זיבען וואָכען פון דעם ערשטען טאָג, ווען איהר הײבט אויף דעם שנײַד־מעסער אויף'ן שטעהענדיגען גערשטען—פון דעם ערשטען טאָג פּסח; גאַנצע זיבען וואָכען זאָלט איהר אָפּצעהלען, און איהר זאָלט מאַכען דעם יום־טוב פון שבועות, דעם יום־טוב פון די ערשט־צײַטיגע פּירות, ווען איהר הײבט אָן צו שנײַדען די ערשטע פרוכט פון אײַער אַרבײַט אין פעלד, די ערשט־צײַטיגע ווײַן.

גרינס אויף שבועות.

א

ערב שבועות האָב איך זיך אויסגעבעטען בײַ דער מאַמען עליה־השלום, איך זאָל מיר אַלײן געהן אונטער'ן שטאָט אָנרײַסען און ברענגען אַהײם גרינס אויף שבועות.

איך בין מיר געווען אײנער אַלײן, א פרײַ פײגעלע, אין דער גרויסער ברײטער וועלט. איבער מיר איז געווען די גאַנצע גרויסע בלויע יאַר־מעלקע, וואָס מען רופט זי „הימעל“; מיר אײנעם אַלײן האָט געלײַכט די שענע ליכטיגע טאָג־מלכה, וואָס מען רופט זי „זון“. פון מײַנט־

וועגען אַליין האָבען זיך עס צונויפגעקליבען דאָ אין פרייען פעלד די אַלע זינגערס, מיט אַלע פייפערס, מיט אַלע שפרינגערס. און נאָר צוליב מיר אַליין האָט זיך צענומען די שמעקעדיגע רויז, צעשפרייט דער לאַנגער, דער געלער „סאַנישניק", צעצוויקעלט און צעשפּרענקעלט דאָס גאַנצע ברייטע פעלד מיט אַלע אַנטיקלעך פון דער מילדער נאַטור. קיינער קוועטשט מיך נישט, קיינער שטערט מיר נישט, קיינער זעהט מיך נישט, און איך קאָן מיר טאָן, וואָס איך וויל: וויל איך — זינג איך מיר, וויל איך — שריי איך משוגע'נערווייז און רייס זיך אויפ'ן האַלז. וויל איך — לייג איך צונויף די האַנט ווי אַ שופר און בלאָז מיר אַ „תקיעה גדולה" און שפּיל מיר אַ „טרובאַטש". וויל איך — טו איך מיר גאָר אַ וואַלגער ווי איך שטעה און געה אויפ'ן גרינעם גראָז און קאַטשע מיך אויף אַלע זייטען, ווי אַ לאַשיקעל. ווער וועט מיר זאָגען אַ דעה, און וועמען הער איך? איך בין פרייַ! איך בין פרייַ!

ב

דער טאָג איז געוועזען אַזוי וואַרים; די זון אַזוי שעהן; דער הימעל אַזוי לויטער; דאָס פעלד אַזוי גרין; דאָס גראָז אַזוי פריש; און אויפ'ן האַרצען איז מיר געוועזען אַזוי גרינגג און אויף דער נשמה אַזוי גוט. און איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז איך בין דאָ, אויסער'ן שטאָט, אַ ווילד־פרעמדער און אַז איך בין אַרויסגעקומען אַהער אַנצורייסען גרינס אויף שבועות. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך בין דאָ אַ הערשער, אַ פּרינץ, און דאָס גאַנצע פעלד, וואָס מיין אויג כאַפּט אַרום, מיט אַלצ־דינג וואָס אין פעלד און אפילו מיט דעם גאַנצען בלויען שטיק הימעל — דאָס אַלץ געהערט צו מיר, איך בין דערויף דער איינציגער בעל־הבית און איך האָב דערויף צו שאַפען, און ווייטער קיינער נישט. און ווי אַ מושל, וואָס איהם אַלץ געהערט און ער אויף אַלץ געוועלטיגט, הייבט זיך מיר אָן וועלען אַרויסבאַווייזען מיין הערשאַפט, מיין כוח און מיין גבורה, אַלץ וואָס איך קאָן און וואָס איך וויל...

קודם כל געפעלט מיר נישט אָט דער לאַנגער דראָנג מיט דעם געלען היטעל — דער סאַנישניק, וואָס באַקומט מיט אַ מאָל ביי מיר אין די אויגען אַ פּנים פון אַ שונא, און די אַלע איבעריגע פלאַנ־צונגען מיט שטעקעלעך און אָהן שטעקעלעך — באַב און פאַסאָליעס; דאָס זיינען לויטער שונאים, וואָס האָבען זיך באַזעצט דאָ ביי מיר אויף מיין ערד. ווער האָט געשיקט נאָך זיי? און יענע נידעריגע, די גראָבע מיט די גרינע קוטשמעס, וואָס זיצען אַזוי געדיכט האַרט ביי דער ערד (קרויט) — וואָס טוען זיי דאָ די קוטשמעס? לאָזען זיי געהן אין דער ערד אַריין — איך דאַרף זיי נישט! און בייזע מחשבות, ווילדע אינסטינקטען וואַכען אויף אין מיר, און אַ מאָדנער געפיהל פון נקמה נעמט מיך אַרום דורך און דורך. און איך הייב זיך אָן נוקם זיין אין די שונאים — און נאָך ווי אַזוי נוקם זיין!...

ג

געהאַט האָב איך מיט זיך אויף אָנצורײַסען גרינס אויף שבועות מיטגענומען כלי־זין: אַ מעסערל מיט צוויי קלינגלעך און אַ שווערד, אפילו אַ הילצערנע, נאָר אַ שאַרפע. די דאָזיגע שווערד איז מיר פאַרבליבען פון ל״ג־בעומר.

צום אַלעם ערשטען בין איך אָנגעפאַלען אויף דעם גרעסטען שונא, אויף דעם סאָנישניק, איהם דערלאַנגט מיט דער שווערד אַ געשמאַקען האַק איבער'ן קאָפּ מיט דעם געלען היטעל און היבשע עטליכע זעץ פון הינטען; — און דער רשע האָט זיך אויסגעצויגען ווי לאַנג ער איז פאַר מײַנע פיס. נאָך איהם האָב איך אַנידערגעלייגט נאָך היבשע עטליכע געזונטע רשעים, די שטעקענס פון זייערע הענט אַרויסגעריסען און פאַרוואָרפען צו אַלדי שוואַרצע יאָר. און די נידעריגע די גראָבע מיט די גרינע קוטשמעס האָב איך גענומען צו דער אַרבײַט גאָר אויף אַן אַנדער אופן. ווען איך האָב געקאָנט, האָב איך אַראָפּגענומען די גרינע קוטשמע, און די איבעריגע האָב איך געטראָטען מיט די פיס, געמאַכט פון זיי אַ תל...

נאָר מעהר פון אַלעמען האָבען פון מיר געליטען נעבעך „קליינוואַרג“: די יונגע קײַלעכדיגע „אַרבוזלעך“, קאַבאַקלעך מיט די גראָבע בײַכלעך, די קליינע פיצלעך אוגעריקלעך, וואָס קריכען נאָר וואָס אַרויס פון דער גרינער „האָדענע“ מיט די געלע נאָפּעלעך. זיי האָבען מיך צערייצט נאָר מיט זייער שטיל־שווײַגען און מיט זייער קאַלטקײַט. און איך האָב זיי אײַנגעטיילט אַזוי, אַז זיי וועלען מיך האָבען צו געדענקען. איך האָב געהאַקט קעפּלעך, געשניטען, געריסען אויף דער העלב, געבראָקט אויף שטיקלעך. צעשלאָגען, צע׳הרג׳עט, גע׳מזיק׳ט אויף טויט. לאָמיך אַזוי וויסען שלעכטס, ווי איך ווייס, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ רציחה! אומשולדיגע קאַרטאָפּליעס נעבעך, וואָס זײַנען געזעסען טיף אין דער ערד, האָב איך פון דער ערד אַרויסגעגראָבען. יונגען קנאָבעל מיט גרינע ציבעלקעלעך האָב איך אַרויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל, רעטעכלעך זײַנען געפלויגען בײַ מיר, ווי די האַלעשקעס... איך האָב נישט אויפגעהערט צו שלאָגען, האַקען, בראָקען, מזיק'ען, ממית'ען און שנײַדען אויף שטיקלעך יונג און אַלט, קליין און גרויס, אָרים און רײַך אָהן שום רחמנות...

אי! אי! אי! געוואַלד! ראַטעוועט! ווער האַלט דאָס מיך פאַר'ן אויער?

צוויי רעכטע סטוסאַקעס פון הינטען און אַ פּאָר כפול־שמונה׳־דיגע פעטש פון פאָרענט האָבען מיך אין איין כהרף עין אויסגעניכטערט, און איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַ באַקאַנטען פאַרשוין, וואָס איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס'איז „אָברים דער באַשטאַנשטשיק“.

ד

אָכרים דער באַשטאַנשטשיק האָט פון ק ד מ ו נ י ם געהאַלטען אַ „באַשטאַן", אַ גאָרטען ביי אונזער שטאָט. איך האָב געקענט אָכרימען, ווייל ער האָט מיט אונז געהאַנדעלט. ער פלעגט לייען ביי מיין מאַמען געלט אַלע ע ר ב פ ס ח און אַרום ס ו כ ו ת־צייט פלעגט ער אָנ־הייבען ביסלעכווייז אויסצאָהלען.

ער פלעגט אונז אָנשיטען אַ פולען קעלער מיט קאַרטאָפליעס און מיט אוגערקעס אויפ'ן גאַנצען ווינטער. די ערשטע גרינע ציבעלעס מיט'ן ערשטען יונגען קנאָבעל האָט ער אויך ת מ י ד געבראַכט צו טראָגען אונז. די ערשטע יונגעטשקע קאַרטאָפעלעך מיט די ערשטע גרינע אור־גערקעס זיינען ת מ י ד געווען ביי אונז.

און צווישען מיר מיט אָכרימען איז געווען אַ מין ליבע אַ פאַרבאָר־גענע. און ווען די מאַמע פלעגט מיך אַמאָל ווען שלאָגען און אָכרים איז געווען דערביי, פלעגט ער זיך איינשטעלען פאַר מיר.

און ביי אָכרימען בין איך דאָס געלעגען אַצינד אין די הענט.

ערשט העט שפּעטער נאָך די רעכטע סטוסאַקעס און נאָך די א מ ת'ע פּעטש, וואָס אָכרים האָט מיר איינגעטיילט, האָבען מיר זיך באַגעגענט מיט די אויגען און האָבען זיך ביידע דערקענט איינער דעם אַנדערען,

און מיר זײַנען בײדע געװען איבערראַשט, געבליבען אָהן ל ש ו ן.

— אַװרומיכענע דיעטינאַ (אברהמ׳יכעס אינגעל) ! ? — האָט אָכרים אויסגעשריען פאַרװאונדערט און האָט זיך איבערגע׳צ ל מ׳ט און האָט גענומען באַטראַכטען די ה ז י ק ו ת, װאָס איך האָב איהם דאָ אָנגע־אַרבײַט, באַקוקט יעדעס בײַטעלע מיט איטליכען שטיקעל ערד. און עס האָט איהם אַזױ אָנגענומען בײַם האַרצען, אַז עס האָבען זיך איהם גע־שטעלט טרערען אין די אויגען. ער האָט זיך אַװעקגעשטעלט אַקעגען מיר, צונויפגעלײגט בײדע הענט בײַ זיך אויפ׳ן בויך און אַ פרעג געטאָן מיך נאָר איין װאָרט:

— „זאַשטשאָ ?" — פאַר װאָס קומט דאָס מיר, הײסט דאָס.

ערשט דאָ האָב איך צעקײַט, װאָס פאַר אַ ח ת ו נ ה איך האָב אָנגעאַרבײַט און װעמען איך האָב אַזױ שטאַרק ג ו ר ם ה י ז ק געװען. און איך האָב זיך אַליין געפרעגט: „פאַרװאָס ?" „פאַרװאָס ?"...

—כאָדים (קום) ! — מאַכט צו מיר אָכרים און נעמט מיך אָן פאַר אַ האַנט, און איך בײג זיך צו צו דער ערד פאַר שרעק, איך מײן — אָט אָט מאַכט ער פון מיר אַ פרעזשעניצע. נאָר אָכרים טשעפּעט מיך נישט, ער האַלט מיך נאָר שטאַרק פאַר דער האַנט, נאָר אַזױ שטאַרק, אַז עס שפרינגען מיר די אויגען פון קאָפּ, און פיהרט מיך אָפּ אַהײם צו דער מאַ־מען און דערצעהלט איהר אַלצדינג און גיט מיך איבער אויף איהרע הענט.

ה

זאָל איך אײַך דערצעהלען, װאָס איך האָב געהאַט פון דער מאַמען ? זאָל איך אײַך אויסמאָלען איהר שרעק מיט איהר כ ע ס, מיט איהר ברעכען מיט די הענט, ב ש ע ת אָכרים האָט איהר איבערגעגעבען מיט אַלע פּיטשעװקעס דעם גאַנצען ח ו ר ב ן, װאָס איך האָב איהם אָנגע־מאַכט אין באַשטאַן.

אָכרים האָט זיך נישט געפוילט, גענומען דעם שטעקען און באַװױ־זען מיט איהם דער מאַמען, װי אַזױ איך האָב געאַרבײַט אַהער און אַהין אויף אַלע זײַטען, װי אַזױ איך האָב געהאַקט און געבראָקט און געשאָכ־טען און געטראָטען מיט די פיס, און די קאַרטאָפליעס פון דער ערד אַרויס־געגראָבען. און די האָדענע פון די אוגערקעלעך, נאָר װאָס אויפגעגאַנ־גענע אוגערקעלעך.

— און פאַרװאָס, א ב ר ה מ׳יכע, פאַרװאָס ?

מעהר האָט אָכרים ניט געקאָנט רעדען: עס האָבען זיך איהם אַ פ נ י ם געשטעלט די טרערען אין האַלז.

דעם רעכטען א מ ת מוז איך זאָגען, קינדער: איך װאָלט בעסער געװאָלט זײַן געפּאַטשט פון אָכרימס הענט, אײדער האָבען דאָס, װאָס איך האָב געהאַט פון דער מאַמען פאַר ש ב ו ע ו ת און פונ׳ם ר ב י׳ן נאָך ש ב ו ע ו ת... הײַנט די ב ז י ו נ ו ת, װאָס איך האָב נאָכדעם געהאַט אַ גאַנץ קײַלעכיג יאָר פון מײַנע ח ב ר י ם אין ח ד ר, װאָס

האָבען מיר צוגעזעצט זעהר אַ לײַטישען נאָמען: „באַשטאַנשטשיק“, יאָסעל באַשטאַנשטשיק!.

אַט ווי אַזוי איך בין געגאַנגען רײַסען גרינס אויף שבועות.

שלום-עליכם.

מתן־תורה.

אויפ'ן דריטען חודש נאָך זייער אַרויסגעהן פון מצרים זײַנען די אידען אָנגעקומען אין מדבר סיני און האָבען זיך אָפּ־געשטעלט געגען דעם באַרג סיני. און משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג.

צוויי טעג האָט זיך דאָס פאָלק געגרייט, געריייניגט זיך און געוואַ־שען די קליידער. און אויף דעם דריטען טאָג, פון באַגינען אָן האָט אָנ־געהויבען צו דונערן און בליצען, און אַ געדיכטער וואָלקען האָט צוגע־דעקט דעם באַרג, און אַ שטאַרקער קול פון שופר האָט געהילכט. און דער באַרג סיני האָט אינגאַנצען געראויכערט; עס האָט פון איהם געשפּאַרט אַ רויך, ווי פון אַ קאַלכאויווען. און דער גאַנצער באַרג האָט געציטערט. און דער קול פון שופר איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזעהן די בליצען און די דונערן און די פלאַמען פייער און דעם רויכערדיגען באַרג. זיי האָבען געזעהן און זײַנען פאַרציטערט געוואָרען און האָבען זיך געשטעלט פון דער ווײַטען; און משה איז אַרויף ביז אין שוואַרצען וואָלקען אַרײַן.

און די אידען האָבען דערהערט פון דעם באַרג סיני די דאָזיגע צעהן געבאָט, די עשרת הדברות:

איך בין דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפיהרט פון מצרים, פון קנעכטשאַפט.

זאָלסט דיר ניט מאַכען קיין אָפּגעטער און קיין בילדער, זאָלסט זיך ניט בוקען צו זיי און ניט דיענען זיי!

זאָלסט ניט דערמאָנען גאָטס נאָמען אומזיסט!

זאָלסט געדענקען און אָפּהיטען דעם טאָג פון שבת און איהם היילִיג האַלטען! זעקס טעג זאָלסטו טאָן אַלע דיינע אַרבייטען, און דער זיבעטער טאָג איז שבת, אַ רוה־טאָג. זאָלסט קיין אַרבייט ניט טאָן, ניט דו, ניט דיין זוהן און

טאָכטער, ניט דיין דיענער און דיענסט, ניט דיין אָקס און אייזעל, ניט דער פרעמדגעבוירענער, וואָס וואוינט אין דיין לאַנד.

זאָלסט עהרען דיין פאָטער און מוטער, כדי דו זאָלסט לאַנג לעבען אויף דער ערד!

זאָלסט ניט טייטען!
זאָלסט ניט צעלאָזען זיין!

זאָלסט ניט גנב'ענען!
זאָלסט ניט זאָגען קיין פאַלשע עדות!
זאָלסט ניט גלוסטען דיין פריינדס הויז, זיין פעלד, זיין אָקס, זיין אייזעל און אַלץ, וואָס געהערט צו דיין פריינד.

פון חומש.



ווען די אידען האָבען די תורה באַקומען, האָט קיין פויגעל ניט געצווויטשערט, קיין בהמה ניט געמוקעט, קיין חיה ניט געברומט, און דער ים האָט זיך ניט גערירט. די גאַנצע וועלט איז פאַרצאַפּעלט געוואָרען אין אַ שטומער שטילקייט; און נאָר פון באַרג סיני האָט געהילכט דער קול פון גאָט.

אגדה.

זונען־אונטערגאַנג.

עס ענדיגט זיך דער שענער טאָג, עס אײַלט די זון מיט שנעלע טריט
די געגענד הערט אַנטשוויגען, אין מ ע ר ב ־ ת ה ו ם צו זינקען,
דאָס אָוונט־ווינטעל, זיפצענדיג, באַלד וועט זי אין דעם י ם פון בערג
די בײַמער ״עמט פאַרוויגען. זיך פײַערדיג דערטרינקען.

י ה ו אָ ש.

מאַמע, מאַמעלע מײַנע!

פאַר י ו ם ־ ט ו ב בין איך פרײַ פון ח ד ר. ווי שטענדיג, האָב איך קײנעם אין שטוב ניט דערצעהלט און בין מיר אַוועק אין סאָסנע־וואַלד קלײַבען שוועמלעך.

כ׳ווייס, איך האָב זיך שוין פאַרשפעטיגט. די מאַמע קוקט שוין די אויגען אויס. אָבער איך האָב נאָך אַ ס ך צו טאָן: איך מוז נאָך אָנ־קלײַבען שווארצע יאַגעדעס פון וועלכע איך אַלײן נאָר ווייס „אַן ער־טעל“; כ׳מוז נאָך אַרויפקלעטערן אַ קוק טאָן צו מײַן נעסט פון ווע־וויאַרקעס — זעקס קלײנינקע, געלינקע זײַנען זיי דאָרטען; איך האָף נאָך צו געפינען אויך האָזענע־ניסלעך אונטען אין נוסען־וואַלד.

צווישען די אָלשענע און נוסען־בײַמלעך, אײַנגעפלאָנטערט אין ווילדע האָפּען און קראָפּעווע, דאַרפען שוין זײַן צײַטיגע ווינטערדיגע מאַלינעס, כ׳וועל זיי אויך אָנקלײַבען. א פ ש ר וועל איך קענען זיך פאַר־ענטפערען פאַר דער מאַמען — זעה, וואָס כ׳האָב אָנגעבראַכט: שוועמ־לעך, שווארצע יאַגעדעס, האָזענע ניסלעך און א פ ש ר נאָך ווינטער־דיגע־מאַלינעס אויך...

דער פאַרנאַכט קומט אָן און איך אײַל זיך. פון אַ פּאָליאַנע זעה איך, די זון האָט זיך ווי אַ רויטער טײַך צעשוואומען איבער׳ן הימעל, אײַן זײַט איז באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקענס און ס׳ווערט טינקעלער. איצט וועט שוין בײַ מיר לאַנג ניט דויערען. די פּאַדעשוועלעך זײַנען בײַ מיר גליטשיג פון די פעכיגע נאָדלען, כ׳געה און גליטש זיך — איך גיב זיך אַ זעץ־צו, אַ גליטש. און אָט בין איך אין נוסען־וואַלד.

— ס׳אַרא מאַלינעס! כ׳האָב זיך גאַרניט געריכט — גרויסע און אָנגעשאָטען! זיי זײַנען אַזש שווארץ פון אָנגעגאָסענעם זאַפט. די שטע־כיגע שטעקעלעך בײַגען זיך אַרונטער.

איך וואַרף זיך אין די צונויפגעפלאָנטערטע האָפּען, ברעך איבער און טאָפּטשע אײַן די בריהענדיגע קראָפּעווע, אָ־אָ, כ׳וועל זיי אָנקלײַבען אַ ס ך...

פלוצלונג איז עפּעס פאַרביי מיר דורכגעפלויגען און זיך אַוועקגע־שטעלט אַנטקעגען אויף אַן אויסגעפּוילטען פּיען. איך האָב זיך אײַנגעגאַנ־צען אָנגעצונדען און פאַרהאַלטען דעם אָטעם. איך זעה, אַ וואַסער־פויגעל שפּרינגט פּאַרזיכטיג אַרום און פלאַטערט מיט׳ן געשטרייפטען ווייַדעלע.

— כ׳קען זיך שווערען, ס׳איז אַ נעסט... — גיט מיר אַ קלאַפּ אין הערצעל; כ׳וועל האָבען מיט וואָס זיך גרוים צו האַלטען אין ח ד ר: אַ נעסט פון וועוויאַרקעס־האָב איך שוין, איצט — פון וואַסער־פייגעלעך.

כ׳האָב זיך פאַרטאַיעט; זאָל איך נאָר זעהן, וואו זי שפּרינגט אַריין, וועלען זיי שוין זיין מיינע...

נאָר דאָס פייגעלע האָט מיך דערשפּירט, און קרום פון דער זייט אויף מיר אַ קוק געטאָן, אָפּגעפלויגען אַ שטיקעל און זיך געשטעלט אויף אַ צווייַטען בוים, באַהאַלטענדיג זיך אונטער צווייַגען, ווי דאַרטען וואָלט געווען די נעסט.

—ניין, וועסט מיך ניט אָפּנאַרען. כ׳וועל אַזוי לאַנג וואַרטען, ביז דו וועסט מוזען אַריינפליהען.

אַ צווייטע איז באַלד צוגעפלויגען און זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן זעל־בען פּיען. די ערשטע האָט פאַרצווייפעלט אַ צוויטשער געטאָן, ווי אָנזאָ־גענדיג, אַז דאָ לויערט אַ ש ו נ א.

זיי האָבען זיך געדרייהט און אַרומגעפלויגען. איך בין די גאַנצע צייט געלעגען צונויפגעקאָרטשעט אין די קוסטעס און געטשאַטעוועט. ס׳איז מיר מיט אַמאָל הייס געוואָרען... כ׳זעה, איין פויגעל האָט זיך שטיל אַריינגעגנ׳בעט, און גאָר עפּעס אונטער אַ וואָרצעל.

„אָט וואָס, אַבי איך האָב געמייַנט אין פּיען גופא"...

ווי די צווייטע איז אַריין, האָב איך שוין גאָר ניט באַמערקט, נאָר כ׳האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז זי איז אינוועניג. שטילינקערהייט האָב איך זיך גענומען שאַרען צו דער נעסט.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך אַריינגערוקט די האַנט אונטער׳ן פּיען... כ׳האָב אַ געשריי געטאָן און באַלד אַרויסגעכאַפּט די האַנט צוריק. פון ווייהטאָג האָב איך אָנגעהויבען שפּרינגען אויף איין פיסעל און בלאָ־זען אויפ׳ן צעבלוטיגטען פינגער. אַ שטיק הויט האָט זי מיר אויסגעפּי־קעט מיט׳ן שאַרפען, דינעם שנאָבעל. און מיט אַ מאָל — באַץ! און די ביידע פויגלען זיינען פאַר מיינע אויגען אַרויסגעפלויגען, און פאַרפאַלען!

כ׳קוק זיך אַרום — שטאָק־פינסטער, און איך בין איינינקער אַליין, ביי נאַכט אין וואַלד. איך צאַפּעל פון שרעק. כ׳ווייס: וועלף נישטערן ביינאַכט, און ערגעץ אין מיטען וואַלד — דער פאַר׳כישופ׳טער זומפּ מיט׳ן וואַסער־מענש, מיט זיינע שרעקען, וואָס פאַרנאַרט אַלעמען און פון וואַנען קיינער קערט זיך ניט אום. און דער וואַלד איז שטיל — דער וואַלד שווייגט.

פלוצלונג האָט אַ בייזער פּייף זיך דורכגעטראָגען דורכ׳ן וואַלד. די

ביימער האָבען צעצאָרנטע אָנגעהויבען הודזשען, ווי אַ בייזע האַנט וואָלט זיי געשויבערט די צעוואַקסענע קעפּ. אַ שלאַקס־רעגען האָט אַ גאָס געטאָן און מיט גערויש אָנגעהויבען פויקען איבער די בלעטער.

פון שרעק לאָז איך זיך לויפען פון וואַלד אַרויס, נאָר די פינסטערניש באַגעגענט מיך פון אַלע זייטען און איך ווייס ניט, וואוהין צו לויפען. איך פּלאָנטער זיך אין די ווילדע האָפּען, פאַל אום און בריה זיך אָפּ אָן די שטעכעדיגע קראָפּעווע. קאַלטע שטראָמען וואַסער נעצען מיך דורך און רינען מיר איבער'ן לייב. איך פאַרזשמורע די אויגען פון די בלענדענדע בליצען,—קנוילען־ווייז פליקען זיי דעם הימעל; עס דוכט מיר, אַט לעבען מיר פּאַרטויבען די דונערן, שפּאַלטען זיך ביימער און וועלען מיך אין פיצלעך צעהאַקען... איך וויל זיך צוטוליען צו אַ נאַסען בוים, נאָר ס'טרייסעלט מיך עפּעס אין גאַנצען. פייערדיגע קוילען דרייהען זיך מיר פאַר די אויגען. מיר דוכט, איך הייב אָן זינקען — פאַרזינקען אין פאַר'כ י ש ו פ'טען זומפּ און איך צאַפּעל אין גאַנצען, שטרעק אויס די הענטלעך און מיט די לעצטע כ ו ח ו ת רוף איך :

— מאַמע, מאַמעלע מיינע !

וואו בין איך ?... עפּעס וועלף מיט פייערדיגע אויגען דרייהען זיך פאַר מיין בליק. אין די אויערן קלינגט און ס'פאַרען רייטוואַגענס. און כ'רוף אַלץ :

— מאַמע, מאַמעלע מיינע !

ווי דורכ'ן ח ל ו ם הער איך דער מאַמעס ק ו ל. כ'פיהל נאָר ווי זי נעמט מיך אויף די הענט. איך קלאַמער אַרום איהר נאַסען האַלז. און זי טראָגט מיך אין מיטען שטורעם, טוליעט מיך צו זיך און רעדט שטיל : „אויסגעמאַטערט קינד מיינס, איינגעלע מיינער"...

י. קרעפּליאַק.

ס ו ף־זומער.

סוף זומער, סוף זומער...
און אַט וועלען באַלד
שוין אָנהייבען פאַלען
די בלעטער אין וואַלד.

סוף זומער, סוף זומער...
אוי ווינד איז און וויה !
שוין ליעגט אויף דער לאָנקע
געקאָסיעט דאָס היי.

סוף זומער, סוף זומער...
אַט נאָך אַ פּאָר טעג,
און ס'נעמען די פויגלען
זיך קלייבען אין וועג.

ה. רויזענבלאַט.

פון חומש.

דעם פופצעהנטען טאָג אין דעם זיבעטען חודש, ווען איהר זאַמעלט אַריין די תבואות פון דער ערד און די גאַנצע אַרבייט פון פעלד און ווען איהר פאַרענדיגט די אַרבייט אויפ'ן שייער און אין קעלטער, זאָלט איהר פייערן דעם יום־טוב פון סוכות זיבען טעג. דעם ערשטען טאָג זאָלט איהר קיין אַרבייט ניט טאָן. און איהר זאָלט נעמען דעם ערשטען טאָג אַ פרוכט פון דעם שענעם אתרוג־בוים, אַ טייטעל־בלאַט, אַ צווייגעל פון דעם געפלאָכטענעם הדס־שטרויך און טייך־ערבות. און איהר זאָלט זיך פרייהען דערמיט זיבען טעג. אין סוכות זאָלט איהר זיצען די זיבען טעג, כדי אלע אייערע דורות זאָלען וויסען, אַז אין געצעלטען זיינען געזעסען די אידען, ווען זיי זיינען אַרוים פון מצרים. און דער אַכטער טאָג איז שמיני עצרת; קיין אַרבייט זאָלט איהר אין איהם ניט טאָן.

די סוכה.

א

פאַראַן מענשען, וואָס האָבען קיין זאַך נישט געלערנט און קאָנען אַלצדינג, איך ערגעץ נישט געוועזען און ווייסען אַלצדינג, אויף קיין זאַך נישט באַטראַכט זיך און פאַרשטעהען אַלצדינג.

אָט אַזאַ מענש איז געווען ביי אונז אין כתר ילעווקע און גערופען האָט מען איהם: „איין מאָל משה".

דערפאַר האָט מען איהם גערופען „איין מאָל משה", ווייל אויף יעדער זאַך, וואָס ער האָט געזעהן, געהערט אָדער געמאַכט, האָט ער ליב געהאַט צו זאָגען: „שוין איין מאָל אַזוי".

— מען האָט געטראָגען אַן אינדיק אויף פסח — שוין איין מאָל אַן אינדיק!

— מאָרגען וועט זיין אַ פראַסט אין דרויסען — שוין איין מאָל אַ פראַסט!

— אוי, אידען, בין איך אַן אָרימאַן — שוין איין מאָל אַן אָרימאַן! און אַזוי אַלצדינג.

נישט געווען איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס „איין מאָל משה" זאָל דאָס ניט קאָנען מאַכען: אַ שטוב איז אַ שטוב, אַ זייגער איז אַ זייגער, אַ מאַשינע איז אַ מאַשינע, אַ לעמפעל, אַ דריידעל, אַ קראַן, אַ שפיגעל, אַן עמער, אַ שטייג — און וואָס נישט?

אמת, קיינער האָט נישט געקאָנט אָנווייזען אויף די הייזער מיט

די זוייגערס מיט די מאַשינעס, וואָס זיינען אַרויס פון זיינע הענט, נאָר אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז מ ש ה קאָן. אַז מען האָט מ ש ה׳ן ניט צעריסען אויף שטיקלעך, איז ער געווען איינער אַ גליקלי־כער! האָט זיך איבערגעדרייהט אַ שלאָס — צו וועמען איז מען געגאַנ־גען? — צו מ ש ה׳ן.

האָט זיך געשטעלט אַ זייגער — צו מ ש ה׳ן. פאַרשטאָפּט דער קראַן פונ׳ם סאַמאָוואַר און עס קאָן זיך נישט צאַפּען — ווידער אַמאָל „איין מאָל מ ש ה".

א מ ת, דעם איבערגעדרייהטען שלאָס האָט מען טאַקע נאָכדעם פאַרוואָרפען אַן איבערגעדרייהטען ערגעץ אויף אַ שאַפע; דעם זייגער האָט מען געמוזט אָפּגעבען צום זייגערמאַכער און דעם סאַמאָוואַר צום קעסלער; נאָר „איין מאָל מ ש ה" איז געבליבען דער זעלבער „איין מאָל מ ש ה" וואָס פריהער.

מיט דעם דאָזיגען „איין מאָל מ ש ה" זיינען מיר געוואָרען גאַנץ נאָהענטע ש כ נ י ם אין איין דירה אונטער איין דאַך.

ב

— איך בעט דיך, זאָלסט מיר געזונט זיין, וואָס וועלען מיר טאָן מיט אַ ס ו כ ה?

אַזוי רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטען אין איינעם פון די ע ש ר ת י מ י ת ש ו ב ה.

— דו קעהרסט א ו ד א י וועלען זאָגען: וואָס וועלען מיר טאָן אָהן אַ ס ו כ ה? —אַזוי ענטפערט איהר דער טאַטע. און פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך ערשט דערמאָנט, שרייט ער אויס לעבעדיג:

— שאַ. מיר האָבען דאָך עפּעס אַ ש כ ן מ ש ה, „שוין איין מאָל מ ש ה".

— וואו רעכענט איהר, ר ב מ ש ה, צו שטעלען די ס ו כ ה? — פרעגט דער טאַטע ביי „איין מאָל מ ש ה׳ן". און „איין מאָל מ ש ה" פאַרריסען דאָס היטעל און פאַרטראַכט ווי אַ גרויסער אַרכיטעקטאָר, וואָס באַקלערט זעהר אַ גרויסען פּלאַן, ווייזט מיט ביידע הענט פון דאַנען אַהער און פון דאָרטען אַהין און וויל געבען צו פאַרשטעהן, אַז ווען די ד י ר ה שטעהט נישט אין דרויסען און האָט אַ הויף, פאַרשפּאָרט מען דאַמאָלט צוויי ווענט, און די ס ו כ ה ווערט ביי איהם פאַרטיג אין איין טאָג. וואָס זאָג איך אייך אין איין טאָג? אין איין ש ע ה! נאָר אַזוי ווי די ד י ר ה האָט נישט קיין הויף און מען דאַרף האָבען פיער ווענט, וועט דאָס ביי איהם אַ ביסעל געדויערן; נאָר דערפאַר וועט דאָס זיין אַ ס ו כ ה — שוין איינמאָל אַ ס ו כ ה! דער עיקר עס זאָל נאָר זיין מאַטעריאַל.

— מאַטעריאַל וועט זיין, האָט איהר זשע אינסטרומענטען? — פרעגט איהם דער ב ע ל ־ ה ב י ת פון הויז, הערשקע מאַמצים.

— אינסטרומענטען וועלן זיך געפינען, האָט איהר זשע געהילץ? — פרעגט איהם מ ש ה.

— געהילץ איז פאַראַן, האָט איהר זשע טשוועקעס? — פרעגט איהם הערשקע.

— טשוועקעס קאָן מען קריגען, האָט איהר זשע ס כ ך? — פרעגט איהם מ ש ה, און ביידע צעלאַכען זיך.

ג

נאָר אַז הערשקע מאַמצים, דער ב ע ל ־ ה ב י ת פון הויז, האָט געבראַכט צושלעפען די ערשטע עטליכע ברעטלעך מיט די ערשטע פאַר קלעצלעך, האָט שוין „איין מאָל מ ש ה" געזאָגט, אַז עס וועט זיין שוין איין מאָל אַ ס ו כ ה. און איך בין געווען זעהר נייגעריג צו וויסען, ווי אַזוי וועט ער דאָס מאַכען פון די דאָזיגע עטליכע ברעטלעך מיט די פאַר קלעצלעך אַ ס ו כ ה? איך האָב מיר אויסגעבעטען ביי דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזען זיין דערביי ב ש ע ת מ ש ה וועט מאַכען די ס ו כ ה. און ביי מ ש ה'ן אַליין האָב איך דאָס באַלד געפּ ו ע ל'ט; נישט נאָר ער האָט מיר ערלויבט צו זיין דערביי, א ד ר ב ה — ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל איהם זיין אַ „פּאָמעטש", דאָס הייסט איך זאָל איהם העלפען דערלאַנגען און צוהאַלטען, וואָס ער וועט מיר הייסען.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז איך בין פון אַזאַ מ ע ש ה געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. אַ קלייניגקייט — איך וועל העלפען בויען אַ ס ו כ ה! און געהאָלפען האָב איך זעהר אַ ס ך: געהאָלפען מאַכען מיט די ליפען, ב ש ע ת מ ש ה האָט געקלאַפּט מיט'ן האַמער; געהאָלפען געהן אין שטוב אַריין גלייך מיט איהם עסען; געהאָלפען שרייען אויף די איבעריגע קינדער, זיי זאָלען אונז ניט שטערען די אַרבייט, און געהאָלפען אונטער־טראָגען איהם אַלע מאָל דעם האַמער, ב ש ע ת ער האָט באַדאַרפט דעם גראָבאייזען, און דערלאַנגען איהם די אָפּצווענגע, ב ש ע ת ער האָט באַדאַרפט האָבען אַ טשוואָק. אָן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט פאַר אַזאַ מין העלפען מיט אַזאַ מין „אונטערטראָגען" געוואָרפען אין קאָפּ אַריין דעם האַמער, אָדער די אָפּצווענגע; נאָר „איין מאָל מ ש ה" איז געווען אַ מענש אָהן אַ גאַל. איהם האָט קיינער נישט געהאַט די ז כ י ה צו זעהן ער זאָל זיין אין כ ע ס.

און מ ח מ ת איך בין געווען זעהר פאַרטיפט אין דער אַרבייט, האָב איך גאָרניט באַמערקט, ווי אַזוי און פון וואָסערע נ י ס י ם ס'איז ביי אונז פאַרטיג געוואָרען די ס ו כ ה.

— קום, וועסטו זעהן די ס ו כ ה, וואָס מיר האָבען אויסגעבויט!

— אַזוי זאָג איך דעם טאַטען און שלעפּ איהם אַרויס פאַר דער פּאָלע אין דרויסען אַרויס. און דער טאַטע קוועלט אָן פון אונזער אַרבייט, קוקט אויף מ ש ה'ן מיט אַ שמייכעל און זאָגט צו איהם באַוואוּנדערנדיג אויף מיר:

— האָט איהר כאָטש געהאַט פון איהם, ר ב י מ ש ה, אַ שטיקעל הילף?

— שוין איין מאָל אַ הילף! — זאָגט מ ש ה און קוקט אַרויף אויפ׳ן דאַך פון דער ס ו כ ה מיט י ס ו ר י ם.

— אונזער הערשקע זאָל שוין ברענגען צו טראָגען דעם ס כ ך, וואָלט שוין געווען איין מאָל אַ ס ו כ ה!

ד

ע ר ב ס ו כ ו ת האָט הערשקע מאַמצים געבראַכט צו פיהרען אַ וואָגען מיט דינע, דינע שטעקעלעך, אַ מין קאַמיש, וואָס וואַקסט ביי אונז אויף יענער זייט טייך אין געמיזזעכץ, און מיר האָבען זיך גענומען דעקען די ס ו כ ה, דאָס הייסט דעקען האָט געדעקט מ ש ה אַליין, און איך האָב געהאָלפען צעטרייבען די ציגען, וואָס האָבען זיך צוגע־כאַפּט צום דאַזיגען ס כ ך, ווי צו עפּעס רעכטס. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ ט ע ם האָבען זיי געפונען אין די דאָזיגע ביטערע גרינע שטע־קעלעך.

ווען דער גאַנצער ס כ ך איז שוין געלעגען אויף דער ס ו כ ה, האָבען מיר זיך גענומען אויספוצען די ס ו כ ה פון אינווענינ. ק ו ד ם כ ל האָבען מיר אויסגעשאָטען די ערד מיט געלען זאַמד, נאָכדעם האָבען מיר אַרומגעהאַנגען די ווענט מיט אַלערליי קאָלדרעס; און דאָרט וואו עס האָט נישט געכאַפּט קיין קאָלדרעס, איז געהאַנגען אַ שאַל, און אַז עס האָט ניט געכאַפּט קיין שאַלען, איז געהאַנגען אַ טישטוך אָדער אַ ליילעך. און ערשט נאָכדעם האָבען מיר אַרויסגעטראָגען די טישען מיט די בענק־לעך, די לייכטער מיט די בענשליכט, דאָס געפעס מיט די מעסערס מיט די גאָפּלען מיט די לעפעל, און די ב ע ל־ה ב י ת׳טעס זיינען געגאַנגען בענשען ליכט אין ס ו כ ה.

די מאַמע האָט פאַרשטעלט די אויגען מיט בײדע הענט און געבענשט ליכט. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן זיין ש ב ת׳דיגע זיידענע קאַפּאָטע און געזאָגט צו מיר:

— קום, לאָמיר געהן, שוין צייט געהן אין שוהל אַריין דאַווענען.

נאָכ׳ן דאַווענען זיינען מיר געקומען צוריק אין ס ו כ ה אַריין מיט אַ שענעם ברייטען „גוט י ו ם ־ ט ו ב!" און דער טאַטע האָט זיך געשטעלט מאַכען ק י ד ו ש. נאָכ׳ן טאַטען מאַכט ק י ד ו ש „שוין איין מאָל מ ש ה" און נאָך איהם דער ב ע ל ־ ה ב י ת אַליין — הערשקע מאַמצים. און מיר געהען זיך וואַשען און מאַכען ה מ ו צ י א, און אַלע דריי ב ע ל־ה ב י ת׳טעס ברענגען צוטראָגען די גוטע, וואַרימע, פרישע, געפעפערטע, מ ח י ה־שמעקעדיגע פיש — און איטליכער זעצט זיך מיט זיין געזינדעל, ביי זיין טיש. אַ ס ך קוילעטשען, אַ ס ך הענט טונקען וויי׳כען קוילעטש אין הייסער פיש־יויך, אַ ס ך מיילער עסען. און אַ ווינטעל בלאָזט אַריין אין ס ו כ ה דורך די דינע שוואַכע ווענטלעך און דורכ׳ן שיטערען

ס כ ך. און די ליכטלעך שמעלצען זיך, און אַלע עסען, עסען געשמאַק די יום־טוב׳דיגע ס ע ו ד ה — און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ס׳איז נישט קיין ס ו כ ה, נאָר אַ פּאַלאַץ, אַ גרויסער, אַ ליכטיגער פּאַלאַץ... פלוצים — טררראַך! דער גאַנצער דאַך מיט׳ן ס כ ך אויף אונזערע קעפּ! און נאָכ׳ן דאַך איין וואַנט. און די אַנדערע ווענט בייגען זיך, פאַלען כ ו ר ע י ם, און עפּעס אַ ציג פליהט פון אויבען אַראָפּ גלייך אויף אונז! און מיט אַמאָל ווערט פינסטער; און מיר אַלע, מיט די קוילעטשען, מיט׳ן געפעס, מיט דער ציג ליעגען אין זאַמד. און די ל ב נ ה שיינט, און די שטערען קוקען; און די ציג כאַפּט זיך אויף מיט שרעק אויף די דינע פיסלעך, בלייבט שטעהן אַ ווײַלע און קוקט זיך אַרום מיט נאַרישע אויגען. באַלד כאַפּט זי די פיס אויף די פלייצעס און מאַרש, ווי אַן ע ז ו ת־פ נ י ם איבער טישען און איבער בענק און איבער קעפּ מיט אַ געשריי: מע־ע־ע־ע! די ליכט אַלע אויסגעלאָשען, דאָס געפעס צעבראָכען, די קוילעטשען אין זאַמד, מיר אַלע איבערגעשראָקענע אויף טויט, די ווײַבער קוויטשען, די קליינע קינדער וויינען — אַ ח ו ר ב ן! אַן א מ ת׳ער ח ו ר ב ן!

אַ שענע ס ו כ ה האָט איהר אויפגעשטעלט! — זאָגט צו אונז נאָכדעם דער ב ע ל־ה ב י ת הערשקע מאַמצים מיט אַזא טאָן, גלייך ווי מיר וואָלטען ביי איהם גענומען פאַר דער ס ו כ ה מ י י ו ד ע וויפיעל — אַז איין ציג האָט זי געקאָנט אַנידערלייגען. אַ שענע ס ו כ ה!

— שוין איין מאָל אַ ס ו כ ה! — זאָגט „שוין איין מאָל מ ש ה“, שטעהט ווי אַן אויסגעפּאַטשטער און באַטראַכט מיט קאָפּ פון וואַנען איינגענטליך האָט זיך גענומען דער דאָזיגער ח ו ר ב ן — שוין איין מאָל אַ ס ו כ ה!

— יאָ, שוין איין מאָל אַ ס ו כ ה! — קרימט איבער דער ב ע ל־ה ב י ת, און אַלע העלפען איהם אונטער אין איין ק ו ל:

— שוין איין מאָל אַ ס ו כ ה!

ש ל ו ם־ע ל י כ ם.

אין סוכה.

אַ סוכה אַ קליינע
פון ברעטער געמיינע
האָב איך קוים מיט צ ר ו ת געמאַכט!
געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע ס כ ך
און איך זיץ אין איהר ס ו כ ו ת ביינאַכט.

פון ווינט דעם קאַלטען,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטען,
מיין ליכטעלע לעשען זיך וויל;
דאָך מאַך איך מיר קידוש,
און זעהט נאָר אַ חידוש:
דאָס ליכטעל ברענט רוהיג און שטיל. א. רייזען.

די פּאָן.

א

שלום עליכם

קינדער, איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ פּאָן.

האָבען אויף שמחת־תורה אַ פּאָן, טאַקע וואָס אַ פּאָן הייסט. אַ פּאָן מיט אַ שטעקעל, פון אויבען אַן עפּעל, אינ'ם עפּעל אַ ליכטעל — דאָס האָט ביי מיר דער־מאָלט אויסגעוויזען אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט צו טראַכטען פון דעם.

און שטעלט זיך פאָר, אַז איך, קאָפּעל קוקאַרעקו, ווער מיט אַמאָל אַ גביר, און באַקום מיין אייגענס צוויי און צוואַנציג קאָפּיקעס.

אפשר מיינט איהר אַ נס — אַ פּריץ האָט פאַרלאָרען און איך האָב געפונען? האָט איהר דוקא נישט געטראָפען. איך האָב זיי פאַרדיענט, כשר פאַרדיענט, פאַר־האָרעוועט מיט מיינע אייגענע פיס.

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך דער טאַטע, וואָס איז געווען אונטער־שמש פון קצב'ישער קלויז, געשיקט, איך זאָל צעטראָגען דעם שלח־מנות צווישען די בעל־הבתים. האָב איך גענומען דאָס שעלעכעל מיט'ן פלעצעל אַרומגעטראָגען דאָס פון שטוב צו שטוב צווישען אַלע בעל־הבתים, געקנאָטען מיט די באָרוויסע פיס די קאַלטע גליטשיגע בלאָטע און פון די גראָשענס, וואָס מען האָט מיר גע־שענקט פאַר'ן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציגער מיט פיער גראָשענס.

באַקומען מיט אַמאָל אַזאַ אוצר, געה איך אַרום און טראַכט, וואָס מען טוט מיט אַזוי פיעל געלד: קויפען מאַנדעלעך, פלעצלעך גוטע מיט האָניק־פאַרפעל, אָדער אַן עפּעל אַ געפּרוירענעם? אָדער פאַרלייען

דער מאַמען די עטליכע קאָפּיקעס? אָדער קױפן אַ פּײַפּעלע פֿון װײַסע לײַם מיט רױטע פּינטעלעך, צי אַ מעסערל אַ שאַרפֿס מיט צװײ קלינגלעך, אָדער גאָר אַ בײַטעלע מיט אַ גוט שלעסעל און אָנשטאָפּן עס מיט קנעפּלעך, אַלע אינגלעך זאָלן מײַנען, אַז ס׳איז געלט, און זאָלן מיר מ ק נ א זײַן? אָדער אפשר גאָר צעטײלן אָרימעלײַט?...

אין ח ד ר האָב איך געהאַט אַ ח ב ר — י ו א ל׳יק, אַ נ ג י ד׳ס אַ אינגעל. ער פֿלעגט ת מ י ד האָבן פֿולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן; נאָר יענעם געבן האָט ער פֿײַנט געהאַט. פּלוצים האָט זיך י ו א ל׳יק עפּעס אָנגעהױבן צו מיר שטאַרק צושאַרן, צושמײכלען, געװאָרן מיט מיר אַ ח ב ר, די נ ש מ ה!

— דו װײסט? — מאַכט ער צו מיר — ביזט אַ װאױל אינגעל, װי איך בין אַ איד! איך האָב דיך ליב נאָר דערפֿאַר, װאָס דו האָסט פֿײַנט בעטלען אַזױ װי אַנדערע: „גיב מיר אַ שטיקעל! גיב מיר אַ פּיצעל!“ אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די בעטלערס!... אַ שטיקעל קאָנפֿעט װילסטו?

— אַ שטיקעל קאָנפֿעט? — זאָג איך — פֿאַר װאָס ניט?

— נו — זאָגט ער — און ניסלעך אַ צװײ װאָלסטו געקנאַקט?

— ניסלעך? — זאָג איך — פֿאַר װאָס ניט? איך זאָל האָבן, װאָלט איך געקנאַקט.

און י ו א ל׳יק רופֿט זיך אָן צו מיר:

לאָמיר זיך בײַטען — איך װעל דיר געבן מאַרמעלאַד אַ האַלב שטי־קעל און ניסלעך דרײַ און דאָס מעסערל מײַנס — דו װײסט דאָך מײַן מעסערל? אָן א מ ת׳דיגס, אַ זאָװיאַלאָװס, און דו גיב מיר דײַן זיל־בערנעם פּערציגער.

אַ ח כ ם אַ איד! — זאָג איך — פֿאַר אַ פּערציגער קאָן מען שױן קױפֿן אַ נײַ מעסערל.

—איך גיב דיר נאָך אַ האַלב טוץ קנעפּלעך בײנערנע — זאָגט י ו א ל׳יק — און אַ טשװאָק אָן אײַזערנעם, קאָנסט מיט איהם אױסגראָ־בען אַ גריבעל

— װאָס דאַרף איך — זאָג איך — גראָבען גריבלעך?

— װילסטו ניט? נאַזשע דיר! — מאַכט י ו א ל׳יק און דערלאַנגט מיר אַ בוכענצע אין זײַט אַרײַן און װערט מיט מיר אױס ח ב ר.

װעט איהר דאָך פֿרעגען: אױף װאָס פּאַרט האָב איך געהאַלטען דאָס געלד?

פֿון דעם געלט האָב איך אָפּגעגעבען צעהן קאָפּיקעס אױף דער ל ג־ב ע ו מ ר ס ע ו ד ה און דאָס איבעריגע געלאָזט אױף ס ו כ ו ת — זיך קױפֿען אַ פֿאָן.

ב

דער ס ו כ ו ת איז געקומען און איך האָב מיר געקױפֿט אַ פֿאָן, אַ גרױסע, אַ געלע, אַ „צװײזײַטענדיגע“.

פון איין זייט זיינען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָ־בען געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר באמת זיינען זיי געווען לייבען מיט אָפענע מיילער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זיינען געווען אַרויפגעטאָן פייפלעך, אַ פּנים שופרות.

דאָס האָט איהר ערשט איין זייט פאָן. אויף דער אַנדער זייט איז גע־ווען נאָך שענער. דאָרט זיינען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטען פון משה מיט אהרנ׳ען, פינקטליך ווי לעבעדיגע. צווישען משה׳ן מיט אהרנ׳ען אַ גאַנצע כּאַלאַסטרע אידעלעך, געפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע, מיט תורה׳לעך אין די הענט. די אידעלעך הייבען פיס און זינגען.

באַקומען אַ פאָן, באַדאַרף מען קריגען אַ שטעקעל צו דער פאָן. דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאָמע דעם סטאָליער. רב זיאָמע נעמט אַ שטיקעל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיג.

אַצינד פעהלט מיר נאָר אַ ליכטעל, געוועהנליך פון וואַקס, ניט פון חלב, וואָרים חלב אַז ס׳וועט אַרויפקאַפּען אויפ׳ן עפּעל איז פאַר־פאַלען דער עפּעל, מען וועט איהם נאָכדעם ניט קאָנען עסען. נו, און וואַקס איז דאָך ביי מיר פאַראַן מעהר, ווי ביי אַלע אינגלעך, וואָרים מיין טאַטע איז אונטער־ש מש; איז וואָס עס בלייבט יום־כּפּור פון די ליכט, געהערט צו איהם. ער שמעלצט דערפון „שמשים“ צו די חנוכּה־ליכטלעך און הבדלות.

הקיצור, איך האָב אַלצדינג, וואָס מען באַדאַרף!

אַריינגעזעצט די פאָן אינ׳ם שטעקעל, אויפגעפּאַסט אויפ׳ן שפּיץ אַ רויטען עפּעל און אָנגעצונדען פון אויבען דאָס וואַקסען ליכטעל, לאָז איך מיך שמיני עצרת אויף דער נאַכט אין שוהל אַריין צו די הקפות לעבעדיג פריילעך, ווי אַ גליקליכער פּרינץ, וואָס קיינער איז צו איהם ניט גלייך.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבען אויף דער מזרח־באַנק מיט אַלע בעל־הבית׳ישע קינדער. די ליכט ברענען. מיין פאָן איז שענער פון אַלע פאָנען. מיין עפּעל איז רויטער פון אַלע עפּעל. מיין ליכטעל איז גרעסער פון אַלע ליכטלעך. אין שוהל איז אַן ענג־שאַפט, אַ היץ מיט סכּנת נפשות; ווייבלעך און מיידלעך אַ סך זיינען געקומען קושען די תורה. אָט געהט רב מלך דער חזן מיט׳ן צעלאָזטען טלית אויף צו פריהער. נאָך איהם — די בעל־הבתים. רב מלך ציקעלט זיך און זינגט אויף זיין בלע־כערנער שטימע: עוזר דלים, הושיעה נא! די ווייבלעך מיט די מיידלעך שפּרינגען אין פּנים אַריין, קושען די תורות און שרייען מיט אַ קוויטש: דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר! — גם אתּם! גם אתּם!

ג

נאָר אײדער מען קומט צו צו דער קצב׳ישער שוהל, וואו איך דאַ־ווען, דאַרף מען דורכגעהן דעם שוהלהויף.

— מזל טוב! קאַפּעל קוקאַרעקו האָט אַ פאָן! שלום־עליכם אַ גוטער איד, אַ האַלבען פּנים אָפּגעבריהט...

מיט אַזאַ ברײטען ברוך־הבא האָבען מיך חברה קונדסים באַגעגענט, אַז איך בין געקומען אויפ׳ן שוהלהויף מיט מײן פאָן.

איך באַטראַכט אַלע פאָנען און וואַרף אַ קוק אויף מײן פאָן — ווער? וואָס? וועמען? ווי קומען זײערע פאָנען צו מײן פאָן? ערשטענס די פאָן אַלײן. בײ קײנעם שטעהט זי ניט אַזוי גלײך אַרײנגעזעצט אין שטעקעל, אַז מען זאָל אַרויסזעהן בײדע זײטען. בײ קײנעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּעל. בײ קײנעם איז ניטאָ אַזאַ שען געראָטען ליכטעל. און מײן האַרץ ווערט פול מיט גדלות. עס מאַלט זיך מיר אויס, אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברײטער. די פיס טראָגען מיך. עס גלוסט זיך מיר לאַכען, שרײען, קווטשען, כאַפּען אַ טענצעל...

—אַנו, ווײז נאָר! — רופט זיך אָן צו מיר יואל׳יק דעם נגיד׳ס און בלײבט שטעהן פאַרגאַפט.

— קאַפּעל! — מאַכט ער צו מיר — וואו האָסטו גענומען אַזאַ שען שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו איהם — ווילסט זיך אפשר בײטען אויף דײן טשוואָק?

יואל׳יק פאַרשטעהט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אײגלעך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לײגט אַרײן די האַנט אין קעשענע און טרעט אָפּ. איך קוק איהם נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זעה, ווי ער רופט אָפּ נחמיה׳ן מיט׳ן קרומען פיסעל — אונזער אַ חדר־אינגעל—אויף אַ זײט און סוד׳עט זיך מיט איהם און ווינקט אויף מיר מיט די אויגען. איך זעה גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסענדיג. אין אַ מינוט אַרום געהט צו מיר צו נחמיה מיט׳ן קרומען פיסעל, האַלט יואל׳יקס פאָן און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדען דאָס ליכטעל, מײנס האָט זיך פאַרלאָשען.

— ס׳איז דען דײן פאָן? —זאָג איך צו איהם און בײג אָן מײן פאָן מיט׳ן ליכטעל — איך ווײס דאָך וועמעס פאָן דאָס איז...

און אײדער איך קוק זיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זײן אָנגעצונדען ליכטעל צו מײן פאָן און מאַכט בורא מאורי האש. מײן פאָן צינדט זיך אָן, מיט אַ פלאַקער, פּ־פּ־פּו, — אויס פאָן!...

ווען עס פאַלט אַראָפּ פונ׳ם הימעל אַ שטײן גלײך מיר אין קאָפּ אַרײן; ווען אַ ווילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פאַרצוקען, וואָלט

מײַן שרעק נישט באַדאַרפֿט זײַן אַזוי גרויס, ווי ב ש ע ת איך האָב דער־זעהן מײַן נאַקעטען שטעקען מיט דער אָפּגעברענטער פֿאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסען בײַ מיר פֿונ'ם האַרצען אַ געשרײַ:

— אוי ווײַה, מײַן פֿאָן! מײַן פֿאָן! מײַן פֿאָן!

עס האָבען זיך אַ גאָס געטאָן טרערען פֿון מײַנע אויגען. די גאַנצע וועלט איז פֿאַר מיר פֿינסטער געוואָרען. דאָס שטעקעל מיט'ן עפּעל, מיט'ן ליכטעל זײַנען אַרויסגעפֿאַלען פֿון מײַנע הענט, און איך האָב זיך געלאָזט געהן, איך ווײס אַלײן ניט וואוהין. איך געה און גיס מיט הײסע טרערען. איך ברעך די הענט און באַוויין מײַן פֿאָן, ווי מען באַווײנט אַ טויטען. און איך קום צוגעהן אַהײם אײנער אַלײן, אָהן אַ פֿאָן, און איך פֿאַרקלײַב זיך אין אַ ווינקעלע און זיץ, דעם קאָפּ אַראָפּ צווישען די קניה, און ווײן שטילערהײט, קײנער זאָל ניט זעהן, קײנער זאָל ניט הערען, און איך פֿרעג בײַ גאָט אַ ק ש י ה:

— גוואַלד, גוואַלד, ר ב ו נ ו ש ל ע ו ל ם! פֿאַרוואָס קומט דאָס מיר, פֿאַרוואָס און פֿאַר וועו??...

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

שמחת־תורה.

קינדער, מיר האָבען ש מ ח ת ־ ת ו ר ה,
ש מ ח ת ־ ת ו ר ה אויף דער גאַנצער וועלט.
ת ו ר ה איז די בעסטע ס ח ו ר ה —
אַזוי האָט דער ר ב י מיט אונז געקנעלט.
אוי ווײַה! אוי־אוי־אוי!
פֿרײַהליך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדלעך שיטען זיך פֿון די זעק!
פֿרײַהליך — אָהן אַן עק!

כאָטש איך בין מיר אַן אָרים אידעל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מ ו ח,
ש מ ח ת ־ ת ו ר ה זינג איך אַ לידעל,
און מאַך אַ גוטע כ ו ס'ע אויך!
אוי, ווײַה א. א. וו.

ווער סע קען ניט מײַנע צ ר ו ת,
זאָל זײַ ניט קענען — זאָג איך אײַך!
נאָר טאַקע גלײַך מיט אַלע ש ר ר ו ת
בין איך אום ש מ ח ת ־ ת ו ר ה רײַך!
אוי, ווײַה א. א. וו.

ד ב ו ר ה, גיב מיר-די נײַע קאַפּאָטע,
איך װעל זי אָנטאָן טאַקע אַצינד.
איך װעל דיר זאָגן, אַלצדינג איז בלאָטע,
אַבי מען איז ב ר ו ך ־ ה ש ם געזונט!
אוי, װײַה א. א. װ.

װאו איז בעריל, און װאו איז דװאָסיע?
רוף זײ אַלע אין שטוב אַרײַן!
די מומע סאָסיע, דעם פֿאָטער יאָסיע —
זאָלען זײ אַלע פֿרײַהליך זײַן!
אוי, װײַה א. א. װ.

אוי װײַה, ד ב ו ר ה, װאָס האָסטו מ ו ר א,
כ'בין אַ ביסעל פֿרײַהליך, כ'קען ניט שטעהן?
ד ב ו ר ה ־ לעבען, אום ש מ ח ת ־ ת ו ר ה
װער איז ניט פֿרײַהליך? זאָג אַלײן!
אוי, װײַה א. א. װ.

מ. װאַרשאַװסקי.

הערבסט־ליד.

עס פֿלאַטערן בלעטער,
און פֿליגעלעך זשומען;
אָך, פֿריהער צי שפּעטער
דער הערבסט מוז דאָך קומען!

אױם פֿױגעלשע טרעלען,
אױם בלומען און גראָזען,
און הערבסט־װינטען װעלען
דעם זומער צעבלאָזען.

אָך, פֿריהער צי שפּעטער
עס װעט אונז פֿאַרדאַרבען
דער הערבסטיגער װעטער,
און אַלץ, אַלץ װעט שטאַרבען.

פֿון אַלע פֿיער זײַטען
דער רעגען װעט שמײַסען,
ביז קומען צורײַטען
ט'דער װינטער אין װײַסען.

ד. טשאַרני.

פון שול און חדר.

און וואו בין איך?

א

מ נ ש ה האט געהאט א קורצען ז כ ר ו ן. אינדערפריה, נאכ'ן אויפשטעהן, האט ער אנגעהויבען צו זוכען זיינע קליידער. ער האט ניט געדענקט, וואו ער האט זיי געכמוען אוועקגעלייגט. האט זיי איהם די מאמע געפונען.

נאכדעם ווי ער האט זיך אנגעטאן, האט ער אנגעהויבען צו זוכען זיינע ביכער און העפטען. ער האט געזוכט און ניט געפונען. „אוי וויה!" — האט מ נ ש ה געוויינט און געשריען: „ווער האט גענומען מיינע ביכער? ווער האט גענומען מיינע העפטען?"

— קורצער ז כ ר ו ן! — האט איהם זיין שוועסטער געזאגט — דו האסט זיי דאך אליין אויפ'ן פענסטער אוועקגעלייגט.

זוכענדיג און וויינענדיג האט מ נ ש ה דערוויייל פארשפעטיגט אין שול, און דער לערער האט זיך אויף איהם דערפאר אנגעבייזערט.

און אזוי פלעגט מ נ ש ה זעהר אפט פארשפעטיגען אין שול.

ב

איינמאל האט זיך מ נ ש ה דערטראכט, וואס צו טאן, ער זאל ניט פארשפעטיגען. ער האט גענומען א שטיקעל פאפיר און פארשריבען: מיינע קליידער זיינען אויפ'ן שטול; די שיך — אונטער'ן שטול; די העפטען — אין בוך; די ביכער — אין רענצעל; דער רענצעל — אויפ'ן טיש; דער טיש איז אין קאבינעט, און איך בין אין בעט. און דאס צעטעל האט ער אונטערגעלייגט אונטער'ן קישען.

ווען ער האט זיך אויף מארגען אויפגעכאפט, איז ער פלינק אראפ־געשפרונגען פון בעטעל, האט ארויסגענומען דאס צעטעל און גענומען קוקען, צי אלץ איז אויפ'ן ארט: די קליידער אויפ'ן שטול — פאראן: די ביכער אין רענצעל — פאראן; די העפטען אין בוך — פאראן; דער רענצעל אויפ'ן טיש — פאראן; דער טיש אין קאבינעט — פאראן. און איך אין בעט?

מנשה האָט אויפגעהויבען די קאָלדרע, געטאַפּט, געזוכט און האָט דאָרט קיינעם ניט געפונען.

ער איז געשטאַנען פאַרוואונדערט און האָט געפרעגט: „און וואו בין איך?“.

פון י. שטיינבערג.

תורה איז די בעסטע סחורה.

אויף אַ שיף, וועלכע איז געשוואומען אין ווייטע לענדער, זיינען געזעסען פיעל סוחרים, וואָס האָבען געפיהרט פאַרשיידענע סחורות. זיי האָבען געשמועסט וועגען מסחר, געוויזען איינער דעם צווייטען זייערע סחורות, געקויפט און געביטען זיך מיט זיי.

צווישען די סוחרים איז געזעסען אַ געלערנטער.

„וואו איז דיין סחורה?“ — האָט מען איהם געפרעגט.

— מיין סחורה וועל איך ווייזען, ווען מיר וועלען קומען אין לאַנד, — האָט געענטפערט דער געלערנטער.

די סוחרים האָבען זיך געוויצעלט איבער אַזאַ סחורה, וואָס מען זעהט זי ניט און זי פאַרנעמט קיין אָרט ניט אויפ'ן שיף.

אויפ'ן וועג זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען ים-רויבער און צוגענומען די גאַנצע סחורה. ווען די שיף איז אָנגעקומען אין לאַנד, זיינען אַלע סוחרים אַראָפּ הוילע און נאַקעטע. זיי האָבען אַפילו ניט געהאַט אויפ'ן ערשטען מאָלצייט. אויפ'ן געלערנטען מענשען אָבער האָבען געוואַרט פיעל תלמידים זיינע און פאַרעהרער. מען האָט איהם באַגעגענט מיט גרויס כבוד. דעמאָלט האָבען די סוחרים פאַרשטאַנען, אין וואָס באַשטעהט זיין סחורה. זיי זיינען צו איהם אַריינגעגאַנגען און געזאָגט: „גליקליך ביסטו, געלערנטער, מיט דיין סחורה. איצט ווייסען מיר, אַז זי איז די בעסטע: זי ווערט ניט גערויבט און געהט ניט פאַרלאָרען“.

זיי האָבען איהם געבעטען, ער זאָל זיי באַהילפיג זיין אין זייער אומגליק. דער געלערנטער האָט געבעטען די עלטסטע פון שטאָט, מען זאָל זיי באַהילפיג זיין. די עלטסטע האָבען אויפגעקליבען פאַר זיי נדבות און אויסגעריכט זיי אַהיים.

אגדה.

הלל'ס ליבע צו תורה.

א

ה ל ל פלעגט יעדען טאָג זיך פאַרדינגען אויף אַרבײַט און באַקומען לוין נאָר עטליכע פ ר ו ט ו ת. דערפון פלעגט ער האַלב אַוועקגעבען דעם ש מ ש פון ב י ת־ה מ ד ר ש, ער זאָל איהם אַרײַנלאָזען הערען ת ו ר ה, און האַלב פלעגט איהם בלייבען אויף לעבען פאַר זיך און פאַר זײַן הויזגעזינד. מאַכט זיך אײַנמאָל, אַז ער האָט געזוכט אַ גאַנצען טאָג און גאָר נישט באַקומען צו פאַרדיענען. קומט ער פאַרנאַכט צום ב י ת־ה מ ד ר ש, לאָזט איהם אַהין דער היטער אָהן געלט ניט אַריין. קלעטערט ער אַרויף אויפ'ן דאַך און שפּאַרט זיך אָן דאָרט לעבען דעם שײַן־פענסטערל אויפצוכאַפּען אַ לעבעדיג וואָרט פון די צוויי גרויסע לערערס מויל — פון ש מ ע י ה און א ב ט ל י ו ן.

ב

אויסגעקומען איז דאָס אין אַ ווינטערדיגען פרײַטאג צונאַכט. און ווי ה ל ל ליעגט דאָ אַזוי פאַרטיפט אין הערען, פאַלט דערווײַל אַרוים אַ שניי. און דער שניי געהט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ה ל ל'ן פאַרשאָטען. ש ב ת פאַרטאָג זאָגט ש מ ע י ה צו אַ ב ט ל י ו נ'ען: אַ ב ט ל י ו ן ברודער, אַלע טאָג אין דער צײַט איז שוין אין הויז ליכטיג, און הײַנט איז נאָך פינסטער. וואָס באַטײַט עס? זאָל דאָס זײַן אַזאַ וואָלקען־טאָג? גיבען זיי אַ קוק אַרויף, דערזעהן זיי עפּעס אַ מענשענגעשטאַלט אויבען אין פענסטערל. איז מען אַרויף אויפ'ן דאַך; געפינט מען ה ל ל'ן, ווי ער ליעגט דאָרט אונטער אַ באַרג שניי פון דריי איילען הויך. נעמט מען איהם אַראָפּ, מען וואַשט איהם אַרום און מען שמירט אוים זײַן לײַב מיט בוימעל און מען מאַכט אַ פײַער איהם צו דערוואַרימען, ער זאָל קומען צו זיך. „צוליב אָפּראַטעווען דאָס לעבען פון אַ זעלכען, זאָגען די לערער, מעג מען אַלץ טאָן“.

א ג ד ה.

ווערטער פון חכמים.

ה ל ל זאָגט: זאָג ניט: „ווען איך וועל זיין פריי, וועל איך לערנען“, דען מעגליך, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט פריי זיין.

ער פלעגט אויך זאָגען: אַן אומוויסענדער קאָן זיך ניט היטען פון שלעכטע מ ע ש י ם, און אַ שעמעוודיגער קאָן קיין זאַך ניט לערנען.

ער פלעגט אויך זאָגען: האָב ליב מענשען און דערנעהענטער זיי צו דער תורה.

שמאי זאָגט: מאַך אַ באַשטימטע צייט פאַר דיין לערנען. זאָג ווייניג און טו אַ סך, און נעם אויף יעדען מענשען מיט אַ פריינדליכען פנים.

דער האָן און די פערל.

אַ האָן, זיך גריבלענדיג אין מיסט
מיט פלייַם,
האָט דאָרט דערוויסט
אַ פערל פון אַ הויכען פרייַז,
און נאָך אַ קורצען בייַם
האָט ער אַוועקגעשלייַדערט זי אויף גיך.
דערבייַ האָט ער גערעדט צו זיך,
זיך קרימענדיג פון עקעל:
„אַזאַ מין נישטיג ברעקעל!
„און איך האָב נאָך צוערשט
„געמיינט, להבדיל, ס'איז אַ גערשט!“

יהואש.

רחל און עקיבא.

א

אַמאָל האָט אין ירושלים געוואוינט אַ רייַכער מאַן מיט'ן נאָמען כלבא־שבוע. האָט ער געהאַט אַ בת־יחידה, וואָס האָט געהייסען רחל. איז רחל'ען געפעלען געוואָרען איינער פון איהר פאָטערס פאַסטוכער, עקיבא דער זוהן פון יוסף, און זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט. איז איהר פאָטער אויף איהר אין כעס געוואָרען, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איהר און באַשטימט — ניט צו לאָזען איהר קיין ירושה.

האָט רחל פאַרלאָזען איהר פאָטערס פּאַלאַץ און האָט זיך באַזעצט מיט איהר מאַן אין אַ קליינעם געצעלט הינטער דער שטאָט. זיי זייַנען געווען זעהר אָרים און האָבען געגעסען נאָר טרוקען ברויט. רחל

איז אָבער שטענדיג געווען פריילעך און פלעגט נאָך פאַרטרייבען דעם אומעט און די שווערע געדאַנקען פון איהר מאַן.

איינמאָל זאָגט ר ח ל צו ע ק י ב א׳ן: „ע ק י ב א! דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט געהן צו די ח כ מ י ם לערנען ת ו ר ה. ווען דו טוסט אַזוי, וואָלט איך געווען די גליקליכסטע פון אַלע פרויען“.

אויף מאָרגען האָט ע ק י ב א זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין פרוי און אַוועקגעלאָזט זיך לערנען ת ו ר ה.

ב

איז ר ב ע ק י ב א אָנגעקומען אין אַ שטאָט און האָט זיך געזעצט לערנען ביי אַ מ ל מ ד, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער א ל ף־ ב י ת. דער דערוואַקסענער ע ק י ב א האָט זיך ניט געשעמט און גע־ לערנט צוזאַמען מיט קליינע קינדער.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער שוין געקאָנט גוט לייענען. דאַמאָלסט איז ער אַריבער אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש, וואו ער האָט גע־ לערנט ביי באַרימטע געלערנטע לייט.

געלעבט האָט ע ק י ב א פון האָלץ־האַקען. גאַנץ פריה פלעגט ער אויפשטעהן, אָנהאַקען אין וואַלד אַ בינטעל האָלץ, ברענגען עס אין שטאָט אַריין און פאַרקויפען. ער האָט געלעבט אין אָרימקייט, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו לערנען גאַנצע טעג און נעכט.

און ע ק י ב א איז געוואָרען אַ גרויסער ל מ ד ן. ער האָט שוין געקאָנט לערנען בעסער פון אַלע זיינע ח ב ר י ם. און באַלד איז ער געוואָרען באַרימט, ווי איינער פון די גרעסטע געלערנטע. מען האָט איהם אָנגעהויבען צו רופען: „ר ב י ע ק י ב א“.

ס׳זיינען אַריבער פיעל יאָרען. ר ב ע ק י ב א האָט באַקומען מיט זיין געלערנטקייט און ח כ מ ה אַ ש ם אויף דער גאַנצער וועלט, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען צו איהם ת ל מ י ד י ם פון אַלע זייטען. די צאָהל פון זיינע ת ל מ י ד י ם איז מיט דער צייט אויסגע־ וואַקסען ביז פיער און צוואַנציג טויזענט.

ג

אַז עס זיינען אַריבער פיער און צוואַנציג יאָר, האָט ר ב ע ק י ב א זיך געלאָזט צוריק קיין י ר ו ש ל י ם, צו זיין פרוי ר ח ל. מיט איהם זיינען מיטגעגאַנגען טויזענטער ת ל מ י ד י ם.

ווען מען האָט אין י ר ו ש ל י ם דערהערט, אַז עס קומט ר ב י ע ק י ב א, דער גרעסטער פון די אידישע ח כ מ י ם, זיינען די ח ש ו ב׳סטע, די אָנגעזעהנסטע לייט פון שטאָט איהם אַרויסגעגאַנגען

אַנטקעגען. צווישען די חשוב׳ע לײַט איז אויך געווען כלבא־שבוע.

רחל האָט זיך אויך געלאָזט געהן אַנטקעגען ר׳ עקיבא׳ן. ווען זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי געקושט דעם זוים פון זײַן קלייד און גע־וויינט פאַר שמחה. די תלמידים האָבען זי געוואָלט אָפּשטויסען און אָוועקטרײַבען, וואָרים זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז זי איז ר׳ עקיבא׳ס ווײַב.

האָט רב עקיבא זיי געזאָגט: „לאָזט זי, קינדער! איהר זאָלט וויסען, אַז איהר האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אי מײַן תורה, אי אײַערע. ווען ניט די פרוי, וואָלט איך ניט געווען אײַער לערער און איהר — מײַנע תלמידים".

ווען דער רײַכער כלבא שבוע האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ עקיבא איז דאָס זײַן איידעם, האָט ער זײַן טאָכטער רחל צוריק געמאַכט פאַר זײַן יורש׳טע און ער האָט אײַנגעלאַדען ר׳ עקיבא׳ן געהן וואוינען בײַ איהם אין פּאַלאַץ. רב עקיבא אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די רײַכע פּאַלאַצען און זיך באַזעצט אין׳ם געצעלט פון זײַן ווײַב.

און זייער אָרים געצעלט איז געוואָרען העכער פון אַלע שענסטע פּאַ־לאַצען, ווײַל דאָרטען האָט געוואוינט דער גרעסטער געלערנטער פון די אידען, און אַהין פלעגט מען קומען פון נאָהענט און פון ווײַט הערען תורה און חכמה.

אגדה.

דער ערשטער טאָג אין סקול.

יאָסעלע, אַ אינגעלע פון אַ יאָר צוועלף, איז געקומען פון רוסלאַנד אין אַמעריקע. זײַנע עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע האָט שוין זײַט אַ געוויסער צײַט געוואוינט אין ניו יאָרק. און עס איז געקומען די צײַט, ווען מען האָט יאָסעלען געמוזט אין סקול אָפּגעבען.

די מוטער האָט איהם בײַ דער האַנט גענומען; בערעל, זײַן ברודערל, וואָס איז שוין געגאַנגען אין סקול, איז מיטגעגאַנגען, און מען האָט יאָסע־לען צו דער סקול געפיהרט.

אַרײַנגעקומען אין אַ גרוים הויז, האָט יאָסעלע מורא געקראָגען. נאָר געזעהן, ווי בערעל פיהלט זיך היימיש דאָרט, גריסט זיך מיט אַלע, איז ער אַביסעל רוהיגער געוואָרען. בערעל האָט זיי אַרײַנגעפיהרט אין דער קאַנצעלאַריע (אין אָפיס) אַרײַן, וואו מען האָט יאָסעלען פאַרשרײַ־

בען. יאָסעלע האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט בערלען, ווי ער שטעהט און ט ע נ ה'ט זיך אויס אויף עפּעס אַ פרעמדער שפּראַך מיט אַ הויכען מאַן און ער האָט גאָר ניט קיין מ ו ר א. דערנאָך האָט בערעל יאָסעלען ביי דער האַנט אָנגענומען און אַרייַנגעפיהרט איהם אין אַ גרויסען זאַל אַרייַן.

אַזאַ גרויסען זאַל האָט נאָך יאָסעלע קיינמאָל ניט געזעהען. אין זאַל זיצען קינדער, יעדעס קינד אויף אַ שטול. ער האָט ניט באַמערקט, ווי מען האָט איהם אויך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. אויף דעם בעלעמער זייַנען געשטאַנען די לערער און לערערינס און מען האָט געשפּילט אויף עפּעס אַן אינסטרומענט, און די קינדער האָבען אַלע מיטגעזונגען אַ ליד, וואָס יאָסעלע האָט ניט פאַרשטאַנען.

באַלד האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט. די קינדער האָבען זיך אָנגעהויבען מיט ר ע ש צו צעגעהן. בערעל איז צוגעגאַנגען צו איינער פון די לערערינס און עפּעס געזאָגט. די לערערין איז צוגעגאַנגען צו יאָסעלען, האָט איהם אָנגענומען מיט דער האַנט בייַם קינדעל און מיט אַ ליבליכען שמייכעל עפּעס צו איהם גערעדט. נאָר יאָסעלע האָט ניט פאַרשטאַנען. די לערערין האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרויסגעפיהרט איהם פון זאַל. און זי שפּרינגט מיט איהם איבער טרעפּ און רעדט צו איהם און שמייכעלט צו איהם און דערצעהלט איהם און ווייַזט איהם מיט די הענט. נאָר יאָסעלע פאַרשטעהט ניט, וואָס זי רעדט.

באַלד פיהרט איהם די לערערין ווידער אַרייַן אין אַ זאַל. קינדער זייַנען דאָרט. און ווי זיי האָבען זי דערזעהן, זייַנען זיי זי באַפאַלען מיט לאַכען און פרייד. זי ווייַזט די קינדער אויף יאָסעלען און אַלע קוקען יאָסעלען אַזוי נייַגעריג אָן. און זי נעמט איהם ביי דער האַנט און זעצט איהם הינטער אַ שטענדער אַוועק, און נעמט פּאַפּיר און לייגט פאַר איהם, און אַ בלייַשטיפט גיט זי איהם אין האַנט אַרייַן און ווייַזט איהם אויף אַ מענשעלע, וואָס שטעהט אויסגעמאָלט אויף אַ טאַבעלע, און הייסט איהם, ער זאָל נאָכמאָלען דאָס מענשעלע, און געהט איבער צו די אַנדערע קינדער.

ש. אש.

אין חדר.

גענוג געקלעטערט אויף די בײמער,
יאַנקעלע, מײַן קינד!
גענוג געקײַקעלט זיך אין גערטעל.
אין ח ד ר שוין — געשווינד!

גענוג געפּליושקעט זיך אין טײַכעל,
יאַנקעלע, מײַן זוהן!
פאַרלאָז די לאָנקע און דאָס וועלדעל,
מאַך א ס ו ף דערפון!

גענוג געשטיפט שוין אין די קוסטעס —
ווײַה איז מיר און ווינד!
גענוג געהערט שוין פויגעל זינגען,
ביסט ניט מעהר קײַן קינד...

גענוג געקוקט שוין אויף די שטערן
אין א זומער נאַכט; —
אָט, נעם דעם ס י ד ו ר, געה אין ח ד ר,
פאַר א ת כ ל י ת טראַכט.

י. אדלער.

אַ חדר־מעשה.

זיבען יאָר איז מיר געוואָרען — און די מאַמע, זאָל געזונט זײַן, האָט געזאָגט: „נו, צײַט אין ח ד ר, צײַט אין ח ד ר געהן, מײַן קינד! אוים, אַ ס ו ף, גענוג געהוליעט אויף דער וועלט, אַרומגעפּלויגען פרײַ און גליקליך ווי אַ פויגעל, פריש און פרײַהליך ווי דער ווינט“.

און א ב ר ה ם מ'לדער באַהעלפער האָט מיך אײַנגעהילט, פאַרוויקעלט אין אַן אַלטען געלען ט ל י ת און אַוועק מיט מיר אין ח ד ר.

ס'איז געווען אַ וואונדער־שענער, פרישער, ליכטיגער פריהמאָרגען. שען און ליכטיג, רײַן און פריש האָבען שטראַלען זיך געגאָסען דורכ'ן פענסטערל אין ח ד ר און געפינקעלט אויפ'ן ר ב י'ן, אויפ'ן ס י ד ו ר, אויפ'ן טיש. און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער עקזאַמען: „זאָג נאָר,

ב ח ו ר, וואָס איז דאָס?“ — אַן אַ ל ף. „ריכטיג. דאָס?“ — אַ הא. „און דאָס?“ — אַ ת ו.



און בײַ יעדען א ו ת, בײַ יעדען ענטפער פאַלען מיר פון אויבען לעקעך, ראָזשינקעס, קאָנפעטען, ניס און מאַנדלען אָהן אַ ס ו ף. און דער ר ב י, ר ב ב נ י מ י ן, (זאָל אַ ליכטיגען ג ן־ע ד ן האָבען) זאָגט: „דו זעהסט? דאָס וואַרפען דיר מ ל א כ י ם׳לעך, מײַן קינד! זאָלסט מיט ח ש ק לערנען ת ו ר ה, לערנען ת ו ר ה, לערנען ח כ מ ה. און געדענק, מײַן קינד, ווער ס׳וויל ניט לערנען, בלײַבט אויף אײביג בלינד“.

ש. פרוג.

דער אלף־בית.

אויפ׳ן פריפעטשאָק ברענט אַ פײַערל,
און אין שטוב איז היים.
און דער ר ב י לערנט קלײנע קינדערלעך
דעם א ל ף ־ ב י ת.

זעהט־זשע, קינדערלעך, געדענקט־זשע, טײַערע,
וואָס איהר לערנט דאָ!
זאָגט־זשע נאָכאַמאָל און טאַקע נאָכאַמאָל
ק מ ץ אַ ל ף — אָ!

לערנט, קינדער, מיט גרוים ח ש ק,
אַזוי זאָג איך אײַך אָן.
ווער ס׳וועט גיכער פון אײַך קאָנען ע ב ר י,

דער באַקומט אַ פּאַן.

זעהט־זשע, קינדערלעך א. אַז. וו.

לערנט, קינדער, האָט קיין מ ו ר א,
יעדער אָנהייב איז שווער.
גליקליך איז דער, וואָס האָט געלערנט ת ו ר ה.
צי דאַרף דער מענש נאָך מעהר?

זעהט־זשע, קינדערלעך א. אַז. וו.

איהר וועט, קינדער, עלטער ווערען,
וועט איהר אַליין פאַרשטעהן,
וויפיעל אין די א ו ת י ו ת ליעגען טרערען
און וויפיעל געוויין.

זעהט־זשע, קינדערלעך א. אַז. וו.

מ. וואַרשאַווסקי.

דער ערשטער טאָג אין נייעם חדר.

אַז די מאַמע האָט מיך געבראַכט צופיהרען אין ח ד ר, האָב איך געטראָפען דעם ר ב י'ן, אַ איד מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ שפּי־צעדיגער יאַרמעלקע, זיצען מיט אַלע ת ל מ י ד י ם ביים ח ו מ ש.

ניט געמאַכט קיין לאַנגע ש ה י ו ת, האָט מיר דער ר ב י אַ זאָג געטאָן: „קריך אַהינצוצו אויף יענער זייט באַנק צווישען יענע צוויי

אינגלעך". און איך בין אַרויפגעקראָכען אויף דער באַנק, זיך אַריינגע־כאַפּט צווישען צוויי אינגלעך, און איך האָב שוין געהייסען אַ צוגענומע־

נער. „געדענק זשע, זאָלסט זיך לערנען ווי ס'געהער צו זײַן", — זאָגט צו מיר די מאַמע שוין שטעהענדיג בײַ דער טיר, און דריִיהט נאָך אַמאָל דעם קאָפּ צו מיר און קוקט, קוקט אויף מיר מיט פריִיד, ליבשאַפט און ר ח מ נ ו ת. דער מאַמעס קוק פאַרשטעה איך גוט: זי האָט ה נ א ה, וואָס איך לערן שוין ח ו מ ש, און עס טוט איהר וויִיה דאָס הארץ, וואָס זי דאַרף זיך מיט מיר שײַדען.

מיר איז געווען אויפ'ן הארצען אַ ס ך פריִיהליכער, ווי מײַן מאַמען: איך זיץ צווישען אַזוי פיעל נײַע ח ב ר י ם, קײַן ע י ן־ה ר ע, וואָס באַטראַכטען מיך און איך באַטראַכט זיי. נאָר דער ר ב י לאָזט אונז לאַנג ניט זיצען אָהן אַרבײַט. ער צעשאָקעלט זיך און שרײַט אוים אויף אַ ק ו ל מיט אַ נ י ג ו ן אײַן וואָרט נאָכ'ן אַנדערען פון ח ו מ ש, און מיר אַלע שרײַען איהם נאָך מיט'ן זעלביגען נ י ג ו ן.

ש ל ו ם־ע ל י כ ם.

איך בין שוין אַ גרויסער.

„ברענג הײַנט מיט זיך אַ ח ל ב'נע ליכטעל" — האָט צו מיר געזאָגט דער ר ב י, ווען איך האָב זיך אָנגעטאָן צו געהן אַהיים עסען מיטאָג: — אַלע אינגלעך, וואָס לערנען שוין ח ו מ ש, הייבען הײַנט אָן צו לערנען אין אָוונט. פון הײַנט אָן דאַרף יעדער ח ו מ ש־אינגעל ברענגען יעדע וואָך אַ ח ל ב'נע ליכטעל צו באַלײַכטען דעם טיש בײַם לערנען, און אַ לאַנטערנע צו באַלײַכטען זיך דעם וועג בײַם געהן בײַנאַכט אַהיים.

— הײַנט הייב איך אָן צו לערנען אין אָוונט, — האָב איך זיך געטראַכט, געהענדיג אַהיים צו מיטאָג—אַ, וואָס פאַר אַ טײַערע ב ש ו ר ה דאָס איז! ווי איך וועל נאָר אַרײַנגעהן אין שטוב, וועל איך גלײַך אָנזאָגען דער מאַמען און מײַנע שוועסטערלעך, אַז איך בין שוין אַ גרויסער, אַז איך וועל זיך שוין מעהר ניט שפּילען מיט זיי, ווי ביז איצט.

ווי גוט איז דאָס צו זײַן אַ גרויסער!

איך געדענק, אַז פאַראַיאָרען בין איך נאָך געווען אַ קליינער. אַלע אינגלעך פלעגען דאַן זאָגען: „ח פ נ י איז נאָך אַ קליינער, ער לערנט נאָך ניט אין אָוונט". דער באַהעלפער פלעגט מיך טראָגען אַהיים אויף זײַנע אַקסלען און פלעגט זאָגען צו מײַן מאַמען: „ח פ נ י איז נאָך אַ קליין אינגעלע, ער קאָן נאָך ניט געהן צו־פוס איבער דער בלאָטע".

אַ קליינער! אַ קליינער! אָט דאָס וואָרט האָב איך ר ק געהערט פון אַלע זײַטען. אוי, האָב איך געוואָלט זײַן שוין אַ גרויסער, לערנען ח ו מ ש און זיצען אין אָוונט אין ח ד ר!

און איצט בין איך שוין אַ גרויסער! איצט לערן איך שוין חומש
און היינט הייב איך שוין אָן צו לערנען אין אָווענט!
אַ, ווי גוט, ווי וואויל!

ז. פייערבערג.

אין אָווענט אין חדר.

עס איז געוואָרען טונקעל. דער רבי איז אַוועקגעגאַנגען דאַווענען מעריב. די רבי'צין איז געגאַנגען קויפען נאָפט און אַ שמועס טאָן אַ ביסעל מיט איהרע באַקאַנטע. און די באַהעלפערס האָבען אָפּגעפיהרט אַהיים די קליינע קינדער, וועלכע לערנען ניט ביינאַכט.

אין שטוב ווערט פינסטער, און עס הערשט אַ טיפע שטילקייט. אַלע קינדער האָבען זיך צונויפגעקליבען אין איין ווינקעל און טוליען זיך איינער צום אַנדערען.

איין אינגעל שטעהט אין מיטען און דערצעהלט שטילערהייט און מיט אַן אומעטיגען קול אַ וואונדערבאַרע און שרעקליכע מעשה וועגען מתים, וועלכע זיינען געקומען ביינאַכט דאַווענען אין דער גרויסער שול אַריין.

די קינדער שטעהען מיט אָפענע מיילער: זיי זיינען גרייט צו הערען און הערען אָהן אַ סוף. אַ שרעק נעמט אַלעמען אַרום; און די קינדער דריקען זיך נאָך ענגער איינער צום אַנדערען, ווי זיי וואָלטען וועלען צו־זאַמען קעמפפען געגען יעדער געפאַר.

דער אינגעל ענדיגט זיין מעשה, און אַ צווייטער הייבט אָן צו דערצעהלען אַ נייע מעשה וועגען צוועלף גזלנים; נאָכדעם דער־צעהלט אַ דריטער אַ מעשה וועגען דעם קעניג פון די שדים. און אַ מעשה געהט נאָך אַ מעשה. די קינדער ווילען אַריבערשטייגען איינער דעם אַנדערען אין דערצעהלען די מעשות, וואָס יעדער פון זיי האָט געהערט.

פלוצלונג קומט די רבי'צין און צינדט אָן פייער. אין שטוב ווערט ליכטיג. און מיר, די קינדער, שטעהען און רייבען זיך די אויגען, וועלכע טוען וועה פון פלוצלונגדיגען ליכטיג ווערען.

דער שרעק איז פאַראיבערגעגאַנגען; די פאַנטאַזיעס זיינען פאַר־שוואונדען; די מעשות — פאַרגעסען געוואָרען; נאָר די קינדער שטעהען נאָך אַ ווייַלע אָהן באַוועגונג, אָהן געדאַנק, אָהן ווילען...

נאָר אָט קומט דער רבי מיט די באַהעלפערס, און אין שטוב

ווערט אַ גערודער. די קינדער שיטען זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער שטוב. איַיניגע שמועסען צווישען זיך, אָדער קריגען זיך, אַנדערע האָבען גענומען איבערבײַסען מיט דעם ברויט און הערינג, אָדער פּוטער, אָדער קעז, אָדער שמאַלץ, וואָס עס איז זײַ נאָך איבערגעבליבען פון מיטאָג.

דער ר ב י זעצט זיך בײַם טיש אויבען אָן, און די צוויי באַהעלפערם ביי די זײַטען; און די קינדער אַלע זיצען אויף די בענקלעך אַרום טיש. דעם ר ב י׳נס ק ו ל מישט זיך אוים מיט די ק ו ל ו ת פון די באַהעלפערם און מיט די אומעטיגע ק ו ל׳כעלעך פון אַלע קינדער, און אַ טומעל און אַ געשרײַ פילט אָן דעם ח ד ר.

ז. פייערבערג.

פון חדר ביינאַכט.

עס הײבט זיך אויף דער ר ב י, און נאָך איהם די באַהעלפערם. עס ווערט אַ געלויפעריַי, אַ גערודער; מיר שטויסען, שטופען איינער דעם אַנדערען, ווילען וואָס גיכער אַרוים פון די ערטער. יעדערער וויל דער ערשטער זיך פון בענקעל אַראָפּכאַפּען. די אײַגעלעך פינקלען און בלישטשען, און ווען נים דעם ר ב י׳נס שטרענגער קוק, וואָלטען מיר פאַר גרוים פרייד געטאַנצט, געשפּרונגען! אַ גאַנצען טאָג איז מען דאָך געזעסען אײַנגעשפּאַרט, און איצט איז מען שוין פרײַ!

די באַהעלפערם טוען אונז אָן, פאַרוויקלען אין וואַרימע טיכער, מאַכען צורעכט אויף אונז די היטלעך און שטעלען אונז אוים ש ו ר ו ת־וויַיז, נאָך דער גאַס נאָך, וואו יעדערער וואוינט. אויף גיך צינדען מיר אָן די לאַנטערנדלעך און מאַרש מיט אַ ליאַרעם אויף דער גאַס אַרוים. ווער אונז ר ב י, וואָס אונז ח ד ר, — אַלץ פאַרגעסען!

אויף דער גאַס איז קאַלט און פינסטער. עפּעס פײַכטע שטיקער, וואָס פאַלען פון הימעל—און וואָס עס איז שווער אין דער פינסטער צו דערקענען, צי דאָס איז שנײַ, צי רעגען—פאַטשען מיט אַ ווילדען כ ע ס אונז אין די פּ נ י מ׳ער, אין די פאַרפרוירענע אויערן. אָט פאַר׳ג נ ב׳ענען זיך עטליכע טראָפּענם אַרײַן דורכ׳ן קאַלנער און רינען, לאָזען זיך דאָרט אַרונטער טיף, טיף איבער דער ברוסט. די פים פיהרען איצט זעהר אַ שווערע מ ל ח מ ה. נאָר מיט וועמען פון אונז אַ שטײַגער קעהר זיך אָן איצט אַזוינע נאַרישקײַטען, איצט, ב ע ת דאָס הערצעל טאַנצט פאַר ש מ ח ה? לוסטיג שפּרינגען מיר אַרום, שטופען פון גרוים ליבשאַפט איינער דעם אַנדערען אין דער בלאָטע אַרײַן און זידלען, און קריגען זיך — אויף קאַטאָוועס.

ביסלעכווייז אָבער ווערט די קאָמפּאַניע אַלץ קלענער, ווייניגער. וואָס אַ ווײַלע נעמט אַ אינגעל אָפּשייד און מיט אַ „הורא“ און פרייד־געשריי לאָזט ער זיך לויפען צו זיך אין שטוב אַרײַן. ביסלעכווייז בלײַבט פון דער פריהערדיגער פרייהליכקייט קיין ס י מ ן ניט מעהר. די געזאַנגען ווערען ווי אָפּגעהאַקט, און איך, ח פ נ י, בלײַב פאַרלאָזען פון מײַנע ח ב ר י ם, איינער אַליין. דאָס לאַנטערענדעל באַלײַכט מיר נאָר מײַנע פיער איילען און מאַכט נאָך שוואַרצער, שרעקליכער די פינסטערניש, וואָס אַרום מיר. און איך געה איינער אַליין... איך מאַך זיך הארץ, טו זיך אָן אַ כ ו ח, געה ווי אַן א מ ת'ער ג י ב ו ר און שטעל גרויסע טריט און געה אַלץ ווײַטער, ווײַטער... נאָך אַ שמאָל געסעל דורכגעהן, נאָך פינף הײַזער... נאָך פיער... נאָך דרײַ... אָט איז שוין אונזער שטוב... דורכ'ן פענסטער זעהט זיך פײַער. — ס'אַראַ ח י ו ת דאָרט איז צו זײַן! נישטאָ דאָרט פאַרוואָס מ ו ר א צו האָ־בען; ניטאָ דאָרט קיין בלאָטע, קיין גליטשיגע סטעזשקעס — און איך, ח פ נ י, וועל דאָרט די ר ג ע טאָקע זײַן!

ז. פייערבערג.

אין אָוועגט אין דערהיים.

די טיר האָט זיך געעפענט, און מיט אַ ליאַרעם בין איך אין שטוב אַרײַן. אין איין האַנט האַלט איך דאָס לאַנטערענדעל און מיט דער אַנ־דערער מאַך איך הינטער זיך די טיר צו.

מײַן מאַמע זיצט אויף אַ בענקעלע פאַר דער וואַרימער הרובע; אויפ'ן טיש, וועלכער שטעהט לעבען איהר, ברענט טונקעל אַ לאָמפּ; און זי, די מאַמע מײַנע, פאַרריכט וועש. ניט ווײַט פון טיש הענגט אַ וויגעלע, און די מאַמע וויגט אום מיט'ן פוס די שטריק, וואָס איז צוגע־בונדען אונטען צום וויגעלע; דאָס פאַרוויגט זי איצט מײַן קליין ברו־דערל סענדערל. מײַן גרעסערע שוועסטערל ברײַנדעל זיצט לעבען דער מאַמען אויף אַ הילצערנעם בענקעל און לערנט זיך מאַכען אַ זאָק, און די קלענערע שוועסטערל ש ר ה ליעגט בײַ דער מאַמען אויפ'ן שויס און דרעמעלט. די בעטען זײַנען שוין אויסגעבעט; און אין שטוב איז שטיל.

די מאַמע איז, קענטיג, שטאַרק צופרידען פון מײַן קומען: זי זאָגט דאָס מיר ניט, נאָר איך פאַרשטעה נאָך איהר פ נ י ם, אַז זי האָט אויף מיר שטאַרק געוואַרט; זי האָט מיר געשענקט אַ שאַרפען און ליבליכען בליק, ווען איך האָב געעפענט די טיר.

— וואָס מאַכסטו, ח פ נ י? — טוט זי מיך אַ פרעג — וואָס האָסטו היינט געלערנט אין ח ד ר? זאָג מיר, מיין זוהן, ביסט אפ ש ר הונ־געריג?

— יאָ, מאַמע, איך בין הונגעריג.

— ווער איך דיר אָנשמירען אַ שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ.

— אָבער איך האָב ניט האַלט קיין שמאַלץ, מאַמע!

— אויב אַזוי, נאָ דיר אַ פּאָר באַרען צום ברויט.

— איך וויל ניט קיין באַרען.

— איז וואָס ווילסטו זאָל איך דיר געבען — מאַרציפּאַנעס? אָדער די צ ר ו ת מיינע זאָל איך דיר געבען!?

— שוין גענוג געפּעטשעטשעט זיך — האָט די מאַמע צוגעגעבען מיט כ ע ס — מיינסט נאָך אַלץ, אַז דו ביסט אַ ב ן ־ י ח י ד ביי מיר? סענדערל, זאָל לעבען, און ברײַנדעלע און ש ר ה'קע זיינען נאָך אויך פאַראַן אויף דער וועלט.

— נו, מאַמע, דערצעהל מיר אַ שענע מ ע ש ה, ווער איך עסען ברויט מיט שמאַלץ.

מיין שוועסטערל ברײַנדעל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען, ווי זי וואָלט זיך געבעטען, אַז די מאַמע זאָל מיך פאָלגען און דערצעה־לען אַ מ ע ש ה. און די מאַמע האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמייכעל, וועלכער איז געווען אי ליבליך אי בייז: „אָט וועל איך דיר דערצעהלען אַ מ ע ש ה מיט אַן אָרימען אומגליקליכען אינגעל, ועסטו וויסען ווי גליקליך דו ביסט, אַז דו האָסט אַ ר ב י'ן, אַ ח ד ר, אַ טאַטען און מאַמען, שמאַלץ און באַרען, און יענער אומגליקליכער אינגעל...

— מאַמע— האָב איך איהר איבערגעשלאָגען די רייד — וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ — דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרען אויפ'ן יאַריד. אין אַזאַ נאַסער און קאַלטער נאַכט!... אפ ש ר וועט ער עפּעס פאַרדיענען.

— נו, דערצעהל, מאַמע— האָב איך נאָך אַ קורצען שווייגען געבעטען — דערצעהל.

די מאַמע האָט אַוועקגעלייגט די וועש פון האַנט, האָט זיך איינגע־בויגען איבער'ן וויגעלע און אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען, וועלכער איז שוין געשלאָפען. נאָכדעם האָט זי פּעסט צוגעדריקט צום האַרצען מיין שוועסטערל ש ר ה'קע און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען.

ז. פּייערבערג.

אין אָוונט.

אוי, דער הײַסער טאָג פאַרגעהט,
און דער קיהלער אָוונט ווײַהט,
און דאָס קינד פאַרמאַטערט שטעהט
נאָהענט פאַר מײַן טיר.
— קום, מײַן קינד, צו מיר!
ס׳שטעהט מײַן טיש מיט מילך און ברויט
אָנגעגרייט פאַר דיר.

די ל ב נ ה שווימט אַרויס
קאַלט און אומעטיג און גרויס.
עסט דאָס קינד, און גרויס און הײַס
רינט אַראָפּ זײַן טרער.
— קום, מײַן קינד, אַהער!
לײג דײַן קאָפּ צו מיר אין שויס
און אַנטשלאָפען ווער.

מאַני לייב.

אַן אומזיסטער פּאַטש.


י. ל. פּרץ.

פון געבוירענהײַט אָן האָב איך פײַנט געהאַט זיסע זאַכען, אין מויל אַרײַן נישט גענומען. „איך וויל, מען זאָל מיך האַלטען פאַר קלוג", האָט מען זיך געריַיצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקען מ כ ל ה מ י נ י ם גוטע זאַכען: ווײַסען לעקעך, האָניק-לעקעך, טאָרטען, פּרעגלען אײַנגעמאַכצען פאַר זיך, פאַר די קינדער... פאַר די קראַנקע אין ה ק ד ש. אַלע אײַניקלעך עסען; מען באַקומט און מען ג נ ב׳עט אַביסעל צו; איך אײַנער אַן אויסנאַם: איך עס נישט.

מאַכט זיך אַ ש מ ח ה בײַ אונז. קומען אָרימעלײַט אויף לעקעך און בראַנפען, פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטעל-שטוב. אין דער שטוב לינקס — די ב ע ל י - ב ת׳ישע געסט. איז געווען בײַ אונז אַ סאַרווער, זאָל ער מ ו ח ל זײַן, אַ

„כ ל ב ש ב כ ל ב י ם“, אזוי האָבען איהם אלע גערופען. אַרימעלײַט האָט ער פײַנט געהאַט ש נ א ת מ ו ת. טראָגט דער ר ש ע פון דער מאַמעס שטוב אַרוים, הויך איבער׳ן קאָפּ, אַ טאָץ מיט לעקעך צו די ב ע ל י ־ ב ת י ם אַרײַן, איבער דער מיטעל־שטוב. און איך זעה, ווי אַ קראַנק מײדעל קוקט מיט פאַרברענטע אויגען צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געוועז, שפּרינג איך אונטער כאַפּ אַ שטיק לעקעך און דערלאַנג דעם בלאַסען מײדעל...

דער טאַטע, — איך האָב נישט געוואוסט דערפון, — איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הייך האָט ער געזעהן, וואָס איך האָב מיט׳ן לעקעך אין דער נידער געטאָן — נישט. געהט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגענס, מיר זיצען אלע בײַם טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט מ כ ל מ ר ׳שט נישט קײַן זיסע זאַכען און כאַפּט לעקעך פון טאַץ!

קומט אַרײַן די דיענסט מיט דער יויך — געהערט האָט זי אַ פּ נ י ם, הינטער דער טיר — און פאַרצעהלט, וואָס איך האָב מיט׳ן לעקעך געטאָן. זי האָט געזעהן.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגען. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרען. די אויגען זײַנען בײַ איהם פײַכט געוואָרען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַפּגעגאַנגען אין צווייטען צימער אַרײַן.

י. ל. פּרץ.

אין דער פריה.

שטעהען בײמער אין אַ רײה,
קוקט דער מאָרגען דורך דורך זיי,

וועקט די פויגעל אויפ׳ן בוים
און די ציגעלעך בײַם צוים.

גיט אַ קרײה דער שטאָלצער האָן,
פאַלט אַ ציג אַרײַן אין טאָן.

שרײַט אַ פויגעל: „טשיר־טשיר־טשיר!
העי! איהר׳ט זינגען גאָר אָהן מיר?“

קלינגט דאָס מאָרגען־ליעד אין פעלד
און באַזינגט די גרינע וועלט.

טאַנצט אַ שמעטערלינג: האָפּ־האָפּ!

נײַגט אַ בלום צו אים דעם קאָפּ.

שטעהט אין פעלד אַ הילצערן הויז,
קוקט מיט שטאָלץ פון דאָרט ארויס,

רינגלען בלומען עס אַרום;
און אין הויז וואַקסט אויך אַ בלום.

כאַפּט די בלום אין הויז זיך אויף,
און זי געהט אַרויס אין הויף.

לויפען הינדעלעך צו איר:
„קוואַ! קוואַ! עסען ווילען מיר."

און די בלומען מיט אַ וואונק
בעטען זיך בײַ איר אַ טרונק.

טראָגט זי וואַסער באַלד אַרויס,
גיסט עס אויף די בלומען אויס.

טרינקען זײ און דאַנקען שטום,
בעטען: „קלײַב זיך אויס אַ בלום".

געהט זי אינ'ם פעלד אַרום,
צווישען בלומען אויך אַ בלום.

לאה קאַפּילאָוויץ.

די דורכגעהער און די הינט.

אַ פּאָר ח ב ר י ם געהען זיך פאַרנאַכט,
אַרײַנגעטאָן אין שמועסען, פאַרטראַכט.
ערשט — ס'בילט אַ הויפהינטעל אויף זײ,
באַלד נאָך אַ צווײ,
און פּלוצלונג שוין אַ גאַנצע סטאַדע,
אַ צעהנדליג פינף א ו ד א י.
וויל אײנער אויפהײבען אַ שטײן.
— „אײ, ברודער," — זאָגט דער צווײטער, — „נײן!
איך קען שוין אָט די בילער:
מיט שטײנער מאַכט מען זײ ניט שטילער,
זײ ווערען נאָר צערײצט. אָט לאָמיר ווײַטער געהן."
און טאַקע: אָפּגעגאַנגען פופציג טריט, —
די הינט, זײ ווערען מיד,
און שפּעטער הערט מען שוין פון זײ קײן פּאַרע ניט."

פּ. קאַפּלאַן, פון קרילאָוו.

אַ ביסעל שטרוי.

אמאָל זײַנען געווען אַן אָרימער מאַן און אַן אָרימע פרוי. זיי האָבען געוואוינט אין אַ האַלב אײַנגעפאַלען הײַזעל, וואָס איז געווען ענג און פינסטער. קיין מעבעל איז אין שטוב ניט געווען: ניט קיין טיש, ניט קיין שטול, ניט קיין בעט. נאָר אַ ביסעל שטרוי איז געווען פאַרשפּרייט אויפ׳ן דיל, און אויפ׳ן שטרוי האָבען זיי געשלאָפען.

און עסען האָבען זיי אויך ניט געהאַט וואָס: זיי האָבען שוין לאַנג ניט געהאַט קיין אַרבײַט און האָבען גאָרנישט ניט פאַרדינט.

נאָר ליב האָבען זיי איינער דעם אַנדערען געהאַט, און זיי האָבען געלעבט בשלום צוזאַמען: צוזאַמען געהונגערט, צוזאַמען געליטען.

איינמאָל האָט דער הונגער צו שטאַרק אָנגעהויבען צו דריקען דאָס פּאָר פאָלק. האָט די פרוי זיך מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטען און האָט זיך אָנגעהויבען צו קלאָגען:

— מיר זײַנען די אומגליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. פאַרוואָס קומט עס אונז, וואָס מיר זײַנען אַזוי אָרים?

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און עס איז אַרײַנגעקומען אַן אַלטע באָבע.

די באָבע האָט געזאָגט:

— טײַערע מענשען! אַ פרוי, דאָ ניט ווײַט פון אײַך אויף דער זעלבער גאַס, איז קראַנק געוואָרען, און זי האָט אפילו ניט קיין ביסעל שטרוי, אויף וואָס צו ליגען. האָט רחמנות אויף איר און גיט איר אַ ביסעל שטרוי.

האָט דאָס פּאָר פאָלק געאײַלט און געגעבען דער באָבען אַ טייל פונ׳ם שטרוי, אויף וועלכען זיי זײַנען געשלאָפען. און די פרוי האָט געזאָגט:

— אומזיסט זיך געקלאָגט. עס זײַנען פאַראַן מענשען נאָך אָרימערע פאַר אונז.

אגדה.

אַלכּסנדר מוקדון.

א) גאָלדען ברויט.

דער קייסער אלכּסנדר מוקדון האָט זיך אַמאָל אוועקגעלאָזען קיין קאַרטאַגען, אַזאַ מדינה, וואו פרויען האָבען געהערשט. האָט ער געוואָלט מיט זיי פאַרפירען מלחמה.

זאָגען זיי צו אים: „ווועסטו אונז בײַקומען, וועט מען זאָגען — פרויען האָט ער באַזיגט! וועלען מיר אָבער דיך בײַקומען, וועט מען זאָגען — אַט אַ קיניג, וואָס איז דורך פרויען באַזיגט געוואָרען!“

הייסט א ל כ ס נ ד ר זיך אַרויסטראָגען ברויט. טראָגט מען אים אונטער גאָלדענע ברויטען מיט גאָלדענע עפּעל און מילגרוימען.
וואונדערט ער זיך: „וואָס? גאָלד עסט מען אין אייער מ ד י נ ה?“
— מיינסטו, הייסט דאָס, געוואוינליך ברויט? צו וואָס זשע האָסטו זיך באַמיהט קומען אַהער? פעלט דיר דען געוואוינליך ברויט ביי דיר אינדערהיים?

ב) ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט.

דער קייסער א ל כ ס נ ד ר מוקדון איז אויף זיין מ ל ח מ ה־וועג פאַרגאַנגען אין אַ קיניגרייך. באַווייזט אים דער קיניג פון דעם קיניגרייך זיינע א ו צ ר ו ת. זאָגט אים א ל כ ס נ ד ר: „נישט אָנצוקוקען אייער גאָלד און זילבער בין איך אַהער געקומען; מיר ווילט זיך באַקענען מיט אייער אויפפירונג און אייערע געזעצען.“
אין דעם קומען אָן צוויי מענשען לאָדען זיך פאַר׳ן קיניג.
— קיניג, — האָט איינער גע׳ט ע נ ה׳ט, — איך האָב פון דעם מאַן געקויפט אַ ח ו ר ב ה. ווי איך נעם זיך אָפּרוימען דעם פּלאַץ, געפין איך דאָרט באַהאַלטען אין דער ערד אַן א ו צ ר. וויל איך, ער זאָל זיך צונעמען דעם א ו צ ר, ער געהערט אים; איך האָב דאָך נאָר די ח ו ר ב ה אַליין, אָהן אַן א ו צ ר, געקויפט.
דער צווייטער ט ע נ ה׳ט פאַרקערט: „איך וויל אויך נישט, גלייך ווי דו, פאַרנעמען פרעמדס. פאַרקויפט האָב איך די ח ו ר ב ה מיט אַלצדינג, וואָס אין איר געפינט זיך, פון׳ם אָפּגרונד ביז דער הייך פון הימעל“.
אויסגעהערט די ט ע נ ו ת, ווענדט זיך דער קיניג צו איינעם פון די ב ע ל י ־ ד י נ י ם:
— האָסט אַ זון?
— יאָ.
דערנאָך צום צווייטען:
— און דו האָסט אַ טאָכטער?
— יאָ.
— אויב אַזוי, לאָזען זיי איינער מיט׳ן אַנדערען ח ת ו נ ה האָבען, און דער א ו צ ר וועט זיין זייער נ ד ן.
א ל כ ס נ ד ר האָט עס אויסגעהערט און איז ערשטוינט געוואָרען.
— וואָס, א פ ש ר ניט גוט גע׳פּ ס ק׳ענט? — פרעגט אים יענער קיניג.
— געוויס, — ענטפערט א ל כ ס נ ד ר.
— און דו אין דיין מ ד י נ ה ווי וואָלסטו גע׳פּ ס ק׳ענט אין אַזאַ פאַל?
— איך וואָלט אַרויסגעטראָגען אַזאַ פּ ס ק: מען זאָל קעפּען אי דעם אי יענעם, און דער א ו צ ר זאָל געהערען דער קרוין.

— אַזוי גאָר! — זאָגט יענער קיניג. — זאָג זשע מיר: די זון שײַנט אויף אײַך?

— געווים, — ענטפערט א ל כ ס נ ד ר.

— און רעגענס געהען בײַ אײַך?

— געווים.

— א פ ש ר איז קלײנע פיה בײַ אײַך אין דער מ ד י נ ה פאַראַן?

— געווים. — זאָגט א ל כ ס נ ד ר און קוקט אים אָן פאַרוואונדערט.

— אויב אַזוי, — פּירט אוים דער קיניג, — איז טאַקע נאָר צוליב דעם ז כ ו ת פון די קלײנע פיה שײַנט אויף אײַך די זון און עס געהען אין אײַערע מ ד י נ ו ת רעגענס.

אגדה.

אַנטקעגען מײַן פענסטער.

אַנטקעגען מײַן פענסטער, אין נעפּעל פאַרצויגען,
א בוים שטעהט אַן אַלטער, אין דרײַען געבויגען.

עס הענגען די צווײַגען, נאָר דאַרע סקעלעטען.
די בלעטער, שוין געלע, צעזײַט און צעטרעטען.

פון זומער פון גרינעם קײַן ז כ ר געבליבען;
די פויגלען, די זינגער, פאַריאָגט און פאַרטריבען.

און ס׳ציטערט דער אַלטער פון שנײַדענדען וועטער:
געאַרבײַט א זומער, צום ווינטער — אָהן בלעטער.

אב. וויקטאָר.

חנוכה.

געוועזן איז דאָס שטיבעלע אָרים און קלײן;
עס צינדט אָן דער טאַטעשע ליכטעלעך שײן
און הײבט אָן צו זינגען פאַמעליך;
גאָר שטיל נעמט דער טאַטעשע זינגען זײַן ליד,
און ס׳זינגען די קלײנינקע קינדערלעך מיט.
דאָ ווערט אין דעם שטיבעלע פרײליך!

די קלײנינקע ליכטעלעך פינקלען מיט שײַן,
זײ ווינקען די קינדערלעך פרײליך צו זײַן,
ווי שטערענדלעך קלײנע פון ווײַטען.
דאָס באַזינגען די קינדערלעך העלדען פון ווײַט

און ווילען אויך אויסוואַקסען שטאַרקע אין שטרייט,
ווי י ה ו ד ה ־ ה מ כ ב י פאַרצייטען.

ש. י. לאַנדינסקי.

דער מלך-ווינטער.

איז דער שניי אַרומגעפלויגען
מיט דער נאַכט דורך אַלע מערק,
איר געבלענדט די שוואַרצע אויגען,
און געטאַנצט אויף ווייסע בערג.
איז דער גראָהער שפּראָץ געקומען
און פאַרגלעט די הויכע בײַמען,
האָט דערנאָך די זון גענומען
אויף דער גאַס אַ י ו ם ־ ט ו ב גרײַטען...
קרוינען אויף די קוימענס, לײַכטער אויף די דעכער,
אויסגעטאַקטע זילבער־בעכער
אויף די הויכע שטאַנגען,
אויף די דראָטען
אַנגעשאָטען
שנורען שימערדיגע שפּאַנגען...

טאַנצען קינדער אין די בעטען,
טוען אָן זיך וואָס געשווינטער —
ניט אַ ר ג ע צו פאַרשפּעטען:
ווינטער, ווינטער, מ ל ך־ווינטער!
מאַמע, מאַמע, קוק אַרוים,
זעה די טורעמס קעגען הויז,
אַלטער קאַלטער זיידע פראָסט
האָט פאַרגעסען און געלאָזט
אויף דער ערד זײַן ווײַסען קיטעל...

אַנגעוויקעלט ווי אַ קנויל,
און געכאַפּט אַ בים אין מויל
און פון אַלקערל דאָס שליטעל, —
הענדום־פּענדום פון די שטיגען,
און ח ב ר י ם באַלד געקריגען,
און אַ שאָט זיך פון די הײַזער
מיט געפּילדער אויף דער גאַס.

אייִנער איז דער ערשטער ווייַזער,
ווערט אַ ברייטער גלאַטער פּאַס;
און דערנאָך פון באַרג אין טאָל
פליהען אַלע מיט אַ מאָל.

שפּרינגען אין דעם וויייכען שנייִ
יונגע מאַמעס הינטער זייִ,
ווער אַהער און ווער אַהין,
מיט געשפּאַסען און געלעכטער;
העלפען מונטער קלייִנע זין,
פירען אונטער קלייִנע טעכטער
און אַ גליטש מיט זייִ צוזאַמען.
אויגען פינקלען, באַקען פלאַמען, —
מ ל ד־ווינטערס וואונדער־רויז.
פאַלען האָר פאַנאַנדער לויז,
און דער פראָסט באַפּוכט מיט פּודער...

ווערט אַ ליאַרעם און גערודער:
אַ געשפּאַן פון שליטלעך פאָרט,
זיבען אין אַ רייִ געפּאָרט,
און אַ מאַמע אויבען־אָן,
אין אַ גרינעם קאַפּיושאָן,
פירט און קירעוועט דעם צוג,
און אין מיטען, טו אַ קוק,
גלייַך פון הינטען זאַלבע־צעהנט
אַ געפלעכט פון פים און הענט
און אַרייַן אין סאַמע מיטען;
קערט זיך איבער יעדער שליטען,
ליגען קינדער אייַנגעקנאַטען
אין די גריבער שנייִ, ווי קראַטען,
ברוין און געל און גרין און ווייַס,
אויסגעמישט מיט שטיקער אייַז,
הענטשקעס, היטלעך, שיך און שאַלען...
שרייַט אַ קלייִנער עסקימאָ,
אַנגעפּעלצט אין רויט און בלאָה:
„קינדער, לאָמיר ווידער פאַלען!"...

יהואָש.

צוויי ברידער.

גערוועזען זיינען ברידער צוויי;
איין טאַטע־מאַמע האָבען זיי
געהאָדעוועט, האָלובעט גלייך;
אין זייער שטיבעלע, ביים טייך,
געלעבט צופרידען, כאָטש ניט רייך.

די צייט, די צייט זי שטעהט ניט שטיל.
אַוועק עס זיינען יאָרען פיעל.
שוין טאַטע־מאַמע זיינען טויט,
די ברידערלעך, זיי זוכען ברויט.
אַהער, אַהין, ביים ברייטען וועג
קלייבט יעדער אוים פאַר זיך אַ שטעג.

געגאַנגען איינער איז ניט ווייט.
די פעלדער גרין פון יעדער זייט;
דער וואַלד, געקושט פון זונען־שטראַל,
און וואַסער — פליסט אַ ריינער קוואַל.

ער טראַכט ניט לאַנג און קערט צוריק
צו זיך אַהיים, — געפינט זיין גליק.
ער שניידט זיין קאָרן, וואָס ער זייט.
און קומט אַהיים, ווען זון פאַרגעהט,
באַגעגענען אים זיין ווייב און קינד
מיט פ נ י מ'ער, געגלעט פון ווינט.
און אָרעמס פעסטע, שטאַרקע הענט.
און ש ל ו ם הערשט אין זייערע ווענט. —

דער צווייטער געהט און געהט גאַנץ לאַנג.
פאַרפירט אים האָט אַ בייזע שלאַנג
מיט גאָלדען־גלאַנץ, מיט זילבער־קלאַנג
אין פרעמדען לאַנד: אַ גרויסע שטאָט,
וואו דאָרן, שטיינן אויף יעדען טראָט.

דאָרט ניט ער זייט און ניט ער שניידט,
און קומט אַהיים קיינמאָל אין צייט.
זיין ווייב און קינד אים זיינען פרעמד,
ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגען העמד,
ער זאַמעלט גאָלד און זילבער בלויז
און האָט קיין ש ל ו ם ניט אין הויז...

אב. וויקטאָר.

ערב פסח.

ע ר ב פ ס ח — אַ מ ח י ה!
טיר און פענסטער אויפגעמאַכט.
בלוי אין דרויסען, הימלען נײַע,
און די זון — זי שטראַלט און לאַכט.

שטראַלט בײַ מיר אין האַרצען פרײַליך,
העלף איך צו אין שטוב וואָס טאָן:
מ צ ו ת שטויס איך, בולבעס שײַל איך,
שטראַלענד בין איך ווי די זון.

ס'ברענגט דער שנײַדער ב ג ד י ם נײַע,
ס'ברענגט דער שוסטער שיכלעך אָפּ.
און פון הימלען בלויע, פרײַע
פרײַליך לאַכט די זון אַראָפּ.

בײַזער ווינטער, צײַט זיך שײַדען!
כ'האָב געגנוג דײַן שנײַ און קעלט!
פ ס ח ברענגט פאַר קינדער פרײַדען
און אַ פרילינג אויף דער וועלט!

ש. י. לאַנדױנסקי,

אַ זומער-פריהמאָרגען.

דורך אַ נעץ פון גרינע בלעטער,
אויף די צווײַגען אויפגעהאַנגען,
קוקט אַרײַן מיט טויזענט אויגען
דער פריהמאָרגען;

און מיט לאַנגע, ווײַכע פינגער
גלעט ער, פירט ער אויף די ברעמען,
ביז עס רירען זיך די דעקלעך
שטיל, פאַרבאָרגען.

דורכ'ן לײַב לויפט דורך אַ ציטער;
פול מיט ת ע נ ו ג שפרײַט דאָס האַרץ זיך.
נעמען זיך די גלידער ציהען
און דערוואַכען.

קומט דער מאָרגען, שמייכעלט רוהיג:
סטײטש, ווי קען מען איצטער שלאָפען
און דאָס פענסטער מיט אַ לאָדען
גאָר פאַרמאַכען?

אַב. וויקטאָר.

דער וואָלף און די פאַסטוכער.

אַ וואָלף, באַמערקענדיג אַמאָל,
ווי פאַסטוכער אין טאָל
געשאָכטען האָבען אַ בּאַראַן אַ שײנעם,
אַ יונגינקען, און טאַקע ניט קײן קלײנעם,
און אַלע הינט געלעגען זײנען שטיל דערבּײ, ווי טויבען, —
האָט, קנאַקענדיג פון הונגער מיט די צײן,
אין גרויס פאַרדראָס אַ זאָג געטאָן צו זיך אַלײן:
— „וואָס פאַר אַ טומעל, פרײנד, וואָלט איר דאָ אויפגעהויבען —
ווי אײער ט ב ע איז פון שטענדיג אָן, —
ווען א י ך וואָלט דאָס געטאָן!“

נ. יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו.

די מאַלפּע.

אַ פויער שלעפּט זיך מיט זײן אַקער פונדערפריה,
בּאַארבּײט זײן שטיק פעלד מיט פלײס און מיה.
פון פ נ י ם רינט דער שווײס;
ער פילט ניט, אַז ס'איז הײס,
ער געהט זיך טריט בּײ טריט זײן גאַנג.
דערפאַר האָט ער פון איטליכען אַ דאַנק:
ווער ס'געהט פאַרבּײ,
דערלאַנגט אים אַ „גוט מאָרגען!“ גאַנץ געטרײ.
אַ מאַלפּע זעהט עס פון אַ צווײַגעל אויבען,
און ליוב־געזאַנג איר אויך פאַרווילט זיך און פאַרגלוסט
(ווער וויל דאָס ניט, מען זאָל אים לויבען?),
כאָטש ווי און וואָס האָט זי, פאַרשטעהט זיך, ניט געוואוסט.
זי כאַפּט אַ גרויסע קלאָץ און שלעפּט, און שטעלט, און לײגט,
זי איז פון שווײס שוין אויסגעווײקט;
עס זעצט פון מויל אַ שוים,
זי אָטעמט קוים

און פאַלט צום סוף אָהן כוחות אויף דער ערד,
קיין דאַנק פון קיינעם ניט געהערט.

קיין וואונדער איז עס ניט, מיין קינד!
געהאָרעוועט אַ סך, נאָר אויפ'ן ווינט.

פּ. קאַפּלאַן, פון קרילאָוו.

די פאַרשטערטע שמחה.

א.

ס'האָט ביי די מייז אין די לעכער אַ קלאַנג זיך פאַרשפּרייט, אַז דער קאָטער,
דער גזלן, וואָס האָט זייער בלוט לאַנגע יאָרען געזויגען,
איז ערגעץ ניט ווייט אויף אַ ביימעל געהאַנגען געוואָרען; דאָס האָבען
אָט אָקאָרשט צוויי יונגינקע מייזלעך געזעהן מיט די אייגענע אויגען.

עס קערט זיך די וועלט ביי די מייז אין די לעכער; אַ שמחה, אַ יום־טוב!
די מייזעלעך טאַנצען און הוליען און שפּרינגען; אפילו רב גרוינעם,
דער חכם פון נאָרע, דער ערשטער מיניסטער און שני למלך,
געמאַכט האָט אַ כוס'ע פון שמחה און געהט איצט אַ טענצעל אַ שיינעם!

אַז ס'איז ביי די מייז אין די נאָרעם די שמחה די ערשטע אַריבער,
האָבען באַקלערט זיי — דעם קאָטער, ווי ס'פּאַסט פאַר זיין כבוד, באַגראָבען;
צום הספד אַ דרשה האָט צוגעגרייט פּיצע, דער בדחן פון נאָרע,
און תיכף אָהן לאַנגע הכנות באַשלאָסען די מייזעלעך האָבען

געהן אין קאָמפּאַניע צום בוים, וואו דער קאָטער דאַרף הענגען.
געקומען, זיי זעהען:
ער איז פאַר די הינטערשטע פיס אויף דער תליה געהאַנגען געוואָרען;
ווי גלעזערנע זיינען די אויגען; דער רוקען, דער עק און די פאָדערשטע לאַפּעם
הענגען אַראָפּ פון דעם צווייג, ווי זיי וואָלטען געוועזען פאַרפראָרען!...

ס'האָבען זיך צווישען דער חברה זעקס העלדישע מייזלעך געפונען,
יעדע פון זיי איז פון גזלן נקמה צו נעמען אַ בעלן;
אַ שפּרונג — און זיי זיינען שוין אויבען; אַ ציה פאַר'ן עק נאָר געגעבען —
און ס'איז גלייך דער פּגר אויף דר'ערד, ווי אַ שטיין, פון דעם צווייגעל געפאַלען.

ס'צעלויפען די מײַז זיך פון שרעק אין די ווינקלען און וואַרטען
מיט מורא, וואָס וועט סוף־כּל־סוף פון דער מעשׂה
אַרויסגעהן אַ שטײַגער,
און זעהען: דער קאַטער, ער ליגט ווי אַ טויטער. קײַן ריר מיט אַ
וואָנץ, מיט
קײַן אויג ניט קײַן פּינטעל. בּקיצור — אַ ריכטיגער פּגר!

ב.

בּיסלעכווײַז קריגען די מײַזעלעך ווידער די העזה און הײבען אָן
געהנטער
און נעהנטער אַלץ צוגעהן צום גזלן. עס ווײַזט אים שוין יעדע
אַ שפּיצעל:
אָט די שטעקט אַ צונג אים אַרויס און אַ ציה פּאַר אַ וואָנץ טוט אים יענע;
ס'דערלאַנגט אַ בּעל־העזה אַ גרויסע אין נאָז מיט'ן עק אים אַ
קיצעל!...

— „היט זיך, אַי, היט זיך!" — האָט דאַן זיך געווענדט צו די
מײַזעלעך באָשע די אַלטע,
וואָס איז ניט פון נעכטען באַקאַנט שוין געווען מיט די נעגעל פון
גזלן,
(די אַלטע איז אײנמאָל פון אים מיט'ן לעבען קוים ניצול געוואָרען)
— „אַ פּנים, אַז קאַטערשע נעגעל פאַרזוכען געלוסט אײַך,
שלים־מזל'ען!

„ער איז אָהן אַ שטריקעל געהאַנגען און גאַנץ צו דערצו איז זײַן פּעלכעל;
אַ, גלויבט מיר, פּאַר אונז איז עס, קינדער, אַ סימן אַ שלעכטער!" —
נאָר ס'זײַנען די קעפּ שוין פאַרדרײט בײַ דעם עולם פון שׂמחה,
זײ מאַכען פון איר גאַנצער דרשה אַ גרויסען געלעכטער.

— „לאַכט ניט, געדענקט, ס'זאָל ניט אויסקומען שפּעטער צו װײנען" —
זאָגט ווידער
די אַלטע.—„נאָר זאָלען די אויגען כאָטש מײַנע ניט זעהן אײער צרה!"
און ס'האָט זיך די אַלטע גענומען די קינדערלעך אירע
און איז מיט זײ גיכער צוזאַמען אַוועק אין איר נאָרע.

ג.

ווי אויף אַ חתונה, האָבען די מײַזלעך געטאַנצט און געשפּרונגען.
ענדליך, פאַרמאַטערט געוואָרען צו הוליען און טאַנצען און לאַכען,
האָבען זײ אַלע געזעצט אין אַ קרײַז זיך אַרום דעם גע'פּגר'טען קאַטער,
און ס'האָט צו דעם הספּד רב פּיצע הכּנות גענומען גלײַך מאַכען:

ברייטליך זיך אָפּגעהוסט, אָפּגעווישט נאָכדעם די וואָנצען,
ג א ו ה'דיג זיך אויפ'ן פּוזע פאַרקליבען צום קאַטער,
און, דרייענדיג לאַנגזאַם צום טאַקט מיט'ן עק, זיך גענומען
מיט טראָפּ און אַ נ י ג ו ן זיין ה ס פ ד צו לייענען האָט ער:

„געלעבט אויף גאָטס־וועלטעל אַמאָל האָט אַ קאַטער;
געווען ווי אַ דעמב הויך און שוואַרץ ווי אַ טאַטער!
די נעגעל ווי שפּילקעס, ג נ ב'ישע אויגען,
האָט מייזישע בלוט לאַנגע יאָרען געזויגען!
ביז ס'האָט אים אַ מ י ת ה ־ מ ש ו נ ה גענומען —
מ ז ל ־ ט ו ב, מייז, אייער צייט איז געקומען!"

„מ ז ל ־ ט ו ב!" — האָט גלייך דער ע ו ל ם ר ב פּיצען אין כאָר
אָפּגעענטפערט. נאָר איידער
עס עפענט ר ב פּיצע זיין מייַלכעל, כ ד י ווייטער די ד ר ש ה צו האַלטען,
אַז ס'דערלאַנגט עס ניט פּלוצלונג דער ג ז ל ן אַ שפּרונג אויפ'ן ע ו ל ם!
און ס'ווערט אַ מ ה ו מ ה, געשרייען און זיפצען און ק ו ל ו ת און גוואַלטען!...
עס לויפען די מייזעלעך נעבעך, אַ וואו נאָר די אויגען זיי טראָגען;

יעדערער זוכט זיך פון קאַטער באַהאַלטען, וואָס שנעלער:
ווער ס'טראָגט זיך אין נאָרע געשווינט, ווי אַ פייל אויס'ן בויגען,
ווער ס'לויפט גיך באַהאַלטען זיך דאָ אין דערביי־איגען קעלער!

ד.

אַז ס'האָט זיך דער ג ז ל ן צוזאַט אָנגעפרעסען און רוהען געגאַנגען,
זיינען די מייזעלעך אומעטיג, שטיל זיך צוזאַמענגעקומען
און האָבען פון אַלע ק ר ב נ ו ת, וואָס זיינען געפאַלען,
טרויעריג זיך דעם ס ך ־ ה כ ל צו מאַכען גענומען:

צוואַנציג נע'ה ר ג'עט צום טויט, און פאַרוואונדעטע — דריימאָל
נאָך מערער;
ביי דעם איז אַן אייגעל צעדראַפּעט, ביי יענעם דער רוקען צעביסען
אַזוי, אַז עס שלעפּט זיך דאָס פעלכעלע נאָך, ווי אַ שמאַטע;
ווער אָהן אַן אויער געבליבען, ביי וועמען דער עק אָפּגעריסען!...

עס זיינען די ערשטע ק ר ב נ ו ת געפאַלען ר ב גרוינעם דער ח כ ם
און פּיצע דער ב ד ח ן; פאַר'י ת ו מ'ט געבליבען די נאָרע...
אַזוי איז פאַרשטערט ביי די מייזלעך געוואָרען די ש מ ח ה,
און אויסגעלאָזט האָט זיך דער מ ז ל ־ ט ו ב גאָר מיט אַ שרעקליכער
צ ר ה

ד ו ד'ל, נאָך זשוקאָווסקי.

בערעלע.

א.

אין א דארף זײַנען געזעסען א מאַן מיט א װײַב. ער האָט געהײסען מ ש ה־יאַנקעל, זי — ש ר ה ־ זיסעל. זײ האָבען געהאַלטען א מיל, געהאַט גאַנץ שײן פ ר נ ס ה, געלעבט זעהר צופרידען. נאָר אײן זאַך — קײן קינדער האָבען זײ ניט געהאַט.

זאָגט ש ר ה ־ זיסעל צו איר מאַן: „זאָלסט כאָטש קריגען ערגעץ א האַדאָװניק, א י ת ו מ'על אָן אָרימס, אָדער א י ת ו מ ה'לע. זאָל זײַן א לעבעדיגער נ פ ש אין שטוב, ניט זיצען מיט די פיער װענט“.

מ ש ה־יאַנקעל האָט אױסגעהערט און געשװיגען.

נאָר אײנמאָל קומט מ ש ה־יאַנקעל צו פאָרען אהײם און געהט אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט א שײַנענדיגען פ נ י ם און אין בוזים האַלט ער פאַרשטעלט עפּעס א באַשעפעניש, װאָס רירט זיך און װאָר־טשעט. און ער רופט זיך אָן צו זײַן װײַב:

— ש ר ה ־ זיסעל, נאַ, איך האָב דיר געבראַכט א האַדאָװניק. איך האָב געפונען, פאַרענדיג אין װאַלד, פאַרבלאָנדזשעט... ער הײסט בע־רעלע.

און מ ש ה ־ יאַנקעל האָט אַרױסגעװיקעלט פונ'ם בוזים דעם גע־פונענעם פאַרבלאָנדזשעטען נ פ ש'על, װאָס הײסט בערעלע, און האָט אים געגעבען א שטעל אַװעק אױף דער ערד פאַר זײַן װײַב ש ר ה ־ זיסעל. ש ר ה ־ זיסעל האָט געגעבען א קוק, א שפּרונג אָפּ צוריק און איז שיער ניט געפאַלען אין ח ל ש ו ת.

זאָגט מ ש ה ־ יאַנקעל: „שרעק זיך ניט, ש ר ה ־ זיסעל, נעם בעסער, גיב אונזער בערעלען עפּעס עסען. זעהסט דאָך, אַז ער איז הונ־געריג, זוכט און װײנט — א צ ע ר ב ע ל י ־ ח י י ם...“

איז ש ר ה ־ זיסעל געגאַנגען צו דער שאַפע, האָט צונױפגענומען, װאָס עס איז געװען, און בײדע האָבען זיך אַװעקגעזעצט אָנהאָדעװען דעם הונגעריגען בערעלע, װעלכער איז פאַרבליבען בײַ זײ אין שטוב א האַדאָװניק אױף שטענדיג. ער איז געװאַקסען און אױסגעװאַקסען און איז געװאָרען א גרױסער.

ב.

בערעלע איז געװען א פּראָסטער נ פ ש, א װילדער, א ברײט־בײַ־ניגער, א געפּאַקטער, א באַװאַקסענער פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז געװען א גרױסער ז ו ל ל ־ ו ס ו ב א'ניק און א נאַשער און א ש י כ ו ר. ער איז געװען ניט קײן איבערקלײַבער; װאָס עס האָט זיך געמאַכט, איז געװען גוט: בראָנפען איז בראָנפען, מעד איז מעד, ביר איז ביר, זיך

ניט אפגעזאגט אויך פון קוואס. ער האט שטארק ליב געהאט האניק, נישט פיינט געהאט קיין פלייש, און אויף הינער איז ער געווען גאר א גרויסער ב ע ל ן, און ד ו ק א פון דער שטייג, אזוי אז קיינער זאל ניט זעהן. בערעלע האט ליב געהאט אוועק'ל ק ח'ענען אלצדינג, וואס ליגט נישט גוט.

בערעלע האט אבער אויך געהאט מ ע ל ו ת. ער איז געווען א פריילעכער פארשוין, א שפרינגער, געקראכען און געקלעטערט אויף די גלייכע ווענט; געקוליעט זיך און געבראכען זיך; געמאכט מ ש ו־גע'נע ה ע ו י ו ת, אנשטעלען, ת נ ו ע ו ת אזעלכע, אז מען האט געדארפט צעגעהן פאר געלעכטער. און מש ה־יאנקעל האט ב א מ ת געקליבען נ ח ת פון בערעלען, ווי ער מאכט אנשטעלען, ווי ער פארשטעהט אלצדינג, ל ה ב ד י ל ווי א מענש. אז מען זאגט אים: בערעלע, קום אהער! — געהט ער צו. אז מען זאגט אים: בערעלע,



נא דיר! — שטעלט ער אוים די לאפע אדער ער עפענט דאס מויל. א מ ת, א קאפ איז אויף אים געווען א גראבליכער. איידער מען קלאפט אים אריין עפעס אין קאפ אריין, דארף מען גוט צוהארעווען, האקען האלץ. נאר האט ער שוין איבערגענומען עפעס א זאך, וועט ער עס שוין געדענקען. בערעלע האט געהאט גרוים ח ש ק צו אלצדינג צוגעהן, געבען א שמעק מיט דער נאז און טאקע באלד אריינכאפען אין מויל אריין. און מ ש ה־יאנקלען איז אנגעקומען זעהר שווער, איידער ער האט אים אויסגעלערנט, אז דאס וואס מען גיט אים נישט אין דער לאפע אריין, זאל ער זיך אליין נישט דערוועגען נעמען. ער האט אים ניט איינמאל געגעבען א רעכטען פ ס ק, גוט אנגעדרייט ביי די קורצע אויערן, דורכגעפאטשט און מ כ ב ד געווען מיט א פאר גוטע שטעקענס איבער די פאדערשטע לאפעס און אנגעזאגט אים, אז ער זאל געהן

די ר ג ע הינטער'ן אויוועז זיך אנידערלייגען פאפען. בערעלע האט אלץ פארשטאנען, א ס י מ ן — ער האט געפאלגט.

ג.

אונזער פאר פאלק האט זיך צוגעבונדען צו בערעלען אזוי שטארק, אז זיי האבען איהם פ ש ו ט ליב געקראגען; זיי האבען אים נאכגעגעבען און געבאלעוועט. זיי האבען אים געבראכט זיסע זאכען, נאשערייען. און מ ש ה־יאנקעל האט אים אויסערדעם אונטערגעטראגען אפטמאל אביסעל בראנפען.

ש ר ה ־ זיסעל פלעגט אפטמאל צוקלאגען בערעלען פאר איר מאן. דערציילען אויף אים, אז ער מאכט אן שאדענס אין שטוב און זי פלעגט צוגעבען:

— פארט א ח י ה ־ ר ע ה; א בער בלייבט א בער. זעה נאר, ער זאל אמאל ניט אפדאנקען...

בערעלע האט ליב געהאט ברעכען טעלער, טעפלעך, גלעזער, שיסלען, סקאווערדעס. אלצדינג, וואס מען קאן מיט איין קלאפ צעברעכען, פלעגט ער דאס צעברעכען. און ניט ח ל י ל ה פאר כ ע ס, מיט ר צ י ח ה — ניין, ד ו ק א אין גוטען מוט: דערזעהן, עס שטעהט א טעלער, אונטערגע'גנב'עט זיך אויף צוויי פיס, אויפגעהויבען די לאפע, באץ — אוים טעלער. און מ ש ה־יאנקעל האט לאנג געדארפט קנעלען מיט בערעלען, ביז ער האט אים אפגעוואוינט פון ברעכען טעלער.

איינמאל האט מ ש ה ־ יאנקעל דערהערט א געשריי, גלייך ווי מען קוילעט א מענשען. דאס האט געשריען ש ר ה ־ זיסעל זיין ווייב.

מ ש ה ־ יאנקעל איז צוגעלאפען און האט דערזעהן אויף דער ערד ליגען צוויי געפענטעטע ע ו פ ו ת, א הון מיט א האן, וואס מען האט זיי געוואלט אוועקפירען צום ש ו ח ט. בערעלע האט זיך א פ נ י ם מ י ש ב געווען — עס איז דאך מיט זיי אלץ איינס קאפוט, ל מ א י זאלען זיי זיך מוטשען? האט ער ארויפגעלייגט אויף זיי די לאפע — און א ס ו ף. די הון מיט'ן האן זיינען נאך געלעגען מיט פארגלאצטע אייגלעך און מיט ארויסגעשטעלטע צינגלעך, און בלוט האט זיך זיי געלאזט פונ'ם האלז. און בערעלע איז זיך געזעסען אין א ווינקעלע און געלעקט די לאפע, גלייך ווי ניט אים מיינט מען. האט אים מ ש ה־יאנקעל מ ק י ם פ ס ק געווען, ווי עס געהער צו זיין, און בערעלע האט פון דעמאלט אן גענומען אויף זיך מער קיין ע ו פ ו ת ניט טשעפען.

ד.

האט זיך אבער געטראפען אן אנדער מ ע ש ה. בערעלע איז שוין דעמאלט געווארען א גרויסער, ס'איז אים אוועקגעגאנגען דאס דריטע יאר. ביי ש ר ה ־ זיסלען האט זיך אפגעקעלבט די ב ה מ ה. און מ ח מ ת אין דרויסען איז געווען קאלט, האט מען דאס קעלבעל גענומען

אין שטוב אריין און געלייגט עס אינאייינעם מיט בערעלען צווישן אויוועו אויפ׳ן שטרוי.

— זעה נאר, דער ת כ ש י ט דיינער זאל ניט צורעכט מאכען דאס קעלבעל! — מאכט ש ר ה - זיסעל צו איר מאן.

—ח ס ו ש ל ו ם! — זאגט מ ש ה - יאנקעל און נעמט זיך קנעלען מיט בערעלען, וויזט אים מיט׳ן פינגער און זאגט טויזענט מאל: „משעפע ניט!“ און ב כ ד י בערעלע זאל ניט פארגעסען, שענקט ער אים פארויס א פאר שטעקענס איבער די פיאטעס. בערעלע זעצט זיך אוועק, ווי א סטאטיק, קוקט אויפ׳ן קעלבעל מיט זיינע קלייינע, רויטע בערישע אייגעלעך און באלעקט זיך. מ ש מ ע ו ת, ער פארשטעהט, וואס מען מיינט.

און עס ווערט צווישען דעם קעלבעל און בערעלען א מין ליבשאפט; ס׳איז גאר א מ ח י ה צו קוקען, ווי די צוויי ליגען זיך איינס צום אנדערען און דרימלען. און אז דאס קעלבעל שטעהט אויף, שטעהט אויך אויף בערעלע. דאס קעלבעל מאכט „מע!“ — בערעלע שטעלט אן די אויערן. דאס קעלבעל טוט א שפרונג—בערעלע שפרינגט אריבער דעם און שטעלט זיך מיט׳ן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף. נאכדעם כאפט ער ארום דאס קעלבעל מיט די לאפעס און קוועטשט דאס צו צום הארצען, ווי א מוטער נעמט ארום און קוועטשט צו א קינד. פון אזא קוועטשעניש האט זיך אויסגעלאזט, אז דאס קעלבעל האט אמאל ארויסגעלאזט א מאדנעם געשריי „מו!“ מיט א כראפען אינאייינעם. א גליק, וואס ס׳איז אונטערגעלאפען מ ש ה - יאנקעל מיט א שטעקען און האט מ צ י ל געווען דאס אומשולדיגע קעלבעל פון א מ ו ר א׳דיגער ס כ נ ה.

ח.

פון דעמאלט אן זיינען אונזער מ ש ה־יאנקלען אריין אין נאז די ווערטער, וואס זיין ווייב ש ר ה־זיסעל האט אים אמאל געזאגט, אז א בער בלייבט א בער; פארט א ח י ה - ר ע ה, וויפיעל מען זאל דאס ניט לערנען...

אז עס איז געקומען צו ווינטער, איז בערעלע געווארען גאר ניט דער, וואס ת מ י ד. עפעס גאר ניט די לעבעדיגקייט: עפעס דרייט ער זיך ארום, קאן זיך קיין ארט ניט געפינען; פארקלייבט זיך אין א ווינקעל, זויגט די לאפע און דרימעלט גאנצע טעג מיט גאנצע נעכט. נאר ווען מ ש ה - יאנקעל קומט פון שטאט מיט פולע קעשענעס, דערשמעקט בערעלע, אז מ ש ה־יאנקעל האט געבראכט גוטע זאכען: ניס און האניק און א ביסעל מ ש ק ה --- אוי, דאס ביסעל מ ש ק ה! — שטעלט ער זיך אוועק אויף די הינטערשטע פיס, נעמט אים ארום מיט די פארדערשטע לאפעס און קריכט מיט דער מארדע אים גלייך אין בוזים אריין. מ ש ה־יאנקעל טרייבט אים אפ: „אוועק, דו ט ר פ ה׳נער

האלז! אוועקדו שיכור'ניק!" און בשעת מעשה ציטערט ביי אים דאָס לייב, וואָרים פון נאָך איין קוועטש אַ ביסעל אַ שטאַר־קערען קאָן מען ווערען אַ קדוש. און ער גיט אים אָפּ, וואָס ער האָט, אַבי פּטור ווערען פון זיינע לאַפּעס.

און משה־יאַנקעל האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, ווייל בערעלע איז שוין געוואָרען צופיעל בערעלע. ניט איין מאָל פלעגט ער קוקענדיג אויף בערעלען טראַכטען: „אוי, ווען דער דאָזיגער נפש זאָל חלילה וויסען, וואָס פאַר אַ כוח אין אים ליגט!" און אַלע מאָל, ווען משה־יאַנקעל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, פלעגט ער מיט שרעק אַ קוק טאָן אין קאַמערל: וואו איז בערעלע? וואו איז שרה־זיסעל זיין ווייב.

שרה־זיסלען איז אָבער קיינמאָל אויף די געדאַנקען נישט גע־קומען, אַז ס'איז דאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר בערעלען. זי איז מיט אים אַזוי געוואוינט געוואָרען, אַז מיט דער צייט האָט זי אָנגע־הויבען פאַרגעסען, אַז בערעלע איז אַ חיה, אַ חיה־רעה. זי האָט אים געהאָדעוועט ווי אַ קינד און געאַרבייט מיט אים ווי מיט אַ קנעכט. זי האָט זיך געשאַפּען מיט אים, ווי מען שאַפט זיך מיט אַ באַדינטען. און בערעלע האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס מען האָט אים געהייסען: געטראָגען האָלץ פון דרויסען, געשעפּט וואַסער פונ'ם ברו־נעם, אַרויסגעטראָגען די מיסט פון שטוב.

און אַמאָל, אַז בערעלע איז געלעגען און געדרימעלט, פלעגט זי זיך מיט אים ניט צערעמאָניען און דערלאַנגען אים מיט דער קאָטשערע אין זייט אַריין.

— געגוג דיר שוין, שלים־מזל, צו פּאָפען! שטעה אויף, וועל איך דיר געבען פרעסען.

— וואָס זאָגסטו אויף אונזער בערעלען, ווי ער איז דאָס, קיין עין־הרע אויסגעוואַקסען? — זאָגט אַמאָל שרה־זיסעל צו איר מאַן.

— אויסגעוואַקסען איז ער; נאָר אַזוי זיך באַגעהן, ווי דו באַגעהסט זיך מיט אים, דאַרף מען אויך ניט. — ענטפערט איר דערויף משה־יאַנקעל.

ו.

איינמאָל איז משה־יאַנקעל געפאָרען פון שטאָט אַהיים אויפ־געלייגט, פריילעך. ווען ער איז צוגעפאָרען צום דאָרף, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ מאָדנעם רעש. קולות פון אַ סך מענשען, אַ טו־מעל, אַ הו־האַ, אַ טיוקען מיט אַ פייפען, מיט אַ געלעכטער און מיט אַ געשריי: הוררראַאַאַ!!!

„בערעלע!" — האָט משה־יאַנקעל גלייך אַ טראַכט געגעבען און ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און איז צוגעפאָרען צו דער שטוב.

און ער האָט דערזעהן אַ שרעקליכען ח ו ר ב ן: די ת ב ו א ה־קאַמער איז געוועז צעוואָרפען, די זעק צעשליידערט; די ת ב ו א ה צעשאָטען איבער׳ן גאַנצען הויף און אויסגעמישט מיט צעריסענע פּע־רינעס און קישענס, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אינאיינעם מיט אַ ס ך שערבלעך פון צעבראָכענע כ ל י ם. און ווייסע פעדערן האָבען זיך געדרייט און געטראָגען אין דער לופטען, ווי שניי, און געפאַלען אין בלאָטע אַריין. עטליכע ביימער פונ׳ם גאָרטען זיינען געלעגען מיט׳ן פ נ י ם אַראָפּ, אויסגעבראָכען און אויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל. די שטוב ג ו פ א איז געווען ערטערווייז צעשלאָגען, די פענסטער צע־בראָכען: די טיר איז געלעגען ביי אַ זייט און אויף איר האָבען זיך גע־וואַלגערט צעבראָכענע בענקלעך מיט צעשטויסענע כ ל י ם, מיט צע־שאָטענע גרויפּען, אויסגעמישט מיט פעדערן...

און אויבען, אויף׳ן דאַך פון דער שטוב, שפּאַצירט אַרום בערעלע אויף צוויי פיס, ברומט ווי אַ באָס, מ ל א כ ע ס. כאַפּט אַ ציגעל פונ׳ם קוימען, אַ באַלקע פונ׳ם דאַך און טוט אַלע מאָל אַ שליידער אין דער ערד אַריין מיט אַזאַ כ ו ח, מיט אַזאַ האַס, מיט אַזאַ ר צ י ח ה, וואָס מ ש ה־יאַנקעל האָט דאָס אויף אים נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. ער האָט בערעלען ניט געקאָנט דערקענען: דאָס מויל איז אים אָפען, די צונג אַרויסגעשטעלט, די אויגען אָנגעגאָסען מיט בלוט, און בערעלע שפּרינגט פון איין עק דאַך צום אַנדערען מיט אַזאַ מ ה י ר ו ת און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט געזעהן — טאָמער שפּרינגט ער אַראָפּ, איז אַ ס כ נ ת נ פ ש ו ת, ער וועט מענשען צעטרעטען... און די ווייסע ח ב ר ה׳ניקעס, די וואָס פאַרשטעהען ניט, וואָס דערפון קאָן אַרויס, שטעהען און לאַכען און פייפען.

און וואָס מער די ק ו נ ד ס י ם שרייען, פויקען, טיוקען און פייפען, אַזוי מער געהט בערעלע אַרום פון די כ ל י ם און אַרבייט מ ע ש י ם א ש ר ל א י ע ש ו.

— אַ ביקס! אַ ביקס! גיכער אַ ביקס! — שרייען עטליכע מענ־שען, וואָס פאַרשטעהען, וואָס דאָ טוט זיך, מיט וואָס דאָ שמעקט.

מ ש ה־יאַנקעל שטעהט און קוקט, און קוים וואָס ער פאַרשטעהט, וואָס דאָ טוט זיך. אַ פראָסט לויפט דורך איבער זיין לייב, און ער טראַכט זיך: בערעלע איז מ ש ו ג ע געוואָרען! שוין זשע וועט מען בערעלען שיסען?!... און מ ש ה־יאַנקעל פילט, אַז עס האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסען אין האַרצען. און איידער ער רעדט אויס אַ וואָרט, הערט זיך אַ שאָס און נאָך אַ שאָס, — איינס, צוויי, דריי, פּיף־פּאַף! אַ בלוי פייערל פאַרשטעלט אויף אַ מינוט די אויגען; עס הערט זיך אַ שאַרפער ר י ח פון פּולווער, און פון דאַך פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע שווע־רע זאַך, טוט זיך אַ זעץ אין דער ערד אַריין מיט אַ שטאַרקען כ ו ח, קאַטשעט זיך נאָך אַ ביסעל אין בלאָטע און כאָרכעלט, ווי אַ געקוילעטער

אַקס, און ציהט זיך אוים מיט אַלע פיער פים אַרויף, און עס זעהען זיך אַרוים די הוילע שוואַרצע טריט מיט די ברייטע פיאַטעס.

— בערעלע?... אוים בערעלע!...

און די ווייסע ח ב ר ה'ניקעס הייבען אויף אַ נייעם „הוראַ“. און מ ש ה־יאַנקעל דערזעהט, ווי עס יאָשעט יבלוט פון בערעלעס קאָפּ און פון בערעלעס האַרץ, פאַרשטעלט ער זיך מיט ביידע הענט דעם פּ נ י ם. ער קאָן קיין בלוט ניט זעהן, ער קאָן ניט זעהן בערעלעס בלוט.

* * *

און דאָרט אין שטוב, אין מיטען גרויסען ח ו ר ב ן, ליגט אויס־געצויגען ש ר ה ־ זיסעל, צוגעקוועטשט האַרט צו דער ערד. דאָס מויל איז איר אָפען, דער פּ נ י ם בלוי, די אויגען שרעקליך! עמיצענס שווערע טריט זיינען קענטיג אויף איר צעבלוטיגט לייב, אויף איר צעררי־סענער ברוסט...

פריהער איז געגאַנגען פון דער וועלט ש ר ה ־ זיסעל, און נאָכדעם בערעלע.

שלום־עליכם.

רעטענישען.

1) ווער האָט זיינע צוויי הענט אויפ'ן פּ נ י ם?

2) ווער לויפט אָהן פים?

3) האָט אַן אויער און הערט ניט, האָט קיין פים ניט און לויפט אום?

4) ווער קאָן ענטפערן אויף אַלע שפּראַכען פון דער וועלט, ניט האָ־בענדיג פריהער געלערנט קיין איינע פון זיי?

5) הגם איר זעהט מיך און איך באַגלייט אייך אומעטום, דאָך בין איך גאָרנישט. ווער בין איך?

6) וואו זעהט איר זיך גאַנץ אָפט, וואו איר זייט קיינמאָל ניט געווען און קאָנט קיינמאָל ניט זיין?

7) אַ קליין באַשעפעניש מיט איין אויג, קריכט הויך איבער יעדען באַרג, שווימט טיף אין יעדען וואַסער?

8) ווער קאָן מיט איין מאָל אַרומנעמען טויזענטער מענשען און ניט צעדריקען זיי?

9) דרייסיג ווייסע פערד אויף אַ רויטען בערגעל; אַמאָל שפרינגען זיי, אַמאָל געהען זיי, אַמאָל שטעהען זיי שטיל.

? ? ?

פאַרטייטשונג פון די שווערערע ווערטער, וואָס געהען אַריין אין דעם בוך.

אויסלאַדען — אַראָפּנעמען אַ לאַסט.
אויסצוואַגען — אויסוואַשען.
אויסקומעניש — פאַרדיענסט, באַצאַהלט.
אויסראַטען — פאַרניכטען, פאַרטיליגען.
אויפגערוימט — אין אַ גוטער שטימונג.
אויפריכטען — פאַרבעסערען, דערהייבען.
אומגעהייער — זעהר און זעהר.
אומגעלומפּערט — ניט באַטראַכט, ניט אָפּגעהיט.
אונטערטעניג — זעהר געהאַרכזאַם; הכנעה'דיג.
איי, אַפּלז! — עי, עפּעל!
אילומינאַציע — שענע באַלייכטונג.
אינסטינקט — געפיהל.
אַלמעכטיגער — גאָט.
אנגסט — מ ו ר א, שרעק.
אָנגעלייגט — אַנגענעם; ח ש ו ב, וויכטיג און אַנגענעם. (אָנגעלייגטער גאַסט; דאָס איז ביי מיר שטאַרק אָנגעלייגט).
אָנהורבען — אָנוואַרפען.
אָנלאָדען — אַרויפלייגען אַ לאַסט.
ארבוזלעך — קליינע קאַוועגעס אָדער קירבעסלעך.

באַגערען — ווינשען, וועלען.
באַגרייפען — פאַרשטעהן, באַנעמען.
באַמבלען זיך — אַראָפּהענגען, טרייסלען זיך.
באַקוועם — גוט; וואָס מאַכט צו פיהלען גוט.
באַקרוינען — באַשענען, באַצירען.
באַשטאַן — אַ גאָרטען.
באַשטאַנשטשיק — דער וואָס האַלט אַ גאָרטען.
באַשטרייפט — באַמאָלט מיט פּאַסען, מיט שטריכען.
בוכענצע — שטויס, קלאַפּ.
בראָנע — אַ געציינדעלטער אינסטרומענט, מיט וועלכען דער פויער צעקלאַפּט די גרויסע ערד־קאַמעס נאָכ'ן אַקערן.
בלינצלען — מאַכען מיט די אויגען; קוקען.
ברעכען זיך — מאַכען אָנשטעלען, קונצען.

גאַסטהויז — האָטעל, א כ ס נ י א.
גוידערן — שנעל רעדען; דאָס גערעד פון בושעלם.
געוועלטיגען — הערשען.
געזימס — ברעג פון דאַך, סטרעכע.
געלינגען — איינגעבען זיך.
געמייזעכץ — אַ לאָנקע ביים טייך. אַ בלאָטיגער פּלאַץ. באַוואָקסען מיט גראָז
גענאָד — אַ ט ו ב ה, אַ ח ס ד.
געניסען — פאַרזוכען; האָבען ה נ א ה.
גענעזען ווערען — אויסגעהיילט ווערען.
געפאַלען זיין — ווערען אָרים.
געפלעקט — באַדעקט מיט פלעקען: וויס אויף שווארץ ל מ ש ל א. ד. ג.
געצענדיענער — אַ מענש, וואָס גלויבט אין פיעל געטער, אָדער אין אָפּגעטער.
געשמיידיג — פלינק, שנעל
גראַציעז — שען, איידעל.
גרויל — שרעק, א י מ ה.
גריווע — די האָר אויפ'ן האַלז ביי אַ פערד, אַ לייב א. ד. ג.

דאַקוטשען — דערעסען.
דזשעקעט — אויבערמאַנטעל.
דערגעהן דעם עק — פאַרמוטשען צום טויט.
דערגרייכען — דערגעהן צו עטוואָס; באַקומען.
דערקוויקען זיך — דערפרישען זיך; אָפּלעבען.
דערשפּירען — דערפיהלען.
דרינגען — אויסגעפינען; זאָגען אַ מיינונג.

האָל — קאָרידאָר; אַ גרויסער זאַל.
האַסטיג — שנעל.
האָפערדיג — שטאָלץ.
האָרניס — אַזאַ פליג. ענגליש — WASP רוסיש — OCA
היגעל — קליין בערגעל.
הייליג — דער צושטאַנד פון די ציינער, ווען מען עסט עטוואָס שטאַרק זויערס.
הילכיג — קלינגענד; זעהר הויך.
הענדום־פּענדום — ניט געשטויגען, ניט

געפלויגען; ניט פאַרזיכטיג; ניט אַרומגעטראַכט.

העסע — וואַנט־לאָמפּ.

ווארעניקעס — בלינטשיקלעך; אָנגעפּיהלטע קרעפּלעך.

ווידערהאָלען — איבערזאָגען עטליכע מאָל, איבער׳חזר׳ן.

זשמוט — אַ פּאַק, אַ הויפען.

טאָלק — אָרדענונג.

טאָמביק — נייזילבער; אַ געמיש פון צין, ניקעל און אַנדערע מעטאַלען.

טאַנדעטניק — הענדלער מיט אַלטוואַרג.

טוליפּאַן — אַזאַ בלום; ענגליש — TULIP

טענעמענט־הויז — אַ הויז מיט אַ ס ך ד י ר ו ת צו פאַרדינגען.

טראָלט — פראַנז.

טראָמפּייט — טרובע.

טראַף — פאַל, צופאַל.

טשאַטעווען — שטיל אָפּהיטען, נאָכשפּירען.

יאָזשען זיך — קנייטשען, קאָרטשען זיך.

כאליאסטרע — אַ מ ח נ ה, אַ כאָפּטע, אַן ע ו ל ם.

כליפּען — וויינען.

כמורנע — נעבעלדיג, וואָלקענדיג

כרעמזעל — פּלאַטשיגע קניידעל.

לאזור — בלויקייט.

לאַטוטניק — איינער, וועמעס אַרבייט עס איז צו פאַרלאַטען אַלטע שיך, קליידער א. ד. ג.

לאַמפּאַס — אַ ברייטער קאָלירטער פּאַס אויפ׳ן זייט פון די הויזען.

לאַסט — אַ שווערע מ ש א.

לאָשיק — אַ יונג פערדעל.

לוטשניק — אַן אייזערנע כ ל י, אויף וועלכער מען פלעגט האַלטען די ברענענדע שפּענדלעך צו באַליכטען דאָס פאַרצייטיגע הויז.

לויערן — היטען, נאָכשפּירען, וועלענדיג טאָן שלעכטס.

לויפער — שטיפער, שויגעץ.

לוסטיג — פריוהליך.

ליטקעס — הינטערשטע פיס.

לייכטזיניג — שטיפעריש; ניט אַרומגעטראַכט; איינער וואָס בייט אָפּט זיינע מיינונגען אָדער באַשלוסען.

לעגענדע — אַן אַלטע געשיכטע.

לער — ליידיג, פּוסט.

מאטערן זיך — מוטשען זיך. ג ו ס ס׳ן

מאַכמעדאַנער — אָנהענגער פונ׳ם גלויבען אין מחמד (די אַראַבער, טערקען, די איינוואוינער פון צ פ ו ן־אַפריקע זיינען מאַכמעדאַנער).

מורמלען — רעדען ניט קלאָר; רעדען שלעכטס אויף אַ צווייטען.

מיטינג — פאַרזאַמלונג.

מים — פרוילין.

מענאַזשעריע — טירגאָרטען.

נאָ — ניין.

נויאָרק — דער נאָמען פון דער גרעסטער שטאָט אין אַמעריקע. דאָ באַטייט: „אין שטוב איז נויאָרק״ — אין שטוב איז גרויס אָרימקייט.

ניוכען — שמעקען.

נעפּעל — לייכטער וואָלקען.

סאָליד — אָנגעזעהען, בעל־הבת׳יש; ריכטיג.

סטאַדאָלע — שטאַל.

סטאַטיק — איידעל קינד; איינער וואָס האַלט זיך שטיל, ווירדיג, רוהיג און שען, מיט שטאַט.

סטאַטעטשנע — מיט שטאַט, רוהיג, מיט ווירדע.

סטוסאַק — קלאַפּ, שטויס.

סטריט — גאַס.

סיביר — דער צ פ ו ן־אַזיאַטישער טייל פון רוסלאַנד, וואו עס איז זעהר קאַלט. דאָ באַטייט: „אויפ׳ן גאַס איז סיביר״ — אויפ׳ן גאַס איז זעהר שטאַרק קאַלט.

סלופּ — אַ זייל.

סענט — די קלענסטע מ ט ב ע אין די פאַראייניגטע שטאַטען. אַמאָל איז דאָס געווען — צוויי קאָפּיקעס.

ספּאָדיק — היטעל.

ספּירטאָווע — היציג, שטיפעריש.

ספּריטנע — שנעל, געשיקט.

עלענד — איינזאַם.

פּאַבליק־סקול — עפּענטליכע אַנפאַנג־שול אין אַמעריקע.

פּאַוואָליע — פּאַמעליך, ביסלעכווייז.

פּאַזש — באַדיענער ביי אַ קעניגין אָדער פּרינצעסין.

פּאַיאַץ — קונצענמאַכער, קלאָון.

פּאַלומעסיק — אַ גרויסער לאַנגער טעלער.

פּאַמוינִיצע — אַ צעבער, וואוהין מען גיסט אַריין דאָס איבערגעבליבענע פֿונ'ם עסען און אַנדערע אָפּפאַלען, און פֿון וואַנען מען גיט עסען אין רוסלאַנד די קיה.

פּאַרטיי — אַ ס ע ו ד ה, אַ י ו ם־ט ו ב

פּאָרקען זיך — ראָיען זיך, גראָבען זיך; זעהר לאַנגזאַם אַרביטען.

פּיטשעווקעס — אָדער פּישטשעווקעס— קלייניגקייטען.

פּלויט — צוים, פּלאַנקען.

פּליושקען זיך — שווענקען זיך.

פּליט — צוזאַמענגעבונדענע קלעצער אויפ'ן וואַסער.

פּליקען — אַרומנעמען; צעשניידען.

פּעדלען — האַנדלען.

פּעדלער — הענדלער, קאַראַביינִיק.

פּעני — סענט.

פּעשטשען — אין אַלץ נאָכגעבען; זעהר ליב האָבען.

פּראַווען — אָפּהאַלטען.

פּראַצע — אַרבייט.

פּרעזענט — געשאַנק, מ ת נ ה.

פּרעזשעניצע — אַ פּלאַציגער קוכען.

פֿאַקעל — שטורקאַץ, אַ ליכט.

פֿאַראַכטונג — ש נ א ה, פֿאַר'מ י א ו ס'־ אונג.

פֿאַרגאַפט — שטאַרק פֿאַרקוקט.

פֿאַרזעהעניש — זעהר אַ מ י א ו ס'ע באַשעפעניש אָדער זאַך, אָדער פֿאַרקעהרט —זעהר אַ שענע.

פֿאַרטאָיען זיך — פֿאַרבאַהאַלטען זיך; פֿאַרהאַלטען דעם אָטעם. זיין שטיל.

פֿאַרטאַראַראַמט — פֿאַר'עסק'ט, פֿאַרהאַוועט, פֿאַרשפּילט, פֿאַרשמייט.

פֿאַרטיוקען — פֿאַרשרייען. פֿאַרטרייבען.

פֿאַרפּראַווען — צוריכטען מיט פּעפער, זאַלץ א. ד. ג.

פֿאַרפּליאַסקען — פֿאַרגיסען, פֿאַרשמירען.

פֿאַרקאָוועט — באַדעקט מיט אייז־הויך.

פֿאַרקלעמען — פֿאַרדריקען.

פֿאַרשווינדען — ניט ווערען; נ ע ל ם ווערען.

פֿאַרשליידערן — פֿאַרוואַרפען.

פֿאַרשמיידט — פֿאַרהאַוועט, צעטראָגען, פֿאַרשפּילט.

פֿייוו סענט איי האָל לאָט! — פֿינף סענט אַ גאַנצער פּאַק!

פֿלאַטערן — אומפֿליהען; ציטערן.

פֿלאָר — שטאָק, עטאַזש; דיל.

פֿליטערל — אַ גלאַנצענדיג שטיקעל מעטאַל; אַ גלאַנצענדיגע זאַך.

פֿלייצט — גיסט, רינט.

פֿלעדערוויש — אַ פּעקעל פּעדערן אויף אָפּווישען דעם שטויב.

פֿלעט־הויז — אַ הויז מיט עטליכע שטאָק צו פֿאַרדינגען.

פֿערציגער — פֿערציג גראָשען, צוואַנציג קאָפּיקעס.

צאַרט — איידעל.

צודעמפּען — צופּרעגלען.

צוויטשערן — פּישטשען, זינגען.

צויבערמאַן — מ כ ש ף, וואונדער־מאַכער.

צולאַטכענען — צונעמען, צו'ג נ ב'ענען.

צינז — שטייערן, אָפּצאָהל.

צענטראַל־פּאַרק — דער נאָמען פֿון אַ פּאַרק אין מיט'ן נויאָרק.

צעצוויקלען זיך — צעוואַקסען זיך.

קאַבאַקלעך — גרינע פּרוכט עהנליך צו קירבעסלעך אָדער אוגערקעס.

קאַמין — אַן אָפּענער אויווען.

קאַמיש — דיקער טשערעט, טראַסטניק; דיקע הויכע קיילעכדיגע גראָז.

קאָמפּלימענט — גרוס, נייגונג.

קאָנורע — הונט־ביידעל; קליין הייזעל.

קאָנטענט — צופֿרידען.

קאַפּאָטע — לאַנגער ראָק.

קאַפּיטאַליסט — אַ רייכער מאַן; אַ פֿאַבריקאַנט.

קאַראַוואַן — אַ קאָמפּאַני, וואָס געהט דורך אַ וויסטעניש.

קאָרידאָר — אינטערוט־צימער; לאַנגער דורכגאַנג צימער; האָל.

קאַרפּעט — טעפּיך.

קאַש — קאָרב.
קוואָדער — אַ פערטעל דאָלאַר.
קוטשמע — אַ וואַרימער הוט.
קופּע — הויפן; קרייז.
קוראַזש — מוט; שטאָלץ.
קייבערל — קערבעלע; קאָשיקעל.
קימערן זיך — זאָרגען זיך, ד א ג ה'ן.
קלויען — קאַפּיטעס; די פוס ביי אַ פערד, קוה א. ד. ג.
קלעם — דרוק; צ ר ה.
קעלטער — קעלער, וואו מען מאַכט וויין.
קעסט — שפּייז; עסען און טרינקען.
קראַלען — שאַרפע נעגעל ביי אַ ליוב, אַ קאַץ, אַן אָדלער א. ד. ג.
קריוודע — קלאַגע; אָננעמען זיך פאַר איינעמס קריוודע מיינט — אָננעמען זיך פאַר יענעמס זאַך, שטעהן פאַר איהם.
קרייקע — שטיקעל לייווענט; דער ברעג פון אַ טיכעל.

ר

אָדביקסעל — אַ ביקסעל אויף ל ג־ב ע ו מ ר געמאַכט מיט דער הילף פון אַ רייף.
ראַנגלען זיך — באָרען זיך. קעמפען.
רודערן — טומלען; אוממאַכען מיט די רודערס ביים פאָרען אויפ'ן וואַסער.
ריעל־עסטייטניק — אַ מאַן וואָס קויפט און פאַרקויפט הייזער, פלעצער און ב כ ל ל אומבאַוועגליכע גיטער.
ריפּען — סקריפּען.
רעשטשינען — איינזייערן.

ש

אַרשקען — רייבען בלעטער, אָדער אַ האַרט קלייד; דערמיט אַרויסרופען דעם ספּעציעלען קלאַנג פון רייבען.
שוידערליכקייט — שרעקליכקייט.
שופּ — שאָלעכץ.
שטערען־טיכעל — אַ באַנד אַרום קאָפּ אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער; קאָפּ־ציערונג.
שטראַנג — גלייך, שטאָלץ, פעסט.
שימערן — לויכטען, בלישטשען.
שמעקען — געפעלען.
שעפּטשען — שטיל רעדען, רעדען אויפ'ן אויער.
שעפּעל — אַ קוואָרט; אַ הילצערן גע־פעס.
שפּאַרע — אַ שמאָלע עפנונג, אַ שפּאַלט.
שפּירען — פיהלען.

ווערטערבוך

פון העבּרעאיש־אידישע ווערטער, וואָס געהען אַריַין אין דעם בוך.

באַמערקונג: די ווערטער זיַינען דאָ געפּינטעלט אזוי, ווי זיי ווערען ארויסגערעדט אין אידיש. דערביַי דאַרף מען גערענקען:

1) אז א ניט געפּינטעלטער „ו" אין א ניט אקצענטירטער זילב ווערט ארויסגערעדט ווי „ע" (ֶ): אַפִּילו = אַפִּילֶ; רַחמָנות = רַחמָנֶת; בָּחור = בָּחֶר; שָׁלום = שָׁלֶם; חַתונָה = חַתֶנָה.

פאַר „ל" און „ן" אין סָוף וואָרט ווערט דער „ו" ארויסגערעדט ווי א קורצער „ע": נִיגון = נִיגְן; לָשון = לָשְן; בִּיטול = בִּיטְל.

2) ווען די לעצטע ניט אקצענטירטע זילב האָט א „י", ווערט אָט דער „י" ארויסגערעדט ווי „ע" (ֶ) און דער קאָנסאָנאַנט, וואָס שטעהט פאַר איהם, ווערט נעפּינטעלט מיט א סגול (ֶ): פֵּרֶי, כֵּלֶי, טַלֶית.

פאַר „ל" און „ן" ווערט דער „י" אויך ארויסגערעדט ווי א קורצער „ע": לְהַבדיל = לְהַבדְל.

3) די לעצטע זילב אין א העבּרעאיש־אידיש וואָרט ווערט בִּכלַל ארויסגערעדט אזוי, ווי זי וואָלט געהאַט דעם קלאַנג „ע", סיַידען זי איז נעפּינטעלט מיט א ַ, ָ, ֹ, ֵ אָדער וּ און האָט דעם אקצענט אויף זיך. אין לעצטען פאַל ווערט קלאָר ארויסגערעדט דער געגעבענער וואָקאַל: שמַע; כּדֵי; הָא (לַחמָא); פּרִי (הָעֵץ); גוּף.

4) אין אזעלכע ווערטער, ווי סָוף, קָול, אָות, אָורחִים א. ד. ג., וואו דער „ו" ווערט ארויסגערעדט ווי א קָמֶץ (ָ), שטעהט א ָ אונטער'ן קאָנסאָנאַנט פאַר'ן „ו" און דער „ו" איז שטום.

5) א ניט געפּינטעלטער „א" אָדער „ע" נאָך אַן אקצענטירטען פַּתֶח (ַ), ווערט געוואוינליך ארויסגערעדט ווי א יוד: מַאכל = מיַיכל; טַענֶה = טיַינֶה; מַעשֶׂה = מיַישֶׂה (מען לעזט נאָך אָבער אמאָל אויך מַעֲנשֶׂה).

6) אין קוואַדראַטע קלאַמערן שטעהט אמאָל די אויסשפּראַך פונ'ם וואָרט, באַצייַכענט אויפ'ן אידישען אופן: בַּעל־הַבָּית [באַלעבאָס].

7) ווערטער, נאָך וועלכע עס איז ניטאָ קייַן דערקלערונג פון זייער באַדיַיטונג, זיַינען נעמען פון פּערזאָנען אָדער שטעט.

אָב — דער פינפטער אידישער חוֹדֶשׁ.

אֲבֵדָה — פארלוסט; פארלאָרענע זאך.

אַבטַליון —

אֵבֶר (אֵבָרִים) — גליד.

אַברָהָם —

אַברָהָמ׳יכע —

אַברָהם־משֶׁה —

אַגָגִי — פון דער פאמיליע אַגָג.

אַגָדָה (וֹת) — לעגענדע; א מַעֲשֶׂה פון אלטע צײַטען.

אָדָר — דער צוועלפטער אידישער חוֹדֶשׁ.

אַדרַבָּה — פארקערט.

אַהרן [אַרן] —

אַוַדַאי [אַוואַדע] — געוויס.

אוֹצָר (אוֹצָרות) — א גרויס רייכטום; א שאץ.

אוֹרֵחַ (אוֹרְחִים) — גאסט.

אַחאָב —

אַחֲרֵי כִּכלות הַכֹּל — נאך אלצדינג.

אַחַשוֵרוֹש —

אַחַשׁתְּרָנִים — רײַטער.

אִיזֶבֶל —

אֵימָה — א שרעק.

אֵימַת־מָוֶת — א טויט־שרעק.

אִיר — דער צווייטער אידישער חוֹדֶשׁ.

אַכזָרִיוּת — הארט־הערציגקייט.

אֱלוּל — דער זעקסטער אידישער חוֹדֶשׁ.

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא — 1) דער נאָמען פון א אידישען הײליגען מאן; 2) דער נאָמען פון א העברעאיש ליד, וואָס מען זינגט נאך הַבדָלָה.

אָלֶף — דער נאָמען פון דעם אות „א“.

אָלֶף־בֵּית — אלע אידישע אוֹתִיוֹת צוזאמען.

אָמֵן — ריכטיג; דער ענטפער אויף א בְּרָכָה.

אֶמֶת — ריכטיג, ריכטיגקײט; וואר, וואר־הײט.

אֶמֶת׳דיג — ריכטיג. אין דער אֶמֶת׳ן — ווירקליך.

אָסוּר ניט — כ׳שווער זיך, אז ניט.

אֶסתֵּר —

אַפִילוּ — זאָגאר.

אֶפשָר — עס קאן זײַן; פיללײַכט.

אַרבַּע כּוֹסוֹת — די פיער כּוֹסוֹת בײַם פֶּסַח׳דיגען סֵדֶר.

אֶרֶץ יִשׂרָאֵל — דאס אידישע לאנד, פאלעסטינע.

אַשרֵי — א אידישע תְּפִילָה.

אֶתרוֹג [אֶתרִיג] — א געלע פְּרִי, אויף וועלכער א איד בענשט סוּכּוֹת.

בֶּהָלָה — טומעל, אײַנגעלאף, אײַלעניש.

בְּהֵמָה (וֹת) — קוה, הויז־חַיָה.

בּוֹדֵק־חָמֵץ זַיין — אויסזוכען די לעצטע ברעקלעך ברויט אין שטוב עֶרֶב פֶּסַח.

בּוֹרֵא — באַשעפער, גאָט.

בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ — דער באַשעפער פון פַייער־ליכט. מאַכען „בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ" — אונטערצינדען.

בּוּשָׁה — שאַנד; חַרְפָּה. בּוּשָׁה האָבען — שעמען זיך.

בִּזְיוֹנוֹת — שאַנד.

בָּחוּר (בָּחוּרִים) [בָּחְרִים] — יונגער־מענש, ניט קַיין חַתוּנָה־געהאַטער.

בְּטֶבַע — פון דער נאַטור.

בַּטְל'ען — פאַרשווענדען אומזיסט. אויס'בַּטְל'ען — אויסשיטען.

בִּזָיוֹן — שאַנד, חַרְפָּה.

בִּטָחוֹן — גלויבען, האָפענונג.

בֵּין־הַשְׁמָשׁוֹת — פאַרנאַכט.

בֵּיצִים — אַייער.

בִּירוּשָׁה בַּאַקוּמען — באַקומען נאָכ'ן טויט פון אַ קָרוֹב.

בֵּית — דער נאָמען פונ'ם אות „ב".

בֵּית־הַמֶדְרָשׁ אָדער בֵּית־מֶדְרֶשׁ — אַ שוהל צום דאַוונען און צום לערנען תּוֹרָה.

בֵּית־הַמִקְדָשׁ — דער הֵייליגער טעמפעל.

בִּכְדֵי — צוליב דעם, אַז...

בִּמְהֵרָה יָבוֹא אֵלֵינוּ — אין גיכען וועט ער קומען צו אונז.

בְּמֵילָא — סַיי ווי סַיי.

בֶּן־יָחִיד — אַייגאַייגציגער זון.

בֶּן־סִירָא — אַ אידישער חָכָם, געלעבט אין 3-טען יאָרהונדערט פאַר קר. נעב.

בַּעַל־דַרְשׁ'ער — רעדנער.

בַּעַל־הַבָּית [באַלעבאָס] — אַייגענ־טימער, ווירט, באָס.

בַּעַל־הַבָּית'טע [באַלעבאָסטע] — אַייגענטימערין, ווירטין.

בַּעֲלֵי־בַתִּים [באַלעבאַטים] — אַיי־געגטימערס, ווירטען.

בַּעַל־חֶסֶד — אַ גוטס־טוער.

בַּעַל־מְלָאכָה (בַּעַל־מְלָאכוֹת) — ארבַייטער.

בַּעלן (בַּעלָנים) [באַלן—באַלאָנים]: זַיין אַ בַּעלן — ווערען.

בְּעֵת [בַּיִים] — ווען.

בְּעֵת־מַעֲשֶׂה [בַּיִים מַייסע] — דערבַיי, אין דערזעלבער צַייט.

בקוֹל רָם — הויך אויפ'ן קָול.

בַּקָשָׁה (וֹת) — אַ ביטע.

בְּרוֹגֶז — צעקריגט; אין כַּעַס; בַייז.

בָּרוּךְ אַתָּה — „געבענשט זאָלסטו זײַן" (דער אָנהײב פון יעדער בְּרָכָה).

בָּרוּךְ־הַבָּא — אַ באַגריסונג צו דעם, וואָס קומט אַרײַן: ביסט ווילקאָמען!

בָּרוּךְ־הַשֵּׁם — געלויבט איז גאָט.

בְּרָכָה (ות) — אַ קורצע תְּפִילָה פאַר'ן עסען און אין אַ סַךְ אַנדערע פאַלען; אַ בענשונג.

בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט — פאַר קײַן פאַל ניט.

בְּשָׁלוֹם — אין פרידען; רוהיג.

בְּשָׁעַת — ווען; אין דער צײַט, וואָס.

בְּשַׁעַת־מַעֲשֶׂה — דערבײַ, אין דערזעלבער צײַט.

בְּשׂוֹרָה (ות) — נײַעס.

בַּת־יְחִידָה — אַן אײַנאײַנציגע.

גַּאֲוָה — שטאָלצקײַט.

גַּאֲוָה'דיג — שטאָלץ.

גְּבוּרָה — העלדישקײַט.

גְּדוּלָה — גרויסקײַט; פרײַד.

גַּדְלוּת — שטאָלץ, שטאָלצקײַט.

גוּזמָא — זעהר פיעל; איבערגעטריבען.

גּוֹי (גּוֹיִים) — ניט איד; קריסט.

גּוֹסֵס — וואָס מאַטערט זיך פאַר'ן טויט.

גּוּף (ים) — קערפּער.

גּוֹרֵם הֶזֵּיק זײַן — פאַרשאַפען אָדער אַרויסרופען שאָדען.

גַּזְלָן (גַּזְלָנִים) — מערדער; כַּעסן.

גַּזְלָנוּת — גרויס כַּעַס.

גְּזַר־דִּין — אורטײַל.

גִּיבּוֹר (גִּיבּוֹרִים) — העלד; שטאַרקער מענש.

גָּלְיָת —

גַּם־אַתֶּם — איר אויך.

גַּנָּב (גַּנָּבִים) —

גַּנָּבִ'יש — כיטרע; זעהר קלוג.

גַּנב'ענען — צונעמען פרעמדס.

גַּן־עֵדֶן — זעהר אַ גוטער פּלאַץ; זעהר גוט.

דְּבוֹרָה —

דָּוִד —

דַּוְקָא (דַּווקא) — נאַר; אויף צו לְהַכְעִיס.

דּוֹר (דּוֹרוֹת) — פון דּוֹר צו דּוֹר — פון'ם טאַטען צום זון.

דִּיבּוּרִים — רײַד.

דִּירָה (ות) — אַ געדונגנען הויז; אַ הויז צום וואוינען.

דַּלּוּת — אָרימקײַט.

דֵּעָה (ות) — מײַנונג; שטים.

דֶּרֶךְ־אֶרֶץ — אָפּשײַ.

דְּרָשָׁה (ות) — רעדע.

הֵא — דער נאָמען פון'ם אות „ה".

הַבְדָלָה — די תְּפִילָה שַׁבָּת צו נאכט צום אָפּשיידען וואָך פון שַׁבָּת.

הַגָּדָה — דאָס בוך פון געבעטען און לעגענדעס, וואָס מען זאָגט פֶּסַח צום סֵדֶר.

הֲדַס (הֲדַסִים) — מירטען־צווייגעל, וואָס מען בינדט צו צום לוּלָב.

הֶזֵּיק (הֶזֵּיקוֹת) — שאָדען.

הַזָקֵן — דער אַלטער.

הַלֵּל —

הַמוֹצִיא — א בְּרָכָה אויף ברויט; א שטיקעל ברויט.

הַמֶלֶךְ — דער קיניג.

הַמֶלֶךְ הַכָּבוֹד — דער געערטער קיניג; גאָט.

הָמָן בֶּן הַמְדָתָא —

הֲנָאָה — פאַרגעניגען.

הַנֵרוֹת הַלָלוּ אָנוּ מַדְלִיקִין — א מִין געבעט, וואָס מען זאָגט נאָכ'ן בענשען חֲנוּכָּה־ליכט.

הֶסֵב־בעט — א ווייך בעט אָדער א ווייכער שטול צום אָנלעהנען זיך צום סֵדֶר.

הַפָּנִים — קענטיג.

הַצַדִיק — דער גערעכטער, דער פרומער.

הֶקְדֵשׁ (הֶקְדֵשִׁים) — א שפּיטאָל; א הויז פאַר אָרימע לייט; א שמוציגער פּלאַץ.

הַקִיצוּר — קורץ גערעדט, אין קורצען.

הַקָפָה (וֹת) — א מאַרש שִׂמְחַת־תּוֹרָה מיט די תּוֹרוֹת.

הַרג'ענען — מאָרדען, דערשלאָגען.

הַתָּךְ —

הִתְפַּעֲלוּת — באַגייסטערונג.

וַיְהִי הַיוֹם — טרעפט איינמאָל.

וַשְׁתִּי —

זֶכֶר — אָנדענקונג.

זִכָּרוֹן — די פעהיגקייט צו געדענקען.

זַלְמָן —

זְמִירוֹת — געזאַנגען פון שַׁבָּת נאָכ'ן עסען.

זֶמֶר'ל — א געזאַנג, א לידעל, א נִיגוּן.

זָקֵן — אַלטער מאַן.

זֶרֶשׁ —

חָבֵר (חֲבֵרִים) — פריינד.

חֶבְרָה — עולם, קאָמפּאַניע; חֶבְרָה־מאַן — שטיפער. וויים־חֶבְרָה'ניק — צעלאָזענער מענש.

חֶברון —

חַבֶר'טע — פריינדין.

חֶדֶר (חֲדָרִים) — צימער; רעליגיעזע שול.

חוב — שולד; פליכט.

חוֹדֶש (חֳדָשִים) — מאָנאַט.

חוזק — שפּאַס.

חוזק'דיג — שפּאַסהאַפט.

חוֹלֶה (חֲלָיִים) — אַ קראַנקער.

חוּמָש — די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבעל.

חוּפָּה — אַ פּיערעקיג טוך.

חוּץ — אויסער.

חוּרבן — צעשטערונג, פאַרוויסטונג.

חוּש (ים) — זין, געפיהל.

חוֹשֵד זיין — וואַרפען אויף איינעם אַ חשד, אַ פאַרדאַכט.

חֲזִיר (חֲזִירִים) —

חַזָן (חַזָנִים) — דער הויפּט-זינגער אין אַ שוהל; דער וואָס דאַווענט ביים עַמוּד.

חַזֶר'ן — ווידערהאָלען, איבערזאָגען עטליכע מאָל; איינלערנען.

חִידוּש (חִידוּשִים) — וואונדער.

חַיָה (ות) — טיער; אַ ווילד באַשעפעניש.

חַיִים —

חָכָם (חֲכָמִים) — קלוגער מאַן; געלערנטער.

חֲכָמָה (חֲכָמוֹת) — קלוגע פרוי.

חָכְמָה (ות) — אַ קלוגע זאַך, אַ וויץ.

חֵלֶב — פעטס, פון וועלכע מען מאַכט ליכט.

חֵלֶב'נע — געמאַכט פון חֵלֶב.

חַלָה (ות) — וויַיס ברויט.

חֲלוֹם (חֲלוֹמוֹת) — טרוים.

חָלוֹמ'ען — טרוימען.

חָלִילָה — זאָל מען אויסגעהיט ווערען.

חַלָף (חַלָפִים) — אַ שוחט'יש מעסער.

חֵלֶק (חֲלָקִים) — טייל, פּאָרציע; גאָב.

חַלֶש'ען — פאַלען אין אַחנמאַכט.

חָמֵץ — ברויט; געזייערט ברויט.

חֵן — ליבשאַפט; אַנגענעמקייט.

חַנָה —

חֲנוּכָּה — אַ אידישער יָום-טוב; הייבט זיך אָן דעם 25-טען כִּסְלֵיו.

חֲנוּכָּה-ליכט — ליכטלעך, וואָס מען צינדט אָן חֲנוּכָּה אין אָווענט.

חֶסֶד (חֲסָדִים) — אַ טוֹבָה; אַ גענאָד.

חָפְנִי —

חַרבוֹנָה —

חֲרוֹסֶת — צעריבענע עפּעל, פלוימען און ניס, צעמישט מיט וויַין; מען דערלאַנגט עס צום פֶּסַח צום סֵדֶר.

חֲרָטָה האָבען — ענדערן אַ באַשטימונג; ניט האַלטען קיין וואָרט.

חֶרְפָּה — שאַנדע, בּוּשָה.

חֶשְׁבּוֹן (חֶשְׁבּוֹנוֹת) — רעכענונג.

חֵשֶׁד (חֲשָׁדִים) — פאַרדאַכט.

חָשׁוּב'ער — אַן אָנגעזעהענער, אַן אָנגענומענער.

חֶשְׁוָן — דער אַכטער אידישער חוֹדֶשׁ.

חַתּוּנָה (וֹת) — האָכציַיט; אַ טומעל.

חַתּוּנָה האָבען — הייַראַטען.

חֲתִימָה (וֹת) — שטעמפּעל.

חַתמ'ענען — אונטערשריַיבען; צולייַגען אַ שטעמפּעל.

טֶבַע — נאַטור.

טֵבֵת — דער צעהנטער אידישער חוֹדֶשׁ.

טַלִּית (טַלֵּיתִים) — אַ וואָלענער אָדער זיַידענער שאַל, וואָס די אידען טוען אָן ביַים דאַווענען.

טָעוּת (טָעוּת'ן) — פעלער, גריַיז; אַ פאַרזעהען.

טַעַם — געשמאַק; גוסט.

טַעֲנָה (וֹת) — פאָדערונג; קלאָגע; פּרעטענזיע.

טַעֲנֶה'ן — רעדען; קלאָגען זיך.

יְהוֹאָש —

יְהוּדָה הַמַּכַּבִּי —

יוֹאֵל'יק —

יוֹם־טוֹב (יָמִים־טוֹבִים) [יאָנטעף— יאָנטויווים] — אַ פיַיערטאָג; אַ הייַליגער טאָג.

גוט יוֹם־טוֹב! — אַ באַגריסונג פאַר יוֹם־טוֹב'דיגע טעג.

יוֹם־כִּיפּוּר — דער יוֹם־טוֹב פון פאַרגעבען די זינד; דער צעהנטער טאָג אין מאָנאַט תִּשְׁרֵי.

יוֹסֵף —

יוֹצֵא זיַין — אָפּקומען; אויסקומען; באַגעהן זיך. פון יוֹצֵא ווערען — אַבי נאָר ווי עס איז אָפּגעטאָן אַן ארבייַט.

יוֹרֵשׁ (יוֹרְשִׁים) — דער וואָס באַקומט דאָס פאַרמעגען נאָכ'ן טויט פון אַ נאָהענטען מענשען.

יוֹשֶׁר — ערליכקיַיט; גערעכטיגקיַיט.

יָם (יַמִּים) — אָקעאַן.

יִסוּרִים — לייַדען.

יְרוּשָׁה — דאָס פאַרמעגען, וואָס אייַנער באַקומט נאָכ'ן טויט פון זיַינעם אַ נאָהענטען מענשען.

יַרִיד (יַרִיד'ען) — אַ יאַרמאַרק; אַ גרויסער מאַרק; אַ טומעל.

יַרשׁ'ענען — באַקומען אַ פאַרמעגען נאָכ'ן טויט פון אַ נאָהענטען מענשען.

יָתוֹם (יתוֹמִים) — אייַנער וואָס האָט ניט קיין פאָטער, קיין מוטער, אָדער בייַדע.

כָּבוֹד — ערע, רעספּעקט, אכטונג.
כְּדַאי — ווערט; עס לוינט.
כְּדֵי — צוליב דעם, אַז.
כְּהֶרֶף עַיִן — אין אַן אויגענבליק, אין
א סעקונדע.
כֹּהֵן (כֹּהֲנִים) — פּריסט; אַ באַדינער
אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ; איינער וואָס קומט
ארויס פון אַהֲרֹנ׳עו, משֶׁה׳ס ברודער.
כּוֹחַ (כּוֹחוֹת) — קראַפט.
כּוֹס (כּוֹסוֹת) — אַ גלאָז; אַ בעכער.
כּוֹרְעִים פֿאַלְען — איינבייגען זיך;
פֿאַלען.
כִּיבּוּד — גוטע זאַכען, וואָס מען שטעלט
צום טיש, ווען געסט קומען.
כִּיכָּר — אַן אַמאָליגע וואָג (עטליכע
הונדערט פונט).
כִּישׁוּף — צויבער, קונצענמאַכעריי
פאַר׳כִּישׁוּפ׳ט — באַצויבערט.
כֶּלֶב (כְּלָבִים) — הונט.
כֶּלֶב שֶׁבִּכְּלָבִים — אַ הונט פון הינט;
דער גרעסטער הונט.
כַּלְבָּא שָׂבוּעַ —
כַּלָּה (וֹת) — אַ מיידעל, וואָס דאַרף
באַלד חֲתוּנָה האָבען.
כָּל־זְמַן — די גאַנצע צייט, וואָס; ביז.
כָּל־טוּב — אַלדאָס גוטס.

כֵּלִי (כֵּלִים) — געפעס; אַ מוזיקאַלישער
אינסטרומענט.
כְּלֵי־זַיִן [קליזאַיען] — געווער, וואָפען.
כִּמְעַט —
כִּסֵּא־הַכָּבוֹד — גאָטס שטול.
כְּסֵדֶר — נאָכאַנאַנד.
כַּעַס — צאָרן, בייזקייט. אין כַּעַס ווע-
רען — בייז ווערען; צאָרניג ווערען.
כַּעסן (כַּעַסָנִים) — אַ מענש, וואָס
ווערט גיך און אָפט אין כַּעַס.
כָּפוּל שְׁמוֹנֶה׳דיג — אין 8 געדרייט,
זעהר דיק.
כַּרְפַּס — ציבעלע אָדער אַן אַנדער גרינס
איינגעטונקט אין זאַלץ־וואַסער; מען
דערלאַנגט דאָס פֶּסַח צום סֵדֶר.
כָּשֵׁר — ריין; וואָס מען מעג עסען; פרום.
כַּתְרִיאֵל —
כַּתְרִילעווקע — אַ נאָמען פון אַ שטע-
טעל.
לֹא עֲלֵיכֶם — ניט פאַר אייך געדאַכט.
לֹא עֲלֵיכֶם׳דיג — שלעכט געשטימט;
ניט גוט געפילט.
לָבָן הָאֲרַמִּי — אַ נאָמען פון אַ פערדעל.
לַג־בָּעוֹמֶר [לאַג־ביימער] — דער
33-סטער טאָג נאָך דעם ערשטען טאָג
פֶּסַח; אַ יוֹם־טוֹב פאַר קינדער.

לְהַבדיל — צו מאכען אן אונטערשיד.

לְחַיִים! — צו געזונט — אזוי באגריסט מען זיך, ווען מען טרינקט צוזאמען וויין אדער אן אנדער געטראנק.

לַמדן (לַמְדָנִים) — א געלערנטער מענש.

לְסוֹף — ענדליך.

לְפָחוֹת — וויי־ניגסטענס.

לָשון (לְשוֹנוֹת) — צונג; שפּראך.

לָשוֹן־קוֹדֶש — העברעאיש, די הייליגע שפּראך.

לְשָלוֹם! — זאל זיין פרידען! — אזוי ענטפערט מען אויף דעם צוואוואונש: לְחַיִים! אמאל ענטפערט מען נאך לְחַיִים טוֹבִים וּלְשָלוֹם! — צו געזונט און צו פרידען!

מֵאִיר —

מַאכל (מַאכָלִים) [מַייכל—מַייכאָ־לים] — אן עסענווארג; א געריכט; א געשמאקע זאך.

מגִילָה — א לאנגע מַעֲשֶׂה. די מַעֲשֶׂה מיט אֶסתֶּר׳ן, וואס מען דערציילט פּוּרים. דאס בוך, אין וועלכען די מַעֲשֶׂה מיט אֶסתֶּר׳ן איז אנגעשריבען.

מִדבָּר (מִדבָּריוֹת) — וויסטעניש, סטעפּ.

מְדִינָה (ות) — פּראווינץ; שטאט.

מַדריך זיין — דערציהען, פירען.

מֶדרֶש — ביכער מיט אַגָדות, מיט אלטע לעגענדעס.

מַה נִשתַּנָה — מיט וואס איז אנדערש? אזוי הייבען זיך אן די פיער קַשְיוֹת פֶּסַח צום סֵדֶר.

מוֹדֶה זיין — אנערקענען; צוגעבען.

מוֹדִיעִים — א שטעטעל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מוֹחל זיין — שענקען; פארגעבען.

מוֹרֶא — שרעק. מוֹרֶא האבען — שרעקען זיך, ציטערן.

מוֹשל (ים) — הערשער.

מִזבֵּחַ (מִזבְּחוֹת) — אלטאר; אן ארט, וואו מען ברענגט א קָרבָּן.

מַזִיק (ים) — א שטיפער, א קונצענ־מאכער.

מַזל (מַזָלוֹת) — שיקזאל; גורל; גליק.

מַזַכֶּה זיין — באשענקען; באשערען.

מִזרֶח — די זייט פון דער וועלט, וואו די זון געהט אויף.

מְחַבּל (מְחַבְּלִים) — פארדארבער; שוֹנֵא.

מחוּיָב זיין — פארפליכט זיין; מוזען טאן עפּעס.

מחוּתָן (מחוּתָנִים) — אן איינער פון דער ווייבס צַד; א גאסט אויף א חַתוּנָה.

מחיה־נפשות — זעהר גוט; זעהר אָנ־גענעם; א חיות.

מחילה — האָט ניט קיין פאראיבעל!

מחמת — ווייל.

מחנה (ות) — סטאדע, א סך.

מחשבה (ות) — געדאנק.

מטבע (ות) — א געלט־שטיק.

מיאוס — ניט שיין; העסליך.

מיאוס'קייט — א מיאוס'ע זאך; א מויז.

מי יודע — ווער ווייס?

מין (ים) — סאָרט, ארט.

מכבד זיין — איינטיילען; טראקטירען; געבען כיבוד.

מכל המינים — פון אלע סאָרטען.

מכלומר'שט — אויף צו פלייסען; אזוי ווי דאס וואלט געווען אין דער אמת'ן.

מלאך (מלאכים) —

מלאך־המות — דער מלאך פון טויט.

מלאכה (ות) — ארבייט.

מלבוש (ים) — קלייד.

מלוה זיין — באגלייטען צום קבר.

מלוכה (ות) — קעניגרייך, לאנד; רע־גירונג.

מלמד (מלמדים) — א לערער אין א חדר, אין א רעליגיעזער שול.

ממית'ן — טייטען.

ממוכן —

ממש — פונקט.

מנהג (מנהגים) — געוואוינהייט; איינ־פיר.

מנורה (ות) — לייכטער.

מנוחה — רוה, שטילקייט.

מנחה — די תפילה פון פארנאכט.

מנשה —

מסכים זיין — איינשטימען, איינ־ווילינגען.

מסר'ן — אנרעדען שלעכטס אויף איי־נעם; דערציילען עפּוואס שלעכטס וועגען איינעם.

מסתם — זעה מסתמא.

מסתמא — אפשר, דוכט זיך.

מעלה גרה זיין — איבערקייען דאס גענעסענע.

מערב — די זייט פון דער וועלט, וואו די זון פארגעהט.

מעריב — די תפילה פון אווענט.

מעשה (ות) — א געשיכטע; א דער־ציילונג; א זאך.

מעשים — טאטען; האנדלונגען.

מעת־לעת [מיסלעם] — א גאנצער טאג; 24 שעה.

מַצָה (וֹת) — ניט געזייערט ווייס ברויט, וואָס מען עסט פֶּסַח.

מִצְוָה (וֹת) — א געבאָט; א גוטע זאַך.

מִצְרַיִם — עגיפּטען, א לאַנד אין צָפון אפריקע.

מְקַבֵּל פָּנִים זיין — באגעגענען.

מְקַבֵּר זיין — באערדיגען, באגראָבען.

מְקַנֵא זיין — ניט פארגינען יענעם, פאר וואָס ער האָט.

מֶקַח — פּרייז.

מַקְרִיב זיין — ברענגען א קָרבן.

מָרְדְכַי —

מָרָה־שְׁחוֹרָה — אַן אומעטיגע שטימונג; אומעט.

מָרוֹר — כריין אָדער אַן אנדער ביטערע זאַך.

מֹשֶׁה —

מְשׁוּגָע — אראָפּ פון זינען.

מְשׁוּגָע׳נער (מְשׁוּגָעִים) — איינער, וואָס איז אראָפּ פון זינען, וואָס איז ניט ביים שֵׂכֶל.

מְשׁוּגָע׳נערווייז — ווי א מְשׁוּגָע׳נער.

מְשׁוּנֶה — מאָדנע.

מְשׁוּנֶה־מאָדנע — זעהר מאָדנע.

מְשׁוּפּוּע׳דיג — וואָס געהט איינגעבויגען פון אויבען אראָפּ.

מָשִׁיחַ — דער געזאלבטער; דער מאַן, וואָס וועט דערלייזען, באפרייען די וועלט.

מִשְׁכּוֹן (מַשְׁכָּנוֹת) — א זאַך, וואָס מען גיט אלס פארזיכערונג צו דעם, ביי וועמ׳ן מען לייט עפּעס; אַן עֵרֶב.

מָשָׁל (מְשָׁלִים) — א שפּריכוואָרט; א פאבעל.

מִשְׁלֵי — א בוך פון דער ביבעל, וואָס האָט אין זיך א סַך שפּריכווערטער און קלוגע ווערטלעך.

מִשְׁפָּחָה (וֹת) — פאמיליע.

מִשְׁפָּט (מִשְׁפָּטִים) — א געריכט; א פְּסַק־דִין; אַן אורטייל.

מִשְׁפָּט׳ן — אורטיילען, ריכטען. צו׳-מִשְׁפָּט׳ן — צו׳פְּסַק׳ענען.

מַשְׁקֶה (מַשְׁקָאוֹת) — געטראַנק, אי-בערהויפּט אלקאָהאָלישער: בראַנפען, וויין א. ד. ג.

מְשָׁרֵת (מְשָׁרְתִים) — באדינער, די-נער; א פארקויפער אין א קראָם.

מַשָׂא (מַשָׂאוֹת) — א לאַסט, א שווערע זאַך.

מֵת (מֵתִים) — א טויטער.

מְתוּשֶׁלַח —

מַתָּנָה (וֹת) — געשאַנק; פּרעזענט.

מַתִּתְיָהוּ —

נָבוֹת —

נָבִיא (נְבִיאִים) — אַ הייליגער, אַ געט־ליכער מאַן. אַ מאַן, וואָס קאָן פאָרויס־זאָגען, וואָס עס וועט זיין.

נְבֵלָה (וֹת) — אַ גע׳פּגר׳טע בְּהֵמָה.

נָגִיד (נְגִידִים) — רייכער מאַן, גְבִיר.

נְדָבָה (וֹת) — אַ געשאַנק פאַר אַן אָרי־מאַן.

נֶהרג׳ן זיך — אָפּשלאָגען זיך; שטאַרק צעקלאַפּען זיך.

נוֹקֵם זיין זיך — נְקָמָה נעמען; אָפּ־רעכענען זיך.

נוֹשֵׂא חֵן זיין — געפעלען ווערען.

נְחַמָה —

נְחֶמְיָה —

נַחַת — פאַרגעניגען; אַ ליב קינד.

נִיגוּן (נִיגוּנִים) — מעלאָדיע, מאָטיוו, געזאַנג.

נִיחָא — אַנגענעם. ניט נִיחָא — עס געהט ניט איין.

נִיסָן — דער ערשטער אידישער חוֹדֶשׁ.

נִיצוֹל ווערען — געראַטעוועט ווערען.

נִישׁקָשֶׁה — עס מאַכט ניט אויס.

נֵס (נִיסִים) — וואונדער; איבערנאַטיר־ליכע זאַך.

נְסִיעָה (וֹת) — רייזע, גאַנג.

נֶפֶשׁ (נְפָשׁוֹת) — באַשעפעניש, דאָס לעבען.

נְקָמָה — דאָס באַצאָלען מיט שלעכטס פאַר שלעכטס. נְקָמָה נעמען — אָפּ־רעכענען זיך מיט איינעם.

נְשָׁמָה (וֹת) — זייל.

סֵדֶר (סְדָרִים) — אָרדענונג; די סְעוּדָה די ערשטע צוויי אָווענטען פון פֶּסַח.

סֶדְרָה (וֹת) — אַן אָפּטיילונג אין חוּמָשׁ, וואָס מען לייענט יעדען שַׁבָּת אין שוהל; אַן עֵסֶק.

סוֹד (סוֹדוֹת) — געהיימעניש, סעקרעט. סוֹד׳ען זיך — רעדען שטיל, שושקען זיך; רעדען וועגען סעקרעטנע זאַכען.

סוּכָּה (וֹת) — אַ ביידעל, וואָס מען מאַכט צום יָום־טוב סוּכּוֹת און וואו מען עסט דעם יָום־טוב.

סוּכּוֹת — דער אידישער יָום־טוב, וואָס דויערט פון 15־טען ביז׳ן 23־סטען תִּשְׁרֵי.

סְחוֹרָה (וֹת) — שטאָף, וואַרע; אַ זאַך, מיט וואָס מען האַנדעלט.

סִיבָּה (וֹת) — אורזאַך; אַן אומגליק; אַ שלעכטער צופאַל.

סִידוּר (סִידוּרִים) — אַ בוך מיט תְּפִילּוֹת.

סִיוָן — דער דריטער אידישער חוֹדֶשׁ.

סַךְ — פיעל.

סַךְ־הַכֹּל — אינגאַנצען.

סכַךְ — צווייַגלעך אָדער שטעקעלעך, מיט וועלכע מען דעקט א סוּכָּה.

סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת — דאָס בוך, וואו מען פארשרייַבט די וויכטיגע געשעהעגישען, וואָס קומען פאר אין׳ם קיניגס הויף.

סֵפֶר־תּוֹרָה (סִפְרֵי־תוֹרָה׳ס) — דער חוּמָש אָנגעשריבען אויף פּאַרמעט.

עֲבָדִים הָיִינוּ — קנעכט זייַנען מיר גע־וועזן; דער אָנהייב פון׳ם ענטפער, וואָס דער טאַטע גיט דעם זון אויף זייַנע קַשְׁיוֹת צום סֵדֶר.

עִבְרִי — העברעאיש. עִבְרִי זאָגען — לייַענען.

עֵדוּת — איינער וואָס דערציילט, וואָס ער האָט געזעהן אָדער געהערט.

עֵדוּת זאָגען — דערציילען, וואָס געזעהן אָדער געהערט.

עוֹזֵר דַלִּים הוֹשִׁיעָה נָא! — „דער וואָס העלפט אָרימע לייַט, העלף מיר!״ א ליד, וואָס מען זינגט שִׂמְחַת־תּוֹרָה צו די הַקָּפוֹת.

עוֹלָם — מענשען, א כַּד מענשען.

עָוֹף (עוֹפוֹת) — א פוינעל.

עוֹשֶׁר — א רייַכער מאַן, א גְבִיר; רייַכקייַט.

עַזּוּת פָּנִים — א פרעכער מענש; איינער וואָס רעדט קעגען אַן עלטערען אָדער קעגען א לערער.

עַיִן־הָרָע — א שלעכט אויג. עַיִן־הָרָע געבען — שאַדען ברענגען דורך א שלעכטען קוק. קייַן עַיִן־הָרָע ניט — א ווערטעל, וואָס מען נייַגט צו, ווען מען לויבט איינעם.

עִיקָר — הויפּט־זאַך.

עָלֶיהָ־הַשָּׁלוֹם — א וואָרט, וואָס מען זאָגט, אַז מען דערמאָנט א טויטע פרוי. אויף א טויטען מאַן זאָגט מען עָלָיו־הַשָּׁלוֹם.

עָלֵינוּ — די לעצטע תְּפִלָּה בייַם דאַווענען.

עֵסֶק (עֲסָקִים) — געשעפט. ניט זייַן עֵסֶק — ניט זייַן זאַך.

עֵצָה (וֹת) — א ראָט. אַן עֵצָה געבען — ראָטען.

עֲקִיבָא —

עָרֵב (עָרֵב׳ם) — א גוט־זאָגער; א מַשְׁכּוֹן. עָרֵב זייַן — גוט זאָגען.

עֶרֶב — דער טאָג, וואָס פאר עטוואָס. עֶרֶב־שַׁבָּת — פרייַטאָג; עֶרֶב־פֶּסַח.

ערב־שבועות, ערב־ראש השנה א. ד. ג.

ערבות — ריטלעך, וואס וואקסען ביים טייך.

עשרת הדברות — די צעהן געבאָט.

עשרת ימי תשובה — די ערשטע צעהן טעג פון חודש תשרי, פון ראש־השנה ביז יום־כפור.

פאה (ות) — די האר אינ'ם אויבערשטען טייל פון ביידע באקען, ביי די אויערן.

פועל'ן — אויספירען.

פורים — דער אידישער יום־טוב, וואס פאלט דעם 14-טען אדר.

פטר'ן — הרג'ענען, פארניכטען. אפּ־פטר'ן זיך — פארטיג ווערען.

פנים — צורה, געזיכט.

פנים אל פנים — אקוראט אנטקעגען.

פסק (פסקים) — אפשניט; שטראף, אורטייל.

פרוטה (ות) — א פעני, א קאפיקע.

פרי (פרות) — פרוכט.

פריץ (פריצים) — גוט־באזיצער; רייכער מאן; גרויסער מאן.

פרנסה (ות) — פארדינסט; אן ארבייט, פון וועלכער מען מאכט א לעבען.

פרעה — דער קעניג פון מצרים.

פרק — א בוך, וואס האט אין זיך זעהר קלוגע שפּרוכען פון אלטע אידישע געלערנטע.

פשוט — פראסט, איינפאך.

צהלה ושמחה — לעבעדיג און פרייליך.

ציצה (ות) — ווייסע פעדים, וואס מען מאכט איין אין אלע פיער ברעגען פון אן ארבע־כנפות אדער א טלית.

צמוקים — ראזשינקעס.

צער [צאר] — ווייטאג, ליידען.

צער־בעלי־חיים — א רחמנות אויף א לעבעדיג באשעפעניש.

צרה (ות) — אומגליק. קוים מיט צרות — קוים, קוים.

צרה'דיג — שלעכט, זעהר שלעכט.

קבלת־פנים — באגעגעניש.

קבר (קברים) — א גרוב צו באערדיגען א טויטען.

פון קדמונים — פון אמאליגע צייטען.

קודם כל — פריהער פאר אלץ.

קודש — היילינקייט; הייליג.

קוהלת — א בוך פון דער ביבעל, וואס האט אין זיך א סך קלוגע ווערטער.

קול (קולות) — שטים. קולות — געשרייען. בקול־רם — הויך אויפ'ן קול. קול'כעל — א דינער קול.

קוֹנְדֶם (קוֹנְדְסִים) — שטיפער.

קוֹנֶה (קוֹנִים) — **קויפער, קונד.**

קִידוּש — א בְּרָכָה אויף וויין אָדער חַלוֹת שַׁבָּת אָדער יָום־טוב ביינאכט און אינדערפריה פאר׳ן עסען.

קַלְמָן —

קְעָרָה (וֹת) — שיסעל; טעלער.

קַצָּב (קַצָּבִים) — א מאן וואס פארקויפט פלייש.

קָרְבָּן (קָרְבָּנוֹת) — א קוה, א שעפס אָדער אן אנדער זאך, וואס מען ברענגט א מַתָּנָה צו גאָט אָדער צו אן אָפּגאָט.

קָרוֹב (קְרוֹבִים) — אן אייגענער, א פריינד.

קְרִיאַת שְׁמַע [קרישמע] — עטליכע פאראגראפען פון חוּמָש, וואס מען זאגט אינדערפריה און ביינאכט; הייבט זיך אן מיט׳ן ווארט „שְׁמַע“.

קַשְׁיָה (וֹת) — פראגע.

ראוּבֵן —

ראוּב׳עלע [רואוועלע] —

רְאָיָה (וֹת) — באווייז.

רֹאשׁ־חוֹדֶשׁ — דער ערשטער טאָג פון חוֹדֶשׁ.

רַב — הער; געלערנטער.

רֶבֶּי — לערער; מְלַמֵּד; לערער פון רעליגיע.

רֶבֶּי — א נאָמען פון א אידישען געלערנטען, וואס האָט נאָך אנדערש געהייסען רַב יהוּדָה הַנָּשִׂיא.

רֶבֶּי׳צִין — די פרוי פון א רֶבִּי׳ן.

רֶגַע — א ווײַלע, א סעקונדע, א מאָמענט, אן אויגענבליק.

דאָס **רוֹב** — מערסטענטיילס.

רוּחַ (רוּחוֹת) — גייסט; שֵׁד.

רוֹפֵא — דאָקטער, פעלדשער.

רוֹצֵחַ (רוֹצְחִים) — מערדער.

רָחֵל —

רַחֲמִים — רַחֲמָנוּת, מיטלייד.

רַחֲמָן (רַחֲמָנִים) — א מענש, וואס האָט רַחֲמָנוּת.

רַחֲמָנוּת — מיטלייד, מיטגעפיל.

רִיבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם — האר פון דער וועלט, גאָט.

רֵיחַ (רֵיחוֹת) — גערוך.

רַעַשׁ — טומעל.

רְפָאֵל — דער נאָמען פון א **מַלְאָךְ, וואס** היילט קראנקע.

רַק — נאָר.

רְצִיחָה (וֹת) — כַּעַס; גְזֵלָה, מערדעריי.

רָשָׁע (רְשָׁעִים) — שלעכטער מענש; שלעכטער יונג.

שְׁבָא — א נאָמען פון א לאַנד.

שְׁבוּעוֹת — דער יָום־טוֹב וואָס פאַלט דעם 6-טען סִיוָן.

שְׁבַט — דער עלפטער אידישער חוֹדֶשׁ.

שַׁבָּת (שַׁבָּתִים) — דער זיבעטער טאָג אין וואָך.

שַׁבָּת'דיג — יָום־טוב'דיג, פרייליך; נייַ.

שַׁבָּת־ליכט — ליכט, וואָס מען צינדט אן פרייטאָג צו נאַכט.

שַׁבָּת־קוֹדֶשׁ — דער הייליגער שַׁבָּת.

שַׁבָּת־שִׁירָה — דער שַׁבָּת, ווען מען לייענט אין דער תּוֹרָה די שִׁירָה, דאָס געזאַנג, וואָס די אידען האָבען געזונגען, ווען זיי זיינען אריבער דעם יַם־סוּף.

שֵׁד (שֵׁדִים) — גייסט, טייוועל.

שֶׁהֶחֱיָנוּ — א בְּרָכָה, וואָס מען מאַכט, ווען מען עסט צום ערשטען מאָל דאָס יאָר א נייע פרוכט.

שְׁהִיוֹת [שיעס]; — מאַכען שְׁהִיוֹת — פאַרזאַמען זיך.

שׁוֹחֵט (שׁוֹחֲטִים) — א מאַן, וואָס קוילעט בְּהֵמוֹת און עוֹפוֹת.

שׁוֹטֶה (שׁוֹטִים) — נאַר.

שׁוֹמֵר וּמַצִיל זיין — אָפּהיטען, אויס־היטען.

שׂוֹנֵא (שׂוֹנְאִים) — פיינד.

שׁוֹפָר (שׁוֹפרות) — א האָרן, אין וועל־כען מען טרובעט רָאשׁ־הַשָּׁנָה אין שול.

שׁוּרָה (ות) — ריי, אָרדענונג.

שׁוּשָׁן —

שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב [יאַנקיף] — א ליד וואָס מען זינגט פּוּרים צו דער סעוּדָה.

שׁוּתָּף (שׁוּתָּפִים) — איינער וואָס האָט מיט אן אנדערען אָדער מיט נאָך עט־ליכע צוזאַמען א געשעפט.

שׁוּתָּפוּת — געזעלשאַפט, קאָמפּאַניע; געמיינשאַפטליכעס.

שְׁחִיטָה — דאָס קוילען, דאָס שעכטען.

שִׁיכּוֹר (שִׁיכּוֹרִים) — אָנגעטרונקען צופיעל מיט שטאַרקע געטראַנקען.

שִׁיכּוֹר'ן — טרינקען א סַך בראַנפען אָדער אנדערע שטאַרקע געטראַנקען.

שִׁיעוּר [שיר] — סָוף, מאָס, גרעניץ.

שִׁירָה — געזאַנג; הימן.

שְׁכִינָה — גאָטס אָפּשיין. עס רוהט אויף איר די שְׁכִינָה — מיינט: איר פָּנִים שיינט און לויכט.

שָׁכֵן (שְׁכֵנִים) — איינער, וואָס וואוינט ניט ווייט, אין דעם נעכסטען הויז.

שְׁכִנָה (ות) — א פרוי, וואָס וואוינט ניט ווייט.

שְׁכנ'טע — זעה שְׁכִנָה.

שָׁלוֹם — 1) פרידען. 2) א מענליכער נאָמען.

שָׁלוֹם מאַכען — שליסען פרידען.

שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם — 1) א באגריסונג ביים באַגעגענען זיך מיט א מענשען. 2) דער שרייב־נאָמען פון דעם באַוואוסטען אידישען שרייבער ש. נ. ראבינאָוויץ. 3) א העברעאיש ליד, וואָס מען זינגט פרייטאָג צו נאכט, ווען מען קומט פון שוהל.

שְׁלַח־מָנוֹת — „שיקט מַתָּנוֹת". די מַתָּנוֹת, וואָס מען שיקט פּורים איינער צום אנדערען.

שָׁלִיחַ (שְׁלוּחִים) — איינער, וועמען מען שיקט א גאנג.

שְׁלִיחוּת — א גאנג, וואָס מען שיקט איינעם ערגעץ.

שְׁלֹמֹה —

שֵׁם — א נאָמען.

שַׁמַאי —

שְׁמוּאֵל'יק —

שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה [שְׁמינעסרע] — אכצען וויכטיגסטע בְּרָכוֹת, וואָס מען זאָגט ביי יעדען דאוונען שטעהענדיגערהייט.

שְׁמוּרָה (ות) — מַצוֹת, וואָס מען באקט פון זעהר גוט אָפּגעהיטען מעל.

שִׂמְחָה (ות) — פרייד. א פריילליכער טאָג.

שְׁמִינִי־עֲצֶרֶת — דער אכטער טאָג סוּכּוֹת.

שְׁמוּעָה —

שַׁמָשׁ (שַׁמָשִׁים) — א באדינער אין שוהל.

שְׁנֵיאוּר —

שִׂנְאָה — פיינדשאפט.

שִׂנְאַת מָוֶת — א פיינדשאפט ביז צום טויט.

שָׁעָה [שָׁאָ] (מערצאָל אויך שָׁעָה) — שטונדע.

שְׁקָצִים — שטיפער. ניט אידישע קינדער.

שָׂרָה —

שָׂרָה'קה [סאָרקע] —

שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה — גרויס פרייד.

תְּבוּאָה (ות) — קארן, ווייץ און אנדערע געוויקסען, פון וועלבע מען מאכט ברויט.

תְּהוֹם — אָפּגרונד.

תּוֹרָה (ות) — הייליגע ביכער; דאָס אידישע געזעץ. די ביבעל. אלץ, וואָס מען לערנט.

תֵּיכֶף — גלייך.

תַּכלִית (תַּכלִיתִים) — ציל; רעזולטאַט.

תַּכרִיכִים — קלײַדער, וואָס מען טוט אָן אַ מֵת, אַ טויטען.

תֵּל — אַ בארג; מאַכען אַ תֵּל — מאַכען אַ בארג אַש, איבערפּירען, פאַרדאַרבען.

תּלִיָה (ות) — אַ קלאָץ צום אויפהענגען אַ מענשען, עשאַפאָט.

תַּלמוּד אָדער גמָרָא — אַ רײַ העברע-איש־אַראַמעאישע ביכער, אָנגעשריבען אין מֶשֶך פון 3-טען ביז'ן 8-טען יאָר-הונדערט; אַנטהאַלטען אידישע דִינִים, געזעצען און אַגָדות.

תַּלמוּד־תּוֹרָה — אַ שול אָדער אַ חֵדֶר פאַר אָרימע קינדער; אַ רעליגיעזע שול.

תַּלמִיד (ים) — שילער.

תַּמוּז — דער פערטער אידישער חוֹדֶש.

תָּמִיד — שטענדיג, אַלעמאָל.

תַּנחוּם —

תַּנַך — די ערשטע אוֹתִיות פון: תוֹרָה, נבִיאִים, כּתוּבִים. די ביבעל.

תַּענוּג (תַּענוּגִים) — פאַרגעניגען.

תּפִילָה (ות) — אַ געבעט.

תּקִיעָה גדוֹלָה — אַ לאַנגער בלאָז.

תִּשרֵי — דער זיבעטער אידישער חוֹדֶש.